STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08275

# VI ZOGT DER FETER

Sem Liptsin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ווי זאָגט דער פֿעטער

## ווען אַ וואָרט — איז אין אָרט

אַ וואָרט קאָן זיין טעמפּ ווי אַ פֿאַרזשאַווערטער טשוואָק.
אַ וואָרט קאָן זיין קלינגענדיג ווי אַ זילבערנער גלאָק.

אַ וואָרט קאָן אַריינשניידן ווי אַ חלף זיין שאַרף.
אַ וואָרט קאָן רירן ווי דער קלאַנג פֿון אַ האַרף.

אַ וואָרט קאָן אַ סך מיינען, אין צייט און אין אָרט.
אַ וואָרט קאָן אויך ווערן, פֿון אַ טראָפּן — אַ קוואָרט ..

סעם ליפּצין
(אַנקל סעם)

# ווי זאָגט דער פּאָעטער

אַפֿאָריזמען,
עפּיגראַמען,
סאַטירישע פּערלען און גראַמאָלאָגיען

פאַרלאַג „אמכאָ" • ניו יאָרק, 1960

SAM LIPTZIN, 2815 Barker Avenue, Bronx 67, N. Y.

# ווי זאָגט דער פעטער
# AS UNCLE SAYS

## פונ׳ם זעלבן מחבר:

גוט מאָרגן
אַ פריילעכס
קריג און זיג
קאָמפּלוסטיג
לאָמיר זינגען
ניט געזאָגט
אַ גוט־יאָנטעוו
הערט אַ מעשה
רויטע פעפערלעך
פאַר רייטע אָונטן
שפּיל — צום ציל
אַמאָל איז געווען...
לעבעדיג און לוסטיג
פאַר פרייד און פרידן
מיט געזאַנג אין קאַמף
געקעמפט און געלאַכט
אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט
צע־לאַכ־עס די טרערן
אויף לייטיש געלעכטער
איך לאַך פון דער וועלט
פראַ־אַקאַטאָרן, אַ שאַנד פאַרן
אידישן פאָלק! (פאַמפלעט)
קוועקזילבער׳ס פענשטיפערייען
„אין ספּאַיט אָוו טיערס“ (ענגליש)
אויף וואַקאַציע
פאַר קליין און גרויס

## גרייט צום דרוק:

1) „נעכטיגע טעג“ (מעשה׳לעך
פון די קינדער־יאָרן)
2) „פון שטאָט צו שטאָט“
(רייזע עפּיזאָדן)
3) מאָנאָלאָגן, הומאָר
און וויצנשאַפט

Copyright, 1960, by
SAM LIPTZIN
New York, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.

פּראָמפּט פּרעס
113 — 4טע עוועניו, ניו יאָרק 3, נ. י.
209

נוצן דעם מאַטעריאַל פונ׳ם בוך פאַר איבערדרוקן, איבערזעצן, אָדער באַנוצן אויף דער בינע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע — איז פאַרווערט אָן אַ דערלויבעניש פון מחבר.

# אינהאַלט


זייט

ווען אַ וואָרט — איז אין אָרט ...... 1
אַ וואָרט פון מחבר ........ 7


## א) פרילינג און האַרבסט


מיר מוזן היטן דעם גאָרטן ........ 15
אַלע ווילן זומער ! ............ 15
דער העלד — פון פעלד ........ 16
די זון גייט ניט אונטער ........ 16
צום נייעם מאָרגן ............ 17
בלומען . ................ 17
אַ נאַטירלעכער גאַנג ........ 18
דער מאָרגן וועט קומען ........ 18
אַ ווינטערדיגע חתונה׳קע ........... 19
דעם אָרעמאַנס בטחון ........... 19
אַ גאַסט אין שטעטל ............ 20
שנייאיגע פאַנטאַזיעס ............ 20
גרינס און שניי — ווי אַנדערע צוויי .. 20
די „פלו" — לאָזט ניט צורו ....... 21
עס קומען בלומען ............ 22
ערגעץ בליט ................ 22
מ׳מוז זיך היטן — פון פאַראַזיטן .. 23
גיט־פריקינג, לחיים ! ............ 23
האָט זיך צע׳זמר׳ט דער זומער ...... 24
„ס׳קאָצל קומט" ............ 24
ער האָט זיך פיין „געפיקסט" ...... 25
אַ נייע נעסט ............... 26
אייז — אַנשטאָט שפייז ........ 26


## ב) לעבן און קאַמף


וואָס מיינט אַ פירער ? ......... 27
אַ מייסטער אויף מיין טייסטער .... 27
כ׳זוך יעדן טאָג — פראָספעריטי אויפן ראָג ........... 28
פאַרטיק אַ הויז ............ 28
„לעיבאָר דעי" ............ 29
זיי מיר ניט קיין פעטער ........ 29
גיי „רעטאַיער" ............ 30
אַלץ בראַנד טייער — אַזוי אויך שטייער ........... 30
ניאַסן — אין די אָרעמע גאַסן ...... 31
ער קאָן ניט פאַרשטיין ............ 31
אַ שפרונג — צו אַלט און צו יונג .. 32
גוט, גוט — נאָר שלעכט ............ 32
ער ווייסט שוין יעם טעם ......... 33
„די איט יירסעלף" ............ 34


## ג) גראַבאַנאַלאָגן


„געפייערט מיין באָס" ............ 35
אַן אָפענער „21" ............ 38
מאַמע לשון ............ 40


## ד) אין „פעיאַלאַנד"


אַ טריאָ — רעסעסיע, דעפרעסיע, אַגרעסיע ............ 42
יעדער פעו׳טער — אַ צעשטערטער .. 42
דער רייכער אָנקל סעם ......... 43
עס שטייגט און שטייגט ......... 44
שי־עם און „שעלטער" ......... 45
קלאַפט אַ טויב אין שויב ......... 45
באַנקראָטן — ווי אויף נאָטן ....... 46
אויל אויפן פייער ............ 46
אַ מענטש — איז אַ מענטש ....... 47
דער פאָליטישן . ............ 47
ניטאָ קיין נייעס ............ 48
פון איין זייט שאַלט — פון צווייטן פאַלט ............ 48
שאַ — דער טאַטע שלאָפט ....... 49
אויפן וואָל סטריט בית־עולם ...... 49
רעאַקציע באַגריסט — ניט אומזיסט .. 50
די בוואַליעס — קריגן במאַליעס .... 50
חסר דעה — און האָט די דעה ...... 51
דער שיואָם — פון אַטאָם ......... 52
אַ „מייסטער" אויף מיין טייסטער ... 52
קריזעס, שמיזעס — אָט דאָס איז עס .. 53

דער פליער .................. 53
מעקסי, טעקסי — און טעקסעס ..... 54
„קאַלטס און וואַרעמס" ............ 54

ה) „די וועלט פון מאָרגן"

סאַוועטנלאַנד ..................... 55
סאָוועטישע אויסשטעלונג ........... 55
דער מענטש איז מקנא — די אָבעזיאַנע .................. 56
„ספוטניק" און „עקספּלאָרער" — הימלישע פאָרער ............... 57
דער „לוניק" — שיינט זוניק ....... 57
שלום — דורך הימל, ים און ערד .. 58

ו) ל ז כ ר ו ן

משה אָלגין ..................... 59
עס לעבט זיין ירושה ............. 61
אונדזער דבורה ................. 62
זייט פאַרגעסן — ניט פאַרגעבן ..... 63

ז) מ ש ל י ם

דער אָדלער און דער הונט ........ 64
דער העלפאַנט און דער אייזל ..... 65
פריי ווי אַ פויגל ............... 66
די נאָדל מיטן פאָדים ............ 67
מיט רויך און ריח — האָט ער כוח .. 68
צווייי שיך — צע־טענה'ן זיך ....... 69
דאָס צעפוילטע מוז פאַלן .......... 70

ח) יום־טוב'דיקס

פאָלקס מאַמע — פרייהייט .......... 71
צווישן אייגענע איבערן לאַנד ....... 71
עס בענקט זיך ................... 72
אַ גוט יאָר ..................... 72
אַז אָפן בריוול צו מיין געליבטער .. 73
אַ סאַלוט די פרויען — וואָס העלפן בויען ! ..................... 74
ברודערשאַפט וואָך ................ 74
לחיים, ישראל ! ................. 75
זינגט לידער — שוועסטער און ברידער ....................... 76
לאָמיר זינגען אַ נייעם ניגון ....... 76
דאָס לעבן דערגאַנצן — מיט זינגען און טאַנצן ..................... 77
עס לעבט דער ערשטער מאַי ......... 77
ס'ווערט וואַרעם — פון אַ געזאַנג אַלאַרעם ..................... 78
לחיים פאַרן „פאָטערס טאָג" ........ 78
איין שלום עליכם ................ 79
גוט יום־טוב מאַמע ............... 80
היינט איז די מאַמע — אַ דאַמע .... 80
פון דער מאַמעס וועגן ............ 81
א גוט יאָר אייך ! ............... 82
שלום עליכם — צום נייעם יאָר .. 82
אלול טעג ...................... 83
די אליל בלעטער — זאָגן אָן דעם יוצער ...................... 83
על חטא שחטאנו — מיט אַ כוונה .. 84
היום הרת עולם — געגן אַטאָמישן גולם ........................ 85
צרות — אויף כפרות ............. 86
די סוכה ....................... 86
לאָמיר בויען אַ סוכת שלום ! ...... 87
ער דערשמעקט יום־טוב .......... 87
חנוכה ניסים .................. 88
חנוכה יום־טוב ................ 88
ער האָט ליב חנוכה .............. 88
די אימפעריע ממשלה — קריגט המנס מפּלה ! ..................... 89
המן — אונטער אַן אַנדער נאָמען .. 89
ראַמט אויס דעם חמץ ............. 90
מכות כשר לפסח ................ 91
דער שוחט מיטן חלף — זאָגט לא מיט אַן אַלעף ................... 92
שבועות'דיג .................... 92
ט) גוט יום־טוב ווערטלעך .. 93
ווער איז אַ איד ? ............. 105
שיינקייט ..................... 105
אַ מינק־קאָוט — צי הויזן ? — שווער צו לייזן .................. 106
י) אַפאָריזמען און עפּיגראַמען ............ 107
אויסצוגן פון קריטיקער און שרייבער 204
אַ דאַנק — דעם בוך־קאָמיטעט און ספּאָנסאָרס ................. 207


שער־בלאַט געצייכנט — פון משה קיש

# ווער האָט מיך געמאַכט צום שרייבן?

## אַ וואָרט פון מחבר

מיט דעם בוך, וואָס איר האַלט אין האַנט: „ווי זאָגט דער פּעטער", דערגרייכט די צאָל פון מיינע אַפּאָריזמען און עפּיגראַמען צו העכער דריי טויזנט: אַריבער צוועלף הונדערט אין מיין בוך „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט", העכער צוועלף הונדערט אין אָט־דעם בוך, און אַרום טויזנט אין דעם בוך „אויף וואַקאַציע" און אַנדערע פון מיינע ביכער.



אין אָט־דער צאָל רעכן איך נישט אַריין די אַנדערע בקצור'־דיגע שאַפונגען, ווי סאַטירישע פּערזן, משלים, אַנעקדאָטן, שפּאַסן זאָגעלעך און פּעפּערלעך — וואָס איז נישט מעגלעך אויסצורעכענען.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער צאָל זיינען פאַראַן „געלונגענע און נישט געלונגענע", וואָס איך לאָז איבער פאַרן לייענער צו באַשטימען...

איך באַטראַכט דעם אַפאָריזם, דעם משל און עפּיגראַם פאַר אַ מיטל, וואָס זאָל העלפן אין אַ שמועס גרינגער צו מאַכן אַרויסצוברענגען אַ געדאַנק.

ווי זאָגט דער פּעטער אינעם בוך: „אַן אַפאָריזם, אַ גלייך וואָרט — שפּאָרט אַמאָל רייד אַ קוואָרט"...

צווישן די שאַפונגען אין צעטל פון מיינע זעקס־און־צוואַנציק ביכער און ביכלעך, געהערן צו אַ באַזונדער קאַטעגאָריע די זאַמלונגען „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט" און איצט — „ווי זאָגט דער פּעטער".

דערפֿאַר געפֿין איך פֿאַר נויטיק בײַ דער געלעגנהייט צו באַקאַנען מײַנע לייענער דערמיט, ווי אַזוי איך בין אַרויף אויף די רעלסן פֿון געדאַנק אָפּצוגעבן מער צײַט פֿאַר מײַנע „אײַנאָטעמדיקע" געדאַנקען, ווי צו מײַנע גרעסערע אַרבעטן: הומאָרעסקעס, דערציילונגען, טעאַטער־שפּילערייען, הומאָריסטיש־סאַטירישע לידער, מאָנאָלאָגן און פֿען־שטיפֿערייען.

הייבט זיך אָן מײַן פֿען־געשיכטע אָט אַזוי:

ווען איך בין אַלס אַ אינגל געקומען, אין 1909, קיין אַמעריקע, האָט מיר מײַנער אַ פֿעטער באַלד אָנגעוויזן, אַז איך דאַרף זיך אָנשליסן אין דער שניידער־יוניאָן (געוועזענע „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס"). אין דערזעלביקער צײַט האָט ער מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַן אַרבעטער דאַרף באַלאַנגען צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דאַרף ווערן אַ בירגער, און העלפֿן אין דער אַרבעט — דורך אַרבעטן, שטימען און דערוויילן סאָציאַליסטישע פֿאַרשטייער, וואָס זאָלן דינען די אַרבעטער־מאַסן.

אַזוי בין איך געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם ניו־יאָרק דאַן־טאַון ברענטש פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ניט האָבנדיק קיין געניטען באַגריף, וואָס עס מיינט „סאָציאַליזם", חוץ וואָס איך האָב געפֿילט אינסטינקטיוו, אַז דאָס מוז זײַן גוט פֿאַר די אַרבעטער און די אָרעמע מאַסן.

מײַן אַקטיוויטעט איז דאַן באַשטאַנען אין העלפֿן אין די קלוב־צימערן פֿון דעם סאָציאַליסטישן ברענטש, און אין צײַט פֿון די וואַלן (אָפֿט אויך בײַ אַנדערע געלעגנהייטן) אין ברענגען די „פּלאַטפֿאָרמע" (אַ געוויסן מין לייטער־אויפֿשטעל פֿאַרן רעדנער), פֿאַרשפּרייטן פֿלוג־בלעטלעך און פֿאַרקייפֿן פּאַרטיי־ליטעראַטור אויף די ראָגן פֿון דער אידישער איסט־סאַיד, וואו די מערסטע אַרבעט איז אָנגעפֿירט געוואָרן אויף אידיש צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן, פּעדלער און נײַ־געקומענע אָרעמע אימיגראַנטן.

איין מאָל אין אַ פֿרײַטאָג אויף־דער־נאַכט טו איך מײַן באַשטימטע אַרבעט, ברענג די פּלאַטפֿאָרמע אויף ראָטגער סקווער, לעבן פֿאָנטאַן, וואו עס איז שוין געווען אַ שטענדיקע אינסטיטוציע פֿאַר סאָציאַליסטישע אויפֿקלערונג־אַרבעט. גאָר גיך האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ היפּשער, פֿרײַנטלעכער עולם פֿון דער איסט־סאַיד. מיר האָבן זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן די בלעטלעך, פֿאַרקויפֿן פּאַמפֿלעטן. נאָר — דעם באַשטימטן פֿאָרזיצער און רעדנער האָט מען נאָך אַלץ ניט געזען.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז געקומען דער רעדנער, וועלכער האָט שוין געהאַט אָפּגערעדט אויף אַ צווייטן מיטינג און האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער וויל גיכער אָפּרעדן דאָ, ווײַל ער דאַרף נאָך שפּעטער רעדן בײַ אַ גרעסערער פֿאַרזאַמלונג אין קלינטאָן האָל.

מיר זוכן אַ פֿאָרזיצער צווישן דער שטענדיקער גרופּע מענטשן, וואָס העלפֿן אין דער אַרבעט. איינער בעט אַ צווייטן, און קיינער וויל ניט נעמען

אויף זיך די אַרבעט צו ווערן דער פֿאָרזיצער.

דער רעדנער איז געווען וויליאַם קאַרלין, דער סאָציאַליסטישער טוער. דערלאַנגט ער מיך אַ נעם פֿאַר דער האַנט און זאָגט אַזוי: „גיי־אַרויף אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, זאָג עטלעכע ווערטער עס זאָל צוקומען נאָך מענטשן, און שטעל מיך פֿאָר פֿאַרן רעדנער".

איך בין אַרויף אויף דער פּלאַטפֿאָרמע אַ היפּש ביסל צעשראָקן, נאָר ווי גיך איך האָב איינגעשטילט דעם עולם און געבעטן די אַרומיגע צוצוקומען נעענטער, האָט זיך מיר „געגומען רעדן" און עס האָבן זיך ביי מיר ווי אַרויס־געכאַפּט אַ פּאָר שפּאַסיגע באַמערקונגען וועגן דעם. ווי אַזוי איך בין היינט צום ערשטן מאָל אַ פֿאָרזיצער, דערנאָך אַ פּאָר „ווערטלעך" וועגן טאַמאַני האָל.

ווען איך האָב דערהערט ווי דער עולם לאַכט געשמאַק, האָבן זיך ביי מיר גענומען שיטן ווי פֿון אַרבל וויצן, פֿאַרגלייכונגען צווישן די סאָציאַליסטן און די אַנדערע פּאַרטייען און — איך האָב פֿאָרגעשטעלט דעם רעדנער וויליאַם קאַרלין.

דער רעדנער האָט באַלד געמאַכט אַ פּאָר קאָמפּלימענטן אויף מיין רע־דנונג וועגן דעם, וואָס איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קאָן טראָגן אַ פּלאַט־פֿאָרמע, אָבער גאָרניט זאָגן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע... ער האָט דערביי איבערגעזאָגט מיין „זאָגעלע". וואָס איך האָב געזאָגט פֿאַרן עולם, אַז אַלס שניידער־אינגל ווייס איך, אַז „יעדער מענטש טראָגט אַ קאַפּאָטע, אָבער ניט יעדער איינער קאָן אויפֿנייען אַ קאַפּאָטע"... וואָס האָט געמיינט: טראָגן אַ פּלאַטפֿאָרמע איז איין זאַך און רעפּרעזענטירן די פּלאַטפֿאָרמע פֿון דער פּאַרטיי איז אַ צווייטע זאַך...

דער מיטינג האָט זיך פֿאַרענדיקט. מיר האָבן אַריינגעטראָגן די פּלאַט־פֿאָרמע אין די קלוב־צימערן און אַוועק צום גרויסן מיטינג אין קלינטאָן האָל.

ערשט דאָרטן אין קלינטאָן האָל, זיצנדיק אין אַ זייט צו הערן און לער־נען פֿון די רעדנער, שטעלט מען פֿאָר וויליאַם קאַרלינ׳ען. ער הויבט־אָן אין זיין רעדע באַלד צו דערציילן, ווי אַזוי אַ „גרינער" אינגל איז היינט ביי זיינעם אַ מיטינג אויף ראָטגערס סקווער געווען צום ערשטן מאָל אַ פֿאָר־זיצער און ער האָט באַלד גענומען איבערגעבן אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט. דער עולם האָט געשמאַק געלאַכט. נאָר איך האָב זיך איינגענורעט אין זיך אַליין, ווי אַ באַאיוו אינגל, וואָס קריגט אַ קניפּ אין בעקל פֿון רבי׳ן. איך האָב זיך געשראָקן, מ׳זאָל מיך ניט דערזען און דערקענען.

פֿון דעמאָלסט־אָן בין איך „דערהויבן" געוואָרן: ניט נאָר געבראַכט די פּלאַטפֿאָרמע, נאָר — געווען פֿאָרזיצער אויף דער פּלאַטפֿאָרמע...

אַזוי ביי איך דערגאַנגען צו אַ צווייטן עפּיזאָד, וואָס האָט מיך דערמו־טיקט צו פֿאַרטראַכטן און שאַפֿן אַ משל, אַרויסזאָגן אַן אַפֿאָריזם, אַ גלייכ־ווערטל, א. אַז. וו.

איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין פּאָרזיצער, אויפהאַלטן און אונ־טערהאַלטן דעם עולם, ביז עס וועט אונטערקומען דער רעדנער.

איך שטיי אויף דער פּלאַטפאָרמע און דערצייל דעם עולם, ווי גוט עס איז סאָציאַליזם, וואָס סאָציאַליזם קאָן אַלץ אויפטאָן פאַר די אָרעמע פאָלקס־מאַסן. איך ווייז־אָן אויף די סאָוועט־שעפער פון איין זייט, אויף דער רייכקייט פון די באַלעבאַטים — פון דער צווייטער זייט; אויף אונזערע וואוינונגען אין דער איסט־סאַיד, און אויף די רייכע וואוינונגען אַפּ־טאַון. איך באַשפּרינקל מיין רעדן מיט משלים, אַפאָריזמען, עפּיגראַמען, וואָס פאַלן מיר איין אין פאַר־לויף פון מיין רעדן.

אינמיטן פון די רייד האָב איך דערזען אָנקומען דעם רעדנער און וויל אים פאָרשטעלן. נאָר איינער פון די צוהערער האָט אויסגעשריען: „אַז סאָ־ציאַליזם איז גוט, וויסן מיר; אָבער ווי מאַכט מען דאָס?“

איך האָב זיך אין דעם מאָמענט דערפילט הילפלאָז, ניט וויסנדיג וואָס צו ענטפערן. אָבער באַלד איז מיר איינגעפאַלן אַ משל, וואָס האָט מיך גע־ראַטעוועט.

איך נעם דערציילן: לעבן מיר, אין בעקעריי, איז אַריינגעקומען אַ פרוי קויפן טאָרט. די פאַרקויפערין שניידט־אָפּ אַ שטיק טאָרט און גיט דער פרוי צו פאַרזוכן. די פרוי האָט זיך פאַסמאַקעוועט: זייער גוט, אַ מחיה, מלא־טעם. נאָכדעם ווי זי שלינגט־אַרונטער דעם ביסן, פרעגט זי די פאַרקוי־פערין: „זאָגט מיר, איך בעט איך, ווי אַזוי מאַכט איר דאָס?“

צעלאַכט זיך די פאַרקויפערין און ענטפערט איר: „איך וויס אַז ס'איז גוט, דערפאַר שטיי איך דאָ דאָס צו פאַרקויפן. אָבער אויב אירווילט וויסן, ווי מען מאַכט דאָס, דאַרפט איר פרעגן דעם בעקער“. און באַלד האָב איך פאָרגעשטעלט דעם בעקער, דאָס הייסט, דעם רעדנער, וועלכער האָט זיין גאַנצע טעמע געווידמעט דער פראַגע: „ווי אַזוי צו מאַכן דעם טאָרט“ — ווי צו ברענגען סאָציאַליזם.

אינטערעסאַנט איז: ווען איך בין אויף צימאָרגנס אַריין אין דער בעקעריי לעבן הויז קויפן אַ ברויטל, הער איך ווי אַ פרוי דערציילט־איבער פאַר דער באַלעבאָסטע פון דער בעקעריי, ווי זי האָט נעכטן געהערט אַ אינגל רעדן אויף ראַטגערס סקווער, און זי גיט דערביי איבער דעם משל פונם בעקער מיטן נמשל ווי צו מאַכן סאָציאַליזם. דאָ האָב איך דערפילט דעם ווערט פון אַ משל. און אַ גלייכוואָרט: אַדאַנק דעם משל האָט שוין די פרוי פאַרשפּרייט דעם נמשל, און דאָס איז דאָך געווען מיין ציל.

נאָך אַ דערפאַרונג, וואָס האָט מיך אַ שטיס געטאָן צו באַשפּרינקלען דאָס רעדן מיט הומאָר־געווירצן, איז געווען אַזאַ פאַל:

איך ברענג די פּלאַטפאָרמע אויף ראַטגערס סקווער, עס קלייבט זיך גלייך צונויף אַן עולם. נאָר דער ערשטער רעדנער, וועמען איך דאַרף

פאַרשטעלן, האָט אַלעמאָל ליב געהאַט דעם טרונק, ס'הייסט — פאַרוויקן״ די ליפּן... זאָגט מיר איינער, וואָס איז מיט אים געקומען: „דו קענסט באַלד עפענען דעם מיטינג. איך גיי נאָר אַריין אויף אַ מינוט צו יצחק גאָלדבערג'ן אין ווייך־געשעפט (דאָס איז געווען אַ באַוואוסטע „אינסטיטוציע״ פון געטרונקען אויף איסט־בראָדוועי). מיר וועלן באַלד זיין צוריק״.

איך עפן דעם מיטינג, נאָר איך פיל, אַז מיין „באַגאַזש״ לאָזט זיך באַלד אויס, און איך זע ניט דעם רעדנער.

דערקלער איך דעם עולם, אַז דער רעדנער וועט באַלד זיין; ער איז געוויס אַריין כאַפּן אַ „קאַווע״... און איך דערצייל זיי אַ מעשה: אין מיין שטעטל פלעגט קומען אַ טעפער פאַרקויפן כלים. ער האָט אויך געהאַט עטלעכע פּאַסאַזשירן אויף צו פירן צוריק אין זיין שטאָט אַריין.

איין מאָל, ווען ער האָט פאַרקויפט אַלע טעפּ און די פּאַסאַזשירן זיינען שוין געזעסן אין וואָגן, פרעגן זיי זיין פרוי, וואו איז דער טעפער און וואו איז דאָס פערד?

פאַרענטפערט זיך די פרוי: „ווען אַ פערד איז דאָרשטיק, קאָן ער ניט לויפן; האָט מיין מאַן אים גענומען אָנפּאָיען [אָנטרינקען]. אָבער זיי וועלן באַלד זיין״.

אין די רייד האָט איינער דערזען ווי דער רעדנער איז אַרויס פונעם ווייך־געשעפט. וואָס איז געווען דערביי. און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו מיר אינזערהויך: אָט גייט שוין דאָס פערד — ער איז שוין ,אָנגעפּאָיעט׳.״

איך האָב זיך אַביסל פאַרלאָרן פון מיין אייגענער „חכמה״ און גלייך פאַרגעשטעלט דעם רעדנער.

דער רעדנער האָט גערעדט זייער וואַרעם און אינטערעסאַנט. ווען ער האָט געענדיגט, האָט איינער אינמיטן פון אַפּלאָדירן אויסגערופן: וואָס טויגן מיר די קונצן, אַז „מ'פּאָיעט״ טאַקע אָן דאָס פערד, פאָרט עס גאָר אַנדערש...

דער רעדנער האָט ניט געוואוסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. דער עולם האָט האַרציג געלאַכט. נאָר איך האָב עפּעס געלערנט פון דער דערפאַרונג, ווי פאָרזיכטיג מ'דאַרף זיין מיט דעם שאַרף פון „אַריינזאָגן״...

געווען איז אויך אַ פאַל, ווען דריי צדדים האָבן געפּרואווט אויסטייטשן מיינס אַ מעשה'לע יעדער איינער אויף זיין אופן, וואָס זאָל אים דינען פאַר זיין צוועק.

מיר, די פּראָגרעסיווע אַרבעטער. האָבן אָנגעפירט אַ קאַמף אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד״, אין דער שניידער־יוניאָן, צו פאַראייניגן דריי באַזונדערע לאָקאַלן אין איין לאָקאַל, כדי ניט צו לאָזן די באַלעבאַטים און גלייכצייטיג די ביוראָקראַטן פון דער יוניאָן אויסצונוצן איין לאָקאַל געגן צווייטן.

איך בין דאַן געווען דער פאָרזיצער פונם אָפּערעיטאָר־לאָקאַל פינף און גערופן צו אַ פאַראייניגונג מיט די שניידער און פּרעסער אין איין לאָקאַל.

כדי צו שטאַרקן מיינע אַרגומענטן, האָב איך זיי געגומען דערציילן אַ מעשהלע פון „אַ שניידער'ס חלום".

אין מיין רעדן האָב איך גענומען וועבן דאָס מעשה'לע אַזוי:

אַ שניידער איז איינגעשלאָפן ביי דער אַרבעט אויף זיין טיש. אין שלאָף האָט ער דערהערט אַ קריגעריי צווישן זיינע געצייג.

דער פינגערהוט האָט זיך צע'טענה'ט, אַז ער איז דער שפיץ־פינגער, אַן אים וואָלט קיין נאָדל ניט געקאָנט דורכקריכן איר שווערן וועג אין דעם געוואַנט... האָט די נאָדל זיך איפגעשטעלט און גענומען „שטעכן" אויף צוריק: „העי, דו לעכערדיגער נאַר! דיין גאַנצער כוח איז דאָך אַ פינגער־הוט די גרויס. דו פאַרמעסט זיך מיט מיר? וואָס איך האָב קראַפט אין שפיץ נאָדל, האָסטו דאָך ניט אין דיין גאַנצן קיילעכדיגן בייכל"...

דאַ האָט דער פאָדעם זיך גענומען פּלאָנטערן, דרייען און וואָרפן: „זעט נאַר, ווער עס רעדט — גאַנצע מאַכערס. ווען ניט איך, דער פאָדים, וואָס האַלט דעם געניי צוזאַמען, וואָלטן דאָך אַלע מענטשן אַרומגעגאַנגען נאַקעט"...

דאָס פרעס־אייזן איז באַלד געוואָרן אַן „אָנגעצונדענער". ער האָט זיך גענומען קאָכן און ברענען: קוקט נאָר אָן די נאַרישע באַרימער! סך־הכל, ווען איך פאַרגלעט אַלץ ניט, פרעס ניט אויס זייערע קנייטשן און פאַלדן, וואָלט זייער אַרבעט אַ שיין פנים געהאַט!...

אַז די ניי־מאַשין האָט דאָס דערהערט, האָט זי גענומען לויפן און זשומען מיט איר כר־פּענדיגער שטימע: „טשערפּאַכעס וואָס איר זיינט! ווען ניט איך, וואָלט איר דאָך פאַרלאָרן געגאַנגען מיט אייער קריכן. דאָס וואָס איך פאַר־אָפּ אין אַ מינוט, דאַרף אייך דאָך נעמען וואָכן...

ווען די שער האָט דאָס מיט אירע צוויי אויערן דערהערט די רייד, האָט זי זיך אָנגעשטאָלט מיט כעס און זיך אַ לאָז געטאָן מיט אירע צוויי שפיצן גרייט אַלעמען צו צעשניידן: „איר גאָרנישטן, איר פּיפּערנאָטערס, וואָס מאַכט איר פון זיך אַ וועזן? ווען ניט איך, די שער — ווען איך צעשנייד ניט די סחורה, וואָלט איר דאָך אפילו אויף דער וועלט ניט געווען. ווען איך שנייד ניט אָן, האָט איר דאָך ניט וואָס צו טאָן"...

ווי גיך די שער האָט אָבער גענומען טאַנצן אויפן טיש מיט אירע שפיצן, האָט דער שניידער אויפגעציטערט אין זיין חלום און אין זיין טיפן שלאָף זיך צעשריען:

— איר זיינט משוגע, צי וואָס? ווייסט איר ניט, אַז אַלע זיינען וויכ־טיג, ווען מ'איז צוזאַמען. יעדער איינער קאָן ביישטייערן דאָס, צו וואָס ער איז באַשאַפן. אָבער זייט ווייסן, אַז ווען ניט איך, דער שניידער, וואָס האַלט אייך צוזאַמען פאַראייניגט ווי איין פאַמיליע ביים טיש, וואָלט איר דאָך ניט געווען קיין געצייג, נאָר ברזל און שטויב. צוזאַמען, איך מיט אייך, און איר

מיט מיר — זי'נען מיר אַ כוח, וואָס זעט זיך אָן אין לעבן. און מיר צו־זאַמען קאָנען באַקלײדן די וועלט.

אַ ביזנעס־אַגענט (אַ „וואָקינג דעלעגאַט") פון דעם פרעסער־לאָקאַל, האָט זיך צוגעהערט צו די רייד, און אויך אַ טוער פון דעם שניידער־לאָקאַל, האָבן באַלד אויסגענוצט דאָס מעשהלע ביי זייערע לאָקאַלן פאַר זיך.

דער ביזנעס־אַגענט, וועלכער איז געווען אַ פּראָסטער חי־וקים, האָט געהאַט איבזינען זיינע אינטערעסן. עס איז געווען פאַר די וואַלן, איז ער אַרויף צו זי'ן מיטינג און געפּרואווט איבערגעבן מיין מעשה'לע אויף זיין אופן מיט זי'נעם אָן אויספיר: אַז דער „שניידער", דאָס הייסט, דער כוח, וואָס האַלט צוזאַמען די אַרבעטער, איז דאָס דער ביזנעס־אַגענט. און אַדאַנק אים האָבן די פּרעסער אַ לאָקאַל פאַר זיך.

ביי דעם שניידער־מיטינג האָט שוין דער שניידער־טוער פון לאָקאַל געפּרואווט אויסנוצן דאָס מעשהלע און האָט שוין אַזוי אויסגעטייטשט, אַז דער „שניידער", ס'הייסט, דער שניידער לאָקאַל, איז דער וויכטיגסטער פון אַלע לאָקאַלן. די אָפּערעיטאָרס און פּרעסערס זיינען ניט מער ווי געצייג, אָבער דער שניידער — איז דער אמת'ער שניידער. . .

ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן געפּרואווט צו צעדרייען דעם געדאַנק פון דער מעשה'לע, איז אָבער דער אמת'ער געדאַנק געוואָרן זייער פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער.

דער סוף איז געווען, אַז דעם שניידערס געדאַנק און חלום, איז געוואָרן אַ פאַקט אין לעבן — די לאָקאַלן האָבן זיך פאַראייני'גט אין איין גרויסן שטאַרקן לאָקאַל.

---

אָט־די אַלע עפּיזאָדן האָבן אין מיר דערוועקט אַ פאַרלאַנג און מיך אינספּירירט צו באַהילפיג זיין די פאָלקס־מאַסן, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען אַרויס־העלפן מיט אַ משל, אַ וואָרט־שפּיל, אַ אַפאָריזם, אָדער אַ מעשה'לע — עס זאָל זיין שלאַגענדיג, קלאָר און דינען דעם צוועק, ווען זיי דאַרפן דאָס נוצן.

דערפאַר פיל איך זייער צופרידן, ווען איך הער אָפט פון פאָלק'ס מויל „איבערגעזאָגט" פון מיין „הומאָר און ווי'צנשאַפט"־אַרסענאַל אַ גלייכ־וואָרט. איך פיל דאַן, אַז איך האָב מיט עפּעס באַלוינט די פאָלקס־מאַסן, פון וועמען איך האָב אַזויפיל געלערנט.

**סעם ליפּצין**



# א) פרילינג און האַרבסט

## מיר מוזן היטן דעם גאָרטן!

אַ לויב צו די פעלדער, אַ לויב צו דעם גאָרטן,
פאַר די גרינסן און פרוכטן —שפּייז אַלע סאָרטן:
ווייץ, קאָרן און גערשטן — אין גאָלדענע זאַנגען,
בעבלעך, יאַגדעס און ווינטרויבן, אויף געפלאָכטענע שטאַנגען.

אוגערקעס, קרויטן, גרינע און רויטע טאָמאַטן —
פעפערלעך, ריבעלעך און אַלע סאָרטן סאַלאַטן,
בולבעס, ציבעלעס, בוריקעס, רעטאַך און מערן —
מיליאָנען פּראָצענטן פון דעם קליינעם זוימען־קערן.

אין דער ערד, אויף דער ערד, און הויך אויף די צווייגן,
די מאַמע־ערד זאָרגט, די פּראָדוקציע זאָל שטייגן...
און זאַטקייט פאַר אַלעמען גלייך וויל זי געבן —
אין שלום און רו זאָל די וועלט קאָנען לעבן!

נאָר מאַכט זיך אַמאָל, עס ווערט שווער צו פאַרהיטן
פון די „כאַפּערס" אין גאָרטן, די אינזעקטן, פּאַראַזיטן,
פון זשוקעס און היישעריקן, בינען און פליגן,
פון קראָליקעס, פעלד־מייז, חזירים און ציגן.

עס צעוואַקסט זיך אויך ווילד־גראָז, פון קראָפּיווע פלאַנצן,
און וויל אַלץ וואָס שיין איז מיט ווילדקייט „באַקראַנצן"...
יעדער איך פון דער מאַמע ערד ניט אַנטלויפן, נאָר מוז בלייבן דאָרטן —
העלפן, יעטן און היטן, פאַר דער צוקונפט דעם גאָרטן!

## אַלע ווילן זומער!...

פאַרשקלאַפטע לענדער וואַכן־אויף, אַוועק די אַלטע צייטן,
זיי ווילן שטיין אויף זייער ערד, זיי מ׳זעט דאָס איצט ביי לייטן...

קאָכט אין ברויזט אַ פייער־פלאַם, געגן פיין, נויט און קומער.
די זון זי האָט אַרויסגעשיינט — ווילן אַלע איצטער זומער..

## דער העלד — פון פעלד...

ווי לאַנג איז ער געשטאַנען אַן עלנטער אין פעלד,
אַ פאַרגעסענער, אַ דערפרוירענער — אַ נעבעכדיקער העלד...
פאַראָרעמט און נאַקעט, מיט אַ ציטער אין געביין,
אַן מענטשן, אָן פויגל — אינגאַנצן איינזאַם, אַליין.

אַ קאַלטע ווייסקייט באַדעקט האָט זיין צעשויבערטן קאָפּ,
ווי אייגער וואָס איז שוין פון דער סצענע אַראָפּ...
ווי אַ פאַר'הלש'טער בעטלער אויפן ראָג פון אַ גאַס —
ניט באַשיצט, ניט באַשירעמט — דורכגעווייקט, נאַס...

געוואָרפן אין קעלט זיך, געכאַפּט אַ פראָסטיגן בים,
אָפט אין דרייען געדרייט זיך פון יעדן שמיץ פון יעדן רים.
ביז — געקומען דער פרילינג, ווי אַ מאַמע — מיט פרייד,
און דער זומער האָט געבראַכט אים, ווי אַ טאַטע — אַ קלייד.

ווידער מיט מענטשן און פויגל אין נאָענטן באַריר.
זומער לעב האָט באַלעבט אים — אין אַ יונגט-קאַוואַליר.
שטייט ער אַ דערפרישטער, מיט בלומען-קרענץ אויפן קאָפּ —
און איך קני זיך צום ב ו י ם , ווען עס פאַלן די עפּל אַראָפּ

## די זון גייט ניט אונטער...

שפּילן האַרבסטיגע ווינטן איבער טעלעגראַף-דראָטן,
דיריגירט פונם טייוול, וואָס האָט געשריבן די נאָטן...
אַ בוים שטייט און רייסט זיך, ווי ער וואָלט געזונגען אַ סאָלאָ,
ווען אַלץ אַרום אינם גאָרטן, פילט אַ שרעק, אַ בהלה...

אַוועק איז דער זומער, אַוועק אַלע טרוימען,
דער טרוים איז איצט קוילן — אַ רויך זען פון קוימען...
האָבן שיך און אַ מאַנטל, געגוג שפּייז פאַרן ווינטער,
און די הויפּט-זאַך — זיך היטן, צו זיין אַ געזונטער...

נאָר אָפּטימיסטיש דער פעלד-מענטש, לאַכט פון ווינטיגן צאָרן,
ער האָט דאָס פעלד שוין פאַראַקערט, פאַרזייט ווינטערדיגן קאָרן.
שטייט ער מיט הענט אין די אַרבל, אָן זאָרג און אָן קומער,
אויב דאָ איז איצט ווינטער — איז ערגעץ איצט זומער! ..

## צום נייעם מאָרגן

כאָטש דער טאָג איז פאַרכמאַרעט,
פאַרדעקט מיט טומאַנען דער הײנט —
דאָך ערגעץ־וואו אין די הויכן,
די זון וואַרעמט און שײַנט. . .

כאָטש דער הימל אַ פאַרוויינטער
און ער קאַרגט ניט קיין טרער —
דאָך וועט דער מאָרגן זיין לויטער,
וואַרעמען און שײַנען נאָך מער. . .

כאָטש די לופט איז אַ שווערע,
פול מיט גאַז און מיט סם —
דאָך וועלן די „נייע ווינטן" צעטרייבן,
מאַכן ריין לאַנד און ים. .

כאָטש ווייט אַוועק איז מיין נעכטן,
צעגאַנגען ווי דער שניי לעצטן יאָר —
דאָך וועט דער מאָרגן מיין הײנט זיין,
מיט דעם קומען פון נייעם קאַיאָר! .

## ב ל ו מ ע ן !

„עס האָבן אין גאָרטן זיך צעוואַקסן די בלומען,
די שיינע, ליבע קינדער פון מאַמע־ערד געקומען.
די לילים, די ראָזעס, די דעיזיס און פיאָלעטן,
זיי ריכטיק צו באַזינגען, פעלן אפילו ווערטער פאָעטן.

זיי לויכטן ווי גרינע אויגן, שײַנען בלאָ־רויט ווי זונען־שטראַלן,
רייסן זיך צום לעבן, ווילן ניט אַ בלעטעלע זאָל פאַלן.
אין שטורעם טוליען זיי זיך, באַשיצן איינע די צווייטע,
און אין זון־שיין זיי פוצן זיך, זיין יום־טוב׳דיג באַקליידטע.

שמעקט דער גאָרטן מחיה׳דיג, די צווייגן פעכערן, רוישן,
איינעם געפעלט אַ קאָרן־בלום, אַ צווייטן — אַ קאַרנעישאָן.
און דער געוויינער קוועלט מיט ליבשאַפט פון אַ מאַמען,
ווי עס וואַקסט אַלץ אין גאָרטן — אין לעבן צוזאַמען! . . .

# אַ נאַטירלעכער גאַנג

עס האָבן צעשפּילט זיך די אַסיען־מעלאָדיעס,
מיט שטורעם־קלאַרנעט און פייף פונם ווינט.
ציטערן בוימער אין גאָרטן און פעלד,
ווי קינדער — פאַר בילנדיגע הינט.

טעלעגראַפישע דראָטן ווי סטרונעס אויף פידל,
וויברירן אין ציטער פון הימלישע הענט.
באַגלייט ווי פון פּייקלעך קלאַפּן די לאָדנס,
בראַזגען אין פענצטער, קלאַפּן אין ווענט.

די שויבן פאַרמאָלן מיט קוויטן פון פראָסט,
פאַרדעקט איז דער קומען אין אַ קיטל פון ווייס.
גליטשיק דער וועג, און געפאַר יעדער טראָט,
און אומעטום גלאַנצט אַ שפּיגל פון אייז.

און אַלץ איז נאַטירלעך, עס דאַרף זיין אַזוי,
נאָר ווערט איז צו לערנען עפּעס דערפון:
מעג בלאָזן דער ווינט, מעג ברענען דער פראָסט —
זיי קאָנען ניט פאַרהאַלטן דעם גאַנג פון דער זון! ..

# דער מאָרגן וועט קומען!

ס׳האָט ערשט זיך געיאָוועט אַ פרישינקער שניי,
נאָר איך בין ניט געוואָרן איבערראַשט אָט דערפון.
זיין ווייסקייט האָט אַ ווײַלע דאָס אויג אָפּגענאַרט,
ביז ס׳האָט זיך באַוויזן מיט שטראַלן די זון...

נאָר אפילו ווען שניי זאָל באַגלייט זיין פון פראָסט,
און באַדעקן די טירן און פענצטער מיט אייז —
קאָן ער לענגער ניט לעבן פון זיין ווינטער צייט.
די זון איז וואַך געגן וואָלקנס פון בייז...

און אויב גרויז יוערט אַרום און פאַר די אויגן אַ ווינט,
און אַ טראָט ניט צו מאַכן אַהער און אַהין —
קוק איך אויף די בלומען ביים שרייב־טיש אין צימער,
וואָס זאָגן אָן, אַז אויך אין דרויסן וועט באַלד בליען אַלץ גרין!

## אַ ווינטערדיגע חתונה׳קע...

אַ חתונה׳קע שפּילט זיך איצט אָפּ אין דער לופט.
עס האָבן זיך פאַראייניגט זאַווערוכע און פראָסט.
די חתונה׳קע איז אַ רייכע, אַלע לויפן און פליען,
ווער קאָן דען אָפּשאַצן, וויפיל די כלי־זמר עס קאָסט?...

עס בראַזגען די טירן, עס צימבלען די פענצטער.
דער ווינט, ער באַגלייט זיי צו אַלץ מיט אַ פייף.
און די הויפּט־מחותנים, רב שנייער, רב ווינטער —
אין ווייסע העמדער פאַרפּוצטע, האַלטן זיך שטייף.

יונג און אַלט טאַנצן, מיט די פיס אין דער לופטן,
ווערן באַשאָטן מיט „קאָנפעטי״ — שניי־ווייסער פּוך.
אַלע פּאַטשן די הענט און רייבן די פינגער
און פרואוון זיך דערוואַרעמען מיטן אייגענעם דוך.

נאָר מיינט ניט, חלילה, ס׳איז אַ פּאָרל ניט־גוטע,
וואָס זיינען פאַרטרונקען אין שרעקלעכע זינד.
אין צייט פון חדשים — וועלן זיי ווערן סטאַטעטשנע,
מיטן קומען פון פרילינג — וועט קומען אַ ב ל י ע נ ד קינד!...

## דעם אָרעמאַנ׳ס בטחון!

אַ קאַלטע מלחמה האָט הער וועטער דערקלערט,
אַ קעלט שניידט פון אויבן ביז טיף אינם גרונט,
ניט מעגלעך אין דרויסן צו גיין אויף שפּאַציר,
אַ רחמנות אפילו אַרויסצולאָזן אַ הונט...

זיצט מען פאַרגליווערט אין הויז ביים קאַמין,
פאַרקילט איז די נאָז, פאַרפרוירן די הענט.
די פענצטער פאַרגליווערט מיט פראָסטיגן שניי,
ווי אַן אייז־באַרג אַרום זיינען פאַרפרוירן די ווענט.

און ניטאָ איז קיין „סטים״, ניטאָ איז קיין האָלץ.
און קוילן אין עמער? — קיין זכר דערפון.
נאָר דער טאַטע, ער רייבט זיך מיט בטחון די הענט:
ס׳וועט וואַרעם זיין, קינדער, ס׳מוז שיינען די זון!...

## אַ גאַסט אין שטעטל...

געקלאַפּט אין טיר, געקלאַפּט אין פענצטער,
געשטערט דאָס שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.
מיטאַמאָל געגומען טאַנצן, פייפן:
כ'האָב ווייסע בלומען דיר געבראַכט...

כאַפּ איך גיך אַ בליק אין פענצטער
דורכן פאַרהאַנג אין אַ שפּאַלט.
דערזען: עפּעס אין ווייסן קיטל,
טאַנצט ווי אַ ווילדער: ס'איז מיר קאַלט!

אויף גיך האָב איך זיך איינגעטוליעט,
מיט זיבן קליידער איבער מיר.
פאַרשטעלט אַ וואו נאָר אַ שפּאַרונג,
ניט הערן קלאַפּן פענצטער, טיר.

פאַרנורעט האָב איך זיך אין קישן.
ניט הערן דעם געוואָי און קלאַג.
שטיל געציילט נאָר די מינוטן,
גיכער ווערן זאָל שוין טאָג.

ענדלעך איז דער טאָג געקומען.
איך הער ס'איז פריילעך, מ'לאַכט און שפּאַסט.
כאַפּ איך אַ קוק אַרוים אין דרויסן —
ס'איז „פעטער שנייער" פאַראַן צו גאַסט!...

## שנייאיגע פאַנטאַזיעס...

שנייעלעך, ווי שיינע פאַנטאַזיעס,
טראָגן זיך אין די הויכן.
ווי זיי וואָלטן עפּעס וועלן
אין דער לופטן דערגרייכן.

פלאַטערן זיי און פלאַטערן,
ביז זיי דערפילן זיך געפאַלן...
אַזוי ווערן שנייעלעך — ווי פאַנטאַזיעס,
צערונען אין לעבנס־קוואַלן...

## גרינס און שניי — ווי אַנדערע צוויי...

צווישן זומער און ווינטער איז אַ גרויסער קאָנטראַסט,
עס פעלט זיי נאָענטע פריינטשאַפט. דאָס קומען צו־גאַסט.
דאָך ווינטער און זומער האַלטן זיך ווי אַנדערע צוויי.
זומער שטעלט צו די גרינסן, ווינטער — דעם אייז און דעם שניי . .

אַזוי שוין פון קדומונים, יעדערער מיט זיין נוץ.
זומער — גרין און ווינטער — ווייס, אין יערלעכן פאַרפוץ.
וואָס זיי קאָנען שאַפן זיי, און שטעלן פינקטלעך צו,
נאָר ווען איינער האָט דעם „סעזאָן”, האָט דער צווייטער רו...

אַזוי דער פרילינג מיטן האַרבסט, דרייען אונז די וועלט.
זומער קומט מיט זונען־ליכט. ווינטער קומט מיט קעלט.
און כאָטש אַ ווייטער מהלך איז פון זייער געשעפטן־קאָנקורענץ,
דאָך האַלטן אָן זומער און ווינטער אַ יערלעכע קאָ־עקזיסטענץ!...

## די „פלו” — לאָזט ניט צורו...

אַ ווינטער לידל, וואָס רופט זיך „פלו”, פאַרכאַפּט עס האָט די וועלט.
מ׳זינגט דאָס מיט אַן אוי און ווי, עס וואַרפט אין היץ און קעלט...

מיליאָנען מענטשן „זינגען” שוין, אין באַגלייטונג פון אַ הוסט.
„אָנגעריסן” האָט עס שטאַרק, כאָטש עס כריפּעט און איז פּוסט...

אַלע זינגען מיט איין ניגון, פאַרנומען איז יעדע בעט
און גאַנץ אָפט הערט מען אויך, ווי פון היץ מ׳רעדט:

„אוי, ראַטעווע, אַ דאָקטאָר רוף!”, בעט איינער האַלב־באַוואוסט,
אַ צווייטער וויל אויך זאָגן וואָס, און פאַרשטיקט זיך מיט אַ הוסט.

ווייסט מען ניט וואָס פריער טאָן, מ׳לויפט אַהער, אַהין.
איינער שרייט: „גיב וואַסער מיר!”, אַ צווייטער: „אַספּירין!”

עס קומט ניט גרינג דעם חולה אָן יעדער קרעכץ און ניס,
און דער געזונטער שלעפּט זיך אויך, קוים שוין אויף די פיס.

אַזוי הערט „פלו” גאַנץ פאָפּולער, ס׳וואַרפט זי „ראָק ענד ראָל”,
נאָר אָנשטאָט אַ „טענצל” גיין — גייט מען אין שפּיטאָל!...

## עס קומען — בלומען!

באַפרייט האָט דער גאָרטן זיך פון שניי,
ווי אַ קינד פון דעם צודעק אינ׳ם בעטל.
האָט אַ גרינינקער פלאַנץ זיך באַוויזן —
ווי אַ באַגריסונג — פאָכענדיג אַ בלעטל...

פאַרגליווערט אַ גאַנצן ווינטער געלעגן,
פאַרקראַמפּט, ניט געקאָנט זיך קערן און ווערן.
געדולדיג געוואַרט אויף דער פּאַסיגער צייט,
ווען מאַמע־ערד וועט קאָנען געבערן...

דער טאָג איז געקומען, די זון אויפגעלויכטן,
דער ווינטער האָט אַלץ נאָכגעגעבן.
געפּלאַצט איז דער פראָסט. דער אייז צעגאַנגען,
ס׳איז פרילינג אויפסניי געקומען צום לעבן.

איצט וועט דער פלאַנץ נאָך העכער וואַקסן.
נייע בלעטלעך, פרישע וועלן קומען.
און אַלץ אַרום אונז וועט לויכטן און שיינען —
אַ גאָרטן מיט גרינצייג און בלומען!...

## ערגעץ בליט!

שטייט אַ בוים אין וויסטן פעלד,
גרויס און מעכטיג — אַ ריז, אַ העלד.
נאָר אָט האָט זיך צעלאָזט דער ווינט,
און האָט פאַרצוקט זיין יעדעס קינד...
שטייט ער נאַקעט איצט אין קעלט —
ווי אַ יתום אין דער וועלט...
קומט אַ שטורעם, טוט אַ ביס,
אַ ליאַדע ווינטל גיט אַ ריס.
ווער אַ צווייג און ווער דעם שטאַם.
גלאַט אַזוי זיך — אָן אַ טעם.
און פאַלט אַ שניי, איז אָך און אַי,
איבערנאַכט זיין קאָפּ ווערט גרוי...
נאָר פאַרצווייפלט ווערט ער ניט —
אין איין פּלאַץ שנייט, אין צווייטן — בליט!...

## מ׳מוז זיך היטן — פון פאַראַזיטן!

פריש פאַר׳ן אויג אַזאַ גרינקייט אַ שיינע —
דער מאַמע־ערד׳ס קינדער, אַלע איינע ווי איינע.
ווי טעפּיכער איבער פעלד, ווייט — אַ פאַרשפּרייטע,
באַצירט מיט בלימעלעך, ווייסע, גרינע און רויטע.

צעאַקערטע ערד מיט קאָרן פאַרזייטע
און צעשניטענע בייטן ווי טישן געגרייטע:
מיט אוגערקעס, ציבעלעס, בוריקעס, מערן,
און מענטשן עס בענטשן: פאַרשטערט זאָל ניט ווערן!...

פון די גראָזן זאָל ווערן היי גאַנצע סטאָגן,
פון די פעלדער זאָל מען שפּייז פאַר׳ן ווינטער פאַרמאָגן.
גענוג זאָל זיין בולבעס, גרויפּן, מעל און —
קיינעם חלילה — קיין ברויט זאָל ניט פעלן!

גאָר צו גוטע ברכות. מוז מען דעם גאָרטן גוט היטן
קעגן שטענדיגן שונא — די פרעסער פאַראַזיטן...
און ניט מיט סטראַשידלעס קאָן מען זיך ווערן,
נאָר דאָס פעלד קולטורווירן — דאָס וועט זיי צעשטערן!

## גוט־פרילינג, לחיים!

די בוימער אין וואַלד האָבן פאַרטרויט צו די צווייגן,
די צווייגן — צו די קוסטעס פון בלומען:
מיר דערוואַרטן אַ גאַסט אַ ליבן, אַ גוטן,
דער פרילינג, ער גרייט זיך צו קומען.

האָבן פעלדער און וועלדער גענומען זיך קליידן.
און גראָז — די האָר זיך צו צוואָגן,
זיי וויסן: מיט פרילינג קומט אַ פרוכטבאַרע „סוויטע",
פונ׳ם בעסטן און שענסטן וואָס נאָר זיי פאַרמאָגן...

האָבן אַלע פלאַנצן אין גאָרטן פאַרריסן די קעפּלעך,
מיט דאַנק צו די שטראַלן פאַרן פרילינג דעם נייעם.
און ווען טוי האָט פאַרפולט די בערכעלעך קליינע,
האָבן זיך אַלע צעזונגען: גוט־פרילינג, לחיים!

## האָט זיך צע׳זומר׳ט דער זומער...

האָט זיך צע׳זומר׳ט דער זומער, ווי פויגל אויף צווייגן.
די וואַרעמע שטימע הויבט אָן העכער צו שטייגן.
לאָזט וויסן די מאַסן, שוין אַזוי אַלע יאָרן:
מענטשן, ס׳איז זומער, אין די „בערג" מוז מען פאָרן!

נעמען די מענטשן זיך פּאַרפּאַקן די פּעקלעך,
און מ׳באָרגט, אויב מ׳האָט ניט — קעש אָדער טשעקלעך.
פּאָרט איינער צו רוען, אַ צווייטער אויף קוראַציע,
נאָר אַלע זינגען איין לידל: מ׳מוז האָבן וואַקאַציע!

איינער וויל וואָג געווינען, אַ צווייטער זוכט צו פאַרלירן,
אַ דריטער נעמט־מיט אַ בוך, אַ פערטער מוז שלאָף־פּילן פירן.
אַן אַנדערער האָט אפילו דאָס אויך אין זינען —
אַ לייטישן שידוך פאַר אַ קינד צו געפינען...

ווינטש איך אייך אַלע אין די „בערג" אין די הויכן,
איר זאָלט רו און געזונט אויף אייער וואַקאַציע דערגרייכן.
דערביי ניט פאַרגעסן, פאַר שלום צו שטרעבן:
וועט אויך די וועלט האָבן רו, און געזיכערט דאָס לעבן!

## „סקאַצל קומט"

אַ גאַנצן ווינטער ניט געזען זיך, אונז געלאָזן אויפן ווינט.
שניי און שטורעם שטאַרק געוועלטיגט, ווי אַ ווילער גיך, געשווינדט.

דעכער, גאַסן, ווייס־באַדעקטע, אויף די פענצטער פון אייז אַ וואַלד.
נאָר ניט צום זעגן, ניט צום הייצן —אַלץ אַרום איז פראָסטיג קאַלט.

און דער פרילינג מיטן זומער, געפאָרן זוכן אַ פּאַנאַראַמע:
אין קאַליפאָרניע, אַריזאָנאַ און פאַרשטייט זיך, אויך מיאַמי.

דער פרילינג מיט זיין גאַנצער שיינקייט, זומער מיט זיין שיין און שטראַל
אויף די וואַסערן געשוואומען, און געשפּילט זיך מיטן וואַסערפאַל.

פילן אַלע איצט צופרידן, ס׳איז אַריבער „קאַלטער־קריג".
געקומען פרילינג אַ צעברענטער, איבערן אייז־פעלד געהאַט אַ זיג.

שטראַלן גרויס און קליין איצט פריידיג, אַלץ עס זעט אויס ווי צעבלומט,
דער אַרום ווערט ליב און וואַרעם. יאָ, ס'איז פרילינג — „סקאַצל קומט" ! . . .

## ער האָט זיך „פיין געפיקסט" ! . . .

דער דאָקטאָר האָט געראָטן אים :
ווי"סטו בלייבן נאָך „אומשטערבלעך".
טאָ קראַץ־צוזאַמען וואו דו קאָנסט
די נויטיגע פּאָר קערבלעך.

לאָז צו־רו דאָ, וואָס דו האָסט,
אַלע צרות אויף דיינע יאָרן.
נעם זאַק און פּאַק און זיך אַליין —
אין „קאָנטרי" מוזסטו פאָרן !

איז ער פאַרפאָרן אין אַ האָטעל,
ניט באַוויזן אויסצוטאָן דעם מאַנטל,
ט'ער דערזען „מ'שלאָגט" אַ קאָרט —
האָט ער גענומען גלייך אַ „האַנט"־טייל. . .

ניט לאַנג געדויערט, אַוועק די נאַכט,
עס קרייען שוין די הענער.
ער טאַפּט אַרום די קעשענעס —
צעבייט דעם לעצטן צענער. . .

און אײדער וואָס, אײדער ווען,
ער הויבט שוין אָן צו באָרגן.
גיבן חברה אַ קלאַפּ אין טיש :
„מיר וועלן איבערשפּילן מאָרגן". . .

נאָר מאָרגן, ט'ער שוין ניט געשפּילט.
געדרייט האָט זיך בלויז זיין שאָטן. . .
ניט געהאַט קיין רו, קיין זונען־ליכט,
און „געפיקסט" זיך — „אָפּגעבראָטן". . .

## אַ נייע נעסט!

דער פרילינג האָט געבראַכט דעם „זי״-פויגל צוריק,
נאָר זי האָט גלייך דערזען, אַז צעשטערט איז איר גליק.
די שטורעמס, די ווינטן, מיט די שנייען און פרעסט
האָבן צעטראָגן איר היים, פאַרניכטעט איר נעסט.

לויפט זי ווי אַ משוגע, אָן אַ קלייד, אָן אַ העמד,
וואָס זוכט אַ געלעגער ערגעץ-וואו אין דער פרעמד.
פּישטשעט זי, וויינט זי, אויף דער פוסטקייט פון בוים.
איר לעבן צעשטערט איז, פאַרניכטעט איר טרוים.

נאָר באַלד איז דער פויגל ווידער געקומען צו זיך.
גענומען טאַנצן אויף די צווייגן, באַטראַכט אַלץ אויף גיך.
און געלאָזן זיך פליען אַראָפּ-צו אין טאָל —
אויף-דאָס-ניי ווידער בויען אַ היים ווי אַמאָל.

אַרבעטן פייגעלעך ווי הענט, און דער שנאָבל — אַ צוואַנג,
די אַרבעט באַגלייט זי מיט פרילינג-געזאַנג.
טראָגנדיג שטרויעלעך, צווייגעלעך, בלעטער און ליים —
און באַלד האָט ווידער זיין פאַרטיג פאַרן זומער אַ היים!

## איז — אָנשטאָט שפּייז...

פאַרפרוירן די פיס, פאַרפרוירן די הענט,
עס רייסן זיך ווינטן דורך פענצטער און ווענט.
ניט בלויז וואו נאַטירלעך, קומט דער ווינטער אין צייט,
נאָר אויך אין וואַרעמע ווינקלען איז קאַלט און מען שרייט:

ס'איז ווינטער אין האַרצן, אין געמיט און נשמה,
איין וואָרט מ'הערט נאָר: „די קאַלטע מלחמה״!
ס'איז פאַרפרוירן דאָס גרינצייג, דאָס פלייש און געטראַנקען,
דער מאַרק האָט פאַרגליווערט, פאַרקילט די געדאַנקען.

עס וויינט אַ קעלט, עס הערשט מאַרעוויכער,
לאָזט רואיג ניט לעבן, מיט'ן מאָרגן זיין זיכער.
ער האָט פאַרפרוירן די פריינטשאַפט, די ליבע צו מענטשן,
ער באַזאָרגט אונז מיט „שעלטער״ — אָנשטאָט אונז צו בענטשן...

# ב) לעבן און קאמף

## וואָס מיינט אַ פירער?

וואָס מיינט אַ פריינט, פרעגסטו, ברודער,
אַ פריינט וועמענס האַרץ איז טיף געריהרט?
אַ פריינט איז דער, ליבער ברודער,
וועלכער וואַרעמט דעם וואָס פרירט!

וואָס מיינט אַ טוער, פרעגסטו, ברודער,
אַ טוער טאַקע, דער וואָס טוט?
אַ טוער איז דער, ליבער ברודער,
וואָס שטאַרקט דעם שוואַכן מיט זיין מוט!

וואָס מיינט אַ וועגווייזער, פרעגסטו, ברודער,
אַ וועגווייזער טאַקע, וואָס ווייזט דעם וועג?
אַ וועגווייזער איז דער, ליבער ברודער,
וואָס גייט זייט-ביי-זייט, פירט צו אַ צוועק!

וואָס מיינט אַ פירער, פרעגסטו, ברודער,
אַ פירער טאַקע, וואָס ווייסט און וויל?
אַ פירער איז דער, ליבער ברודער,
וואָס גייט האַנט-אין-האַנט מיט דיר צום ציל!

## אַ מייסטער — אויף מיין טייסטער...

די גרויסע פאַרזאָרגער האָבן שטענדיג אַ פלוגתא:
מ׳קאָן ניט באַשטימען צי עס קומט אַ „דעפּרעשאָן״.
איינער זאָגט יאָ, און אַ צווייטער זאָגט ניין,
אַ דריטער זאָגט, עס איז נאָר אַ „ריכעשאָן״...

יאָוועט זיך אַן אַנדערער, אַ גרויסער תנא ברא
און טייטשט, אַז דער פסוק מיינט גאָר אינפלאַציע.
דער צווייטער צו ענטפערט: דריי ניט קיין קאָפּ,
ס׳גייט ווי אַ זייגער, עס קלאַפּט „האַצי-טאַצי״.

דרייט מען אַ ספּאָדעק, צעמישט מען די יוצרות —
אַן אַרבעט אַ שווערע פאַר די אמתע „מייסטער״.
די אַקציעס זיי דרייען זיך אַרויף און אַראָפּ —
נאָר דערוויל — געוואַלד, שטעקט אָפּ מיר מיין טייסטער!...

## כ׳זוך יעדן טאָג — פּראָספּעריטי אויפן ראָג...

מאַדאַם פּראָספּעריטי האָט געמאַכט מיט מיר אַ ראַנדעוואו,
האָב איך געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט, ניט פאַרגינענ זיך די רו.
זינט דאַן זוך איך און איך זוך, איך קום יעדן טאָג,
נאָר, מאַדאַם פּראָספּעריטי קומט ניט אויפן ראָג...

איר „טאַטעלע" האָט צוגעזאָגט און געגעבן מיר זיין וואָרט:
זי וועט קומען פּונקט אין צייט און זיין דאָרט אויפן אָרט.
נו, האָב איך פאַרלאָרן שוין פונטן פון מיין וואָג,
נאָר מאַדאַם פּראָספּעריטי קומט ניט אויפן ראָג...

אויף די גאַסן טרעף איך נאָך טויזנטער ווי איך.
שלאָפן ניט, און עסן ניט — צעריסן שוין די שיך.
נאָר עס העלפט קיין טענות ניט, עס העלפט אויך ניט קיין קלאָג.
ניטאָ מאַדאַם פּראָספּעריטי, זי קומט ניט אויפן ראָג. .

„ריסעסיע" און „דיפּרעסיע" זיינען געקומען אויף איר פּלאַץ.
דער צוזאָג פון דעם „טאַטעלע" איז פאַלש פּונקט ווי די קאַץ.
ווי אַ שטרוי אין שטורעם, האָט זי זיך געגעבן אַ פאַרטראָג.
פּראַוועט איצט וואַקאַציע, און — „פייפט" אויפן ראָג !...

## פאַרטיג אַ הויז...

אַרבעטער אין אָוועראָלס, מיט קעלנעס אין די הענט,
שמידן וואַפנע, לייגן ציגל און עס וואַקסן ווענט.—
אַ ווייסער שלעפּט ברעטער, אַ נעגער מישט ליים,
צוזאַמען מיט׳ן איד, איטאַליענער — ווערט פאַרטיג אַ היים.
איינער שלעפּט פענצטער, אַ צווייטער — אַ טיר,
און דער פאָרמאַן יאָגט אונטער: גיכער, אַ ריר!
די ריישטאָוואַנעס שטייגן, עס וואַקסט דאָס הויז וועיך.
מ׳זעט שוין אַ קוימען, באַלד וועט שלאָגן אַ רויך.
וואַנעס צעשטעלט, ווייסע אויוונס אין קיך.
מ׳קלעפּט און מ׳קלאַפּט, אַלץ וואַקסט דאָ אויף גיך.
די פּאָדלאָגע ווי אַ שפּיגל, מאַלערייען אויף די ווענט.
אַ הויז — אַ פּאַלאַץ — נאָר ווער האָט פאַר דעם רענט?

— — — — — — — — — — — — — — — —

איז פאַרטיג אַ הויז, באַפּוצט מיט גראָז און מיט בלום.
און דער מאַן אין די אָוועראָלס — זוכט אַלץ אַ דירה אַרום..

## „לעיבאָר-דעי"

איינס, צוויי, דריי, פיר! הענט און פיס גיט אַ צעפיר.
היינט איז יום-טוב „לעיבאָר-דעי" — יוניאָן-לייט, אַריין אין ריי!
וואַרפט דעם לאָזונג שטאָלץ און הויך — יוניאָן, דאָס איז אונזער כוח!

איינס, צוויי, דריי, פיר! געגן שווינדלער, רעקעטיר,
געגן רעאַקציע און איר ציל, געגן אַנטי-יוניאָן ביל,
געגן מאָנאָפּאָל און טראַסט, געגן יקרות, הויכן קאָסט.

איינס, צוויי, דריי, פיר! מיר האָבן רייכטום אָן אַ שיעור.
געציילטע האָבן פון אַלץ אַ סך, ווען דעם בויער פעלט אַ דאַך,
עס פעלט אַ דזשאַב, עס פעלט אויף ברויט, זאָל אַ סוף זיין צו דער נויט!

איינס, צוויי, דריי פיר! קלאַפּ אָן שטאַרק אין קאָנגרעס-טיר.
זאָל מען הערן אין סענאַט — גענוג צו שפּילן זיך אין „בלאַט"!
הערט-אויף מאַכן פוילע שטיק! דער זייגער קאָן ניט גיין צוריק...

איינס, צוויי, דריי, פיר! מיר גייען היינט ניט אויף שפּאַציר,
נאָר אין פּראָטעסט געגן רויב, געגן מיסילס, אַטאָמען-שטויב
איז געווענדעט אונזער טראָט, ברויט און שלום — אַ געבאָט!

איינס, צוויי דריי, פיר! פאָדער רעכט פאַר דיר און מיר.
שלאָג-אָפּ צוריק דעם שאַנד-געזעץ, וואָס וויל פאַרשפּרייטן סוועט-שאַפּ-קרעץ.
מאַרש פאָראויס, מיט טאַקט און טאָן, אייניגקייט אויף אונזער פאָן!

## זיי מיר ניט קיין „פעטער"...

בייזע ווינטן שמייסן, יאָגן,
שטורעם-כוואַליעס טראָגן קעלט.
„פעטער שנייער" וויל פאַרפרירן,
מאַכן גליטשיג גאַנצע וועלט...

קעמפן מענטשן פאַרן לעבן,
ווילן מער ניט זיין אויף „קעסט";
פריי באַוועגן האַנט אין אַקסל,
זיך צעשטרייען אין די פרעסט.

ווילן ניט אין ווינט זיך לאָזן,
אויף קריעס שווימען אין אַ נויט.
זיי גאַרן נאָך אַ היים, אַן אויוון,
ניט לאָזן שינדן זיך די הויט.

זיי ווילן ניט דעם „קריג דעם קאַלטן".
אייפגעוואַכטע — מער ניט פויל.
זיי ווילן וואַרעמקייט און זונשיין,
און מאָנען עס מיט פולן מויל.

## גיי „רעטייער"...

אָפּגעאַרבעט אַ שווערן טאָג ביים פּרעס-מאַשין.
שלעפּט מאָטל אַהיים צוויי פיס געשוואָלענע, מידע.
פאַר די אויגן זעט ער נאָך אַלץ זיין באָס ווי אַ שפּין.
וואָס נאָגט זיין בלוט, מאַכט אים צו חוזק און ירידה:

„וואָס ווילסטו האָבן פון מיינע יאָרן, דו אַלטער עובר-בטל?",
פאַרוויילט ביים טיש דער באָס אַ פּאָר פון זיינע כאַמעס,
„פאַר מיר קאָן בעסער אַרבעטן אַ דזשעק, אַ דזשאָן, און דו, מאָטל —
רעטייער, ווער ערגעץ אין אַ שול — אַ שמש".

גייענדיג, ציילט מאָטל אין געדאַנק, דעם לוין פון זיין פּראַצע.
טיילט אים אויך גלייך צו זיינע בעלי-טובות...
עס וועט אים קוים בלייבן אַן אָרעם שטיקל ברויט — ווי מצה,
און הינטער דאָס אַלטע פּעקל מיט אַלט-נייע חובות.

שלעפּט ער פאַרצווייפלט זיינע צוויי פיס ווי קלעצער.
און חשבונ'ט: וואו נעמט מען אַ בגד און רענט?
אַרויפגעאַרבעט אַזויפיל באָסעס אויף זייערע פּלייצער,
און זיך אַליין נאָר אָפּגעשפּאַרט — מאַזאָליעס אויף די הענט...

## אַלץ בראַנד-טייער — אַזוי אויך דער שטייער!

אוצרות ליגן אין די מינעס, פאַרמעגנס אין די שעפער.
נאָר אין די גאַסן ליגן מאַינערס, שוסטער, וועבער, שטעפּער.
קראָמען אָנגעפּאַקט מיט סחורה, ווי אַרבעטלאָזע אין דעם מאַרקעט.
און ווען מ'וויל וואָס עפּעס קויפן, איז דער טייסטער פּוסט און נאַקעט...

אין דער ביורא, בלויז איין ענטפער, ניטאָ קיין אַרבעט, זאָגט ער
מיליאָנען קוקן-אויס די אויגן, זוכן הילף, וואו איז אַ „דאָקטאָר"?
זיצן גרויסע מיניסטאָרן, זוכן מיטלען — אַ פּאַפּראַווקע,
ווען די מאַסן ליידן, בלוטן פון דעם „הייל-מיטל" — די פּיאַווקע...

אַזוי גייען שעה'ן, טעג און וואָכן, אָנגעלאָדן פול מיט זאָרגן,
זוכן פריינט און זוכן פּלעצער, וואו צו לייען, וואו צו באָרגן.
און אין קראָם עס שטייגט דער יקרות, ווי אַ בראַנד, אַ פייער.
שטייט דער „שטאָט-טאַטע" אַ פאַרזאָרגטער, ווי צו העכערן דעם
שטייער...

## מאַסן — אין די אָרעמע גאַסן

וואו אין אַ צעעפּנטער קירבע די קערעלעך,
איז פֿול מיט קינדער די אָרעמע גאַס.
מ׳שטיקט זיך זאַלבע אַכט אין אַ צימער,
די נויט — זי רייסט אַ פּאַס...

יעדעס ווינקל פֿאַרדונגען, יעדע נאָרע — אַ צימער.
גאָלד רייסט מען פֿאַר יעדן שפּאַן.
שפּאָרט מען פֿון קישקע, מ׳ציילט זיך דעם ביסן,
איז ווער קאָן נאָר טראַכטן פֿון אַ רעסטאָראַן?

און ווי מ׳וואוינט און מ׳ווײנט אין די לעכער,
אַזוי איז דער בגד מיט לעכער אויך פֿול.
און ווי עס איז די וואוינונג און קליידער,
אַזוי זעען אויך אויס דער טיש און דער שטול...

שרייט די אָרעמקייט אַרויס פֿון די גאַסן,
דער רייכער — ער הערט ווי די קאַץ.
זינגט זיין לידל: „קבצן וואו קריכסטו?
יעדער איינער דאַרף וויסן זיין פּלאַץ"...

## ער קאָן ניט פֿאַרשטיין...

קלאַפּט אַ רענטלאָרד אָן אין טיר,
וויל דירה־געלט ביים שכן קריגן.
נאָר אויף אַ שטרוי־זאַק ט׳ער
דערזען
צוויי קראַנקע קינדער ליגן.

ווערט ער כלומר׳שט ווי געדירט,
נעמט די ליפּן ווישן:
„קראַנקע קינדער, — וואָס הייסט
דאָס,
איר לייגט זיי אָן אַ קישן?"

פּרוביִרט די פֿרוי דערקלערן אים
אירע צרות, ליידן, זאָרגן.
זי האָט פֿאַר׳משכנ׳ט שוין די
קישנס,
מ׳וויל שוין מער ניט באָרגן.

שטייט ער אַ פֿאַר׳חידוש׳טער,
קאָן זיין מוח ניט דערשאַרפֿן:
„וואָס הייסט איר האָט קיין קישן
ניט
אויף הלוואי מ׳זאָל ניט דאַרפֿן?.."

## אַ שפּרונג — צו אַלט און צו יונג...

אוועק זיינען יאָרן, געאַרבעט אין שאַפּ,
נאָר דאָס לעבן איז שטענדיק געווען אַ כאַפּ־לאַפּ.
אַז ווארט מען אויפן סעזאָן, אינמיטן דערינען אַ „סלעק".
פאַראַן ווידער אַרבעט, נאָר איך קריג די „סעק"...

שטיי איך אין מאַרקעט, האַלט זיך מיט'ן פּעקל געצייג:
נאָר אַרבעט אַ מכה, מ'קאָן קריגן אַ פייג...
דופט זיך אָן איינער גאַנץ איידל, ס'איז אַ „ריסעסיע",
אַ צווייטער זאָגט פשוט, איר מעגט זאָגן: „דעפּרעסיע".

אינמיטן קומט זומער, הייסט די צייט שוין וואַקאַציע.
טראַכט יעדער איינער פון קריגן אַביסל קוראַציע.
נאָר טראַכטן עס העלפט ניט, אָן אַ פּעני — געבראָכן.
ניטאָ קיין „אינשורענס", ניט געמאַכט צוואַנציק וואָכן...

פעלט מיר איצט שכירות, הערצו אַ שאַפּ, און אַ באָס.
וואָלט איך געקען „רעטאַיערן", נאָר איך האָב ניט ביי וואָס...
מ'דאַרף זיין אַ קינצלער צו קאָנען מאַכן דעם שפּרונג —
פאַרן שאַפּ שוין צו אַלט, און פאַר „פּענסיע" — צו יונג...

## גוט, גוט — נאָר שלעכט!

אין די שיינע טעג און יאָרן,
גייען מענטשן, אַטאָם פאָרן,
צווישן וועלדער, גרויסע טייכן,
פּאַנאָראַמעס, ניטאָ קיין גלייכן.

היימען שיינען ווי אַנטיקן,
די אויגן רייסן זיך צו בליקן,
אויף די שיינע ביטן בלומען,
וואָס האַלטן הויז אַרומגענומען.

אין דער הויך רוישט אַ פּראָפּעלער,
ווייזט דעם פויגל, ווער ס'איז שנעלער,
און אונטן אויף די ברייטע שליאַכן
קינדער לויפן, שפּאַסן, לאַכן.

איינער גראַבט, אַ צווייטער רייניגט,
טאַשין און מענטש זיינען פאַראייניגט,
ווי אַ טאַטע מיט אַ מאַמען
אַלץ איז איינס דאָ, אַלץ צוזאַמען.

נאָר פלוצלונג כאַפּט איר זיך: אַ וואונדער —
אַלע צוזאַמען — דאָך באַזונדער...
צערינען זיך די שיינע בילדער,
און דער אַרום עס ווערט אַ ווילדער.

עס שטייען היטער ווי די יעגער,
מיט׳ן ביקס אַנטקעגן נעגער.
האַלטן אים אויף אַ הונגער דיעטע
און פאַרשפּאַרט אין שמוץ און געטאָ...

## ער ווייסט שוין דעם טעם...

דער וואָס וויל איינשטעלן זיין לעבן
צו העלפן אַ צווייטן איז גרייט,
האָט שוין געוויס אויך אַליין
פאַרזוכט דעם טעם פון ביטערער נויט.

דער וואָס זינגט פאַרן פאָלק,
העלפט אים געפינען אין לעבן זיין פּלאַץ,
מעגט איר זיין אין דעם זיכער:
ער וואוינט אויך ניט אין אַ פּאַלאַץ.

דער וואָס מאָנט גערעכטיגקייט פאַר אַ צווייטן,
וואָס ווערט באַהאַנדלט גראָב און שלעכט.
זייט ווּיסן, ער האָט דאָס פאַרזוכט שוין
און ווייסט וואָס מיינט ברוטאַל און אומרעכט.

דער וואָס קעמפט פאַר אַ וועלט אין פרידן
און פאַרליערט ניט זיין גלויבן, זיין מוט,
האָט געוויס באַצאָלט שוין אַ פּרייז —
און דאָס פאַרשריבן מיט אייגענעם בלוט!

## „דו איט יורסעלף״ (מאַך עס אַליין)...

וואו מ׳גייט און וואו מ׳שטייט, שטייט אַ מענטש דעם קאָפּ זיך דרייט.
אַליין דעזאַינער און אַרכיטעקט, אַליין ער הובלט און ער זעגט.
בעט ניט קיין עצה און שרייט ניט „העלף״ —
ס׳איז די טעמע: „דו איט יורסעלף״!...

ער מאַכט אַ טיש, ער מאַכט אַ באַנק, ביי דער וואַנט אַ שיינעם שראַנק.
מאָלט אַ בילד און מאַכט אַ ראַם, פלעכט אַרום דעם הויז אַ צאַם.
אַרבעט שפּעט ביז עלף און צוועלף —
ווי די מאָדע: „דו איט יורסעלף״!..

מאַכט אַ טיש און מאַכט אַ בעט, העלפט דער ווייב, אויך וואַשן גרעט,
און וואָס מ׳דאַרף נאָר אין אַ נויט, עפּעס שפּאָרן איז ער גרייט.
מאַכט אַ לאָמפּ און מאַכט אַ „שעלף״ —
ווי די מאָדע: „דו איט יורסעלף״!...

פאַרריכט פון הויז דעם פונדאַמענט, פאַרבט אַליין אויך אָפּ די ווענט.
פאַרריכט די טיר, פאַרריכט די שוועל, פאַר די כלים אַ געשטעל.
שרויפט איין אַ שלאָס, פאַרריכט די „בעלס״ —
ווי די מאָדע: „דו איט יורסעלף״!...

נאָר איין זאַך מאַכן איז אים שווער, דרייט ער זיך אַהין, אַהער —
אַ לעבן מאַכן פאַר מיילער זעקס, ניטאָ קיין מילך און קיין געבעקס,
אַלע הונגעריגע ווי די וועלף —
קומט אוים צו זאָגן: „דו איט יורסעלף״!..

## ג) גראַמאָנאָלאָגן

### „געפּייערט מיין באָס"...

ענדלעך האָב איך אָפּגעמאַכט —
איך האָב מיין באָס „געפּייערט"...
געלאָזן אים מיט האַק-און-פּאַק,
באַשלאָסן — און „רעטאַיערט"!

געאַרבעט דרייסיג יאָר פאַר אים,
דרייסיג יאָר אַ היפּשע צייט איז.
האָב אים באַרייכערט מיט גוטס-און-פּויז,
פאַר זיך — אָפּגעשפּאָרט „אַלטראַיטיס"...

געזוכט נאָר האָב איך פאַרלענגערן
אין סעזאָן די צאָל פון וואָכן.
ניט געטראַכט פון ווינד-און-ווייי,
ווען דער רוקן האָט געבראָכן...

אויפן זייגער ניט געקוקט —
וואָס מינוטן, וואָס סעקונדן?
געשלונגען „באַנדלס" מער און מער,
אַריינגעכאַפּט מער שטונדן.

אין הויז אַ ווייב מיט קינדער פיר,
נאָר געלעבט במעט באַזונדער.
ניט געזען די פרייד און לייד
פון אייגן ווייב און קינדער...

אַ שרעק געווען עס איז פאַר מיר,
ווען ס'האָט דער שאַפּ גענומען „סלעקן".
נאָך גרעסער איז מיין שרעק געווען —
מ'זאָל חלילה מיך ניט „סעקן"..

אַזוי געלאָפן איז די צייט,
געפלויגן זיינען יאָרן.
אַזוי געלעבט פון האַנט אין מויל —
ניט געווען אַ סענט צו שפּאָרן...

קראַנקהייטן שטענדיג אַלערליי,
פיבער, קייך-הוסט, מאָזלען,

און איך אַ טאַטע, ווײ איז מיר —
געווען פאַרשטײנערט ווי אַ גזלן...

געוואוסט אַ דאָקטאָר וו׳ל באַצאָלט.
ווי קאָן איך זיך פאַרגינען,
זײן אין הויז מיט ווײב און קינד?
איך מוז דאָך וען פאַרדינען...

־עו׳ציגן קינדער קאָסט אויך געלט,
אַ שול, אַ לערער און אַ ביכל.
און נאַקעט קאָן אַ קינד ניט גײן —
מ׳דאַרף אַ קלײד, אַ שיכל...

אַזעלכע „קעסט” האָב איך געהאַט
אַלע מײנע יונגע יאָרן.
אַפּט געשאָלטן יענעם טאָג,
וואָס איך בין גאָר געבאָרן.

פופציג יאָר שוין אין ניו יאָרק,
אין ערגעץ ניט געווען.
פינצטער פרי — און פינצטער נאַכט
נאָר פינצטערניש געזען. .

נעם איך צײלן מײן פאַרמעג,
די ירושה צו צעטײלן...
צײל איך מײנע פינגער אָפּ —
מער האָב איך ניט צו צײלן...

יאָ, אַ קבר האָב איך — „ריעל־עסטעיט”,
מיט אַ קערפּער אַ גאַנץ קראַנקן.
כאָטש נעמען און „דעפּאָזיטן” —
זאָל דאָס ליגן אין די באַנקען...

געקומען בין איך יונג אין שאַפּ.
מיט מוסקולן האַרט ווי שטײנער.
און איצט — צו פינף־און־זעכציג יאָר —
אַ זעקל הויט־און־בײנער...

פראַווע איך אַ יום־טוב איצט
און זאָל עס זײן „געפּײערט” ;
ענדלעך האָב איך אַ פרײען טאָג,
פון שאַפּ האָב איך „רעטאַיערט”.

אַ רע־יוניאָן מאַכן מיט אַלע פריינט,
כאָטש מיט מיטלען ניט באַנוגנט —
וועט דער גייסט פאַרפולן איצט,
עס קומט די צווייטע יוגנט...

איצטער וועלן מיר גיין אין „זו",
אויך זען אַ בלום, אַ גאָרטן.
אַריינגיין אין אַ ביבליאָטעק,
אויך זען וואָס טוט זיך דאָרטן.

פאַר די קינדער ניט געהאַט קיין צייט
צו זיין אַמאָל אַ היטער...
וועל איך איצט פאַר די אייניקלעך
כאָטש זיין אַ „בעיבי־סיטער"...

— כ׳וועל איצט מיין ווייב אַרויסהעלפן.
ס׳זאָל זיין געוואַשן און געשייערט,
זאָל זי וויסן — איך בין פריי!
איך בין איצט „רעטאַיערט"..

איך וועל איר שפּאָרן גיין אַ גאַנג,
זי זאָל ניט דאַרפן לויפן;
וואַשן וועש, צי גיין אין קראָם,
און אַלץ וואָס זי דאַרף קויפן.

כ׳וועל מיך אָנשליסן אין „עלטער־קלוב"
און זיך פילן דאָרטן אינגער:
מיט׳ן עולם עפעס לערנען דאָרט,
אין כאָר ווערן אויך אַ זינגער.

אין פּרט פון געלט, נו, געוויס,
וועט זיין די לאַסט נאָך שווערער;
דאַרף מען זען די „פּענסיע" זאָל
אַ וואַקס טאָן אַביסל מערער...

דערווייל ניי־געבאָרן פיל איך זיך,
זינט „איך האָב מיין באָס געפייערט".
מיין צווייטע יוגנט הויבט זיך אָן —
איך בין איצט פריי — „ר ע ט אַ י ע ר ט"!...

# אַן אָפּענער „21״...

(גראַמאָטאָלאָג געווידמעט די קללה פון „פּעיאָלאַ״)

אַ שטורעם האָט צעכוואַליעט זיך
אין דער לופט פון טעלעוויז.
מ׳האָט דעם עולם אָפּגענאַרט —
ער „קוויז״ איז ניט קיין „קוויז״...

געקומען „ווייסערס״ גאָר אַ סך,
און וואָס מ׳פרעגט — מ׳טרעפט.
גיי פאַרשטיי, עס שטעקט אין דעם
שווינדל, בלאָף און גרעפט...

מיט די קשיות קריגט מען גלייך
די ענטפערס אויף איין בלאַט,
יד־אחת האָט מען דורכגעפירט,
בשותפות — ביידע „בלאַט״.

מיט „פּעיאָלאַ״ — דאָס צויבער־וואָרט
אין דעם געהיימען „קאָוד״ —
האָט מען מיליאָנען צוקוקער
געפירט אָפּן זיי אין באָד...

האָט „פּעיאָלאַ״ איינעם „אָנגעפייפט״,
איז אַריינגעבראַכט אין כעס.
האָט ער דאָס „ביידל״ אַרויסגעפירט,
צעעפנט פאַר דער גאַס.

און ווי, וואָס ס׳טוט זיך אויפ׳ן לאַנד!
עס פאַלן „ריז״ נאָך „ריז״,
ווי צוויי „באָקסערס״ אין אַ רינג,
שטייען „פּעיאָלאַ״ און דער „קוויז״.

דער שטורעם האָט אַראָפּגעכאַפּט
דעם צודעק פון דעם „קוואַל״...
און אָי, אַ בראָך, געפעלט האָט נאָך —
צו דער געזונקענער „מאָראַל״...

שרייט מען: „כאַפּט דעם גנב גיך".
איז ווידער אַ נייער „קוויז" —
אַלע טייטלען מיט'ן פינגער אָן:
טרעף — ווער דער גנב איז?

שטייען אַלע פאַרפּיומירט,
פאַרקאַמט, און גלאַט ראַזירט.
אַלע ווייזן „ריינע הענט" —
ס'האָט יענער דאָרט „געשמירט".

אַזוי־אַ ציט זיך רינג און רינג
אין דער „פּעיאָלאַ"־קייט,
אַלע טאָג אַ נייער קלאָג —
די קייט צעציט זיך ברייט.

ווער עס נעמט אין „יד" אַריין —
אַ שותף צום געשעפט...
ווער עס קריגט „מתנה'לעך" —
אַנשטאָט ס'זאָל הייסן גרעפט.

איינער קריגט לאַ־יהרין געלט,
לאָזט שווינדלען מיט דער וואָג.
אַ צווייטער „פּלאָגט" זיך מיט אַ וואָרט,
צו אַריינגנאַרן אַ „פּלאָג".

מ'צאָלט „פּעיאָלאַ" פאַר טרינקען „קאָלא".
מ'צאָלט פאַר שפּילן אַ רעקאָרד־שפּיל.
לאָזט דער רעקאָרד זיך צו הערן —
די „פּעיאָלאַ" — קריגט מען שטיל.

משנה שם — אַ נייער נאָמען
פאַר דעם טריפה'נעם כאַבאַר.
ווייסט דער קלוגער ווי צו נעמען —
מ'כאַפּט נאָר בלויז דעם נאַר...

טראָגט „וויקונא" שאַכער־מאַכער,
און זיין ווייב — פאַרפּוצט, באַצירט.
חי — געלעבט — מ'פרעסט, מ'הוליעט.
ס'פאָרט זיך גרינג: מ'האָט געשמירט...

א גרעטעניש אויף סקאַנדאַלן
איבער גרויס פון קאָנטינענט.
ווער ס'פאַרשטעכט זיך „בלויז" אַ פינגער,
ווער — „פאַרטיפט" מיטביידע הענט...

אַזוי געלערנטער און פרומער,
אפילו די מיט „הויכן סטאַזש",
האָבן מיט „פּעיאָלאַ'ס" כוח —
ויך אויפגעבויט נאָך אַן עטאַזש.

עס העלפט „פּעיאָלאַ" אין ממשלה,
פון דעם „שמירן" פאַרט זיך גלאַט...
עס העלפט אַ גרעפּטל אין געשעפטל —
יוען מען איז אַ נותן ביד...

ווער איז שולדיג, ווער דערמוטיגט
אינ'ם הפקר כאַפּ-און-נעם?
עס לערנען אַלע אין איין „הדר",
עס איז „פּעיאָלאַ" די סיסטעם.

הערשט די קללה פון „פּעיאָלאַ",
פאַרפוצט, פאַרגלעט אין גלאַנציג,
און דער „קוויז"-לינג" שפּילט די ראָלע —
אַן אָפענער „איין-און-צוואַנציג"!

# מאַמע-לשון

הער אויף צו פּלאַפּלען פּוסטע נביאות,
אוים מיט אידיש, ס'האָט ניט קיין היות.
ווען די זאָגסט-אָפּ דאָס אידיש לעבן,
מעגסטו אויף זיך אַ קוק נאָר געבן.

דאַכט זיך, דו ביזט אַלט, דיין קאָפּ אַ גרויער.
דאָך פּרואוסטו שטאַרקן דיין געדויער.

ווילסט זיך פאַרגרייטן און פאַרזאָרגן,
לעבן היינט און — לעבן מאָרגן.

דו ווייסט דאָך — אייביק וועסט ניט לעבן.
דאָך ווילסטו קיין זאַך ניט אויפגעבן.
דו ווילסט אַלץ זען — און אַלץ באַזוכן.
פאַרפעלסט ניט קליידן זיך און שוכן.

דו זוכסט וואָס בעסער צו האָבן נוצן,
פון עסן, טרינקען און פיין זיך פוצן.
דאָך פאַרמאַכסטו ס׳מויל ניט, דערלאַנגסט נאָר לשון —
ווילסט זען אידיש אויסגעלאָשן.

דו שפּילסט אויף פעדדלער, מאַכסט געווינטן.
גייסט פאַרברענגען אין קאַבאַרעטן.
פאַרקאָמסט זיך גלאַנציג דיין גרויע גושיבע.
האָסט אפילו חשק צו שפּילן ליבע.

אויך נייע „גלענדס" ביזט גרייט זיך פלאַנצן,
אַבי קאָנען האָוען, שמייען, טאַנצן.
אפילו אַ צימעס-קניידל ווערט דיר ניט נמאס,
אָבער אידיש — אויך אַ צימעס?...

דו ווילסט אַלעס קריגן, ווילסט אַלעס האָבן.
דיר פאַלט ניט איין — וועסט זיין באַגראָבן...
נאָר קומט צו מאַמע-לשון אידיש —
קרימסטו זיך — ס׳איז דיר אַ הידוש.

שרייסט מיט חוצפה — פייער, צונטער:
וואָס מיר אידיש — עס גייט דאָך אונטער.
טאָ זיי ווייסן: אידיש איז דיין מאַמע-לשון,

אַ נר תמיד טאָר ניט זיין פאַרלאָשן!!

## ד) אין „פעיאַלאַנד"

### אַ טריאָ — רעסעסיע, דעפּרעסיע, אַגרעסיע

די מאָטאָרן רוישן, ס'איז לופט־שיף אַ קעסל,
דער שווינדלער, דער לופט־מענטש, פּאַקט די פּולווער אין פּעסל...
וואָל־סטריט, קעניג, הערשער און לאָרדן —
זוכן פאַרדינסטלעך פון רויבן און מאָרדן.

מאַכט מען אַ שותפות מיט דעם, אַ געשעפטל מיט יענעם,
דאָ פאַרקויפט מען גן־עדן, דאָ פאַרהאַנדלט מען גיהנום...
און אינמיטן אַ כאַפּ זיך אין אַ קאָלאָניע, אַ באַזע —
זאָגן־צו עולם הבא, און נעמען ז י ך עולם הזה...

און ווען נייטיג — אַ סטראַשע מיט אַ מיסיל בהלה,
דערביי טרינקט מען לחיים — מ'זופט „קאָקאַ־קאָלאַ"...
איינעם גיט מען געווער, ער זאָל קאָנען זיך שלאָגן,
אַ צווייטן זאָגט מען אָן — אַלץ, וואָס ער דאַרף יאָגן...

אַזוי קאָכט זיך דאָס קעסל די וואָל סטריט אַגרעסיע,
כאַטש דאָס לאַנד איז אין פּאַניק פון רעסעסיע, דעפּרעסיע,
ליגט פּאַרטייעט דיפּלאָמאַט הינטער „אַ שפּאַנישן ווענטל",
און שטופּט וואו עס לאָזט זיך — אַ פ י ס ל, אַ ה ע נ ט ל...

### יעדער פערטער — אַ צעשטערטער...

עס האָבן פּסיכאַיאַטאָרס דאָס לאַנד אויפגערודערט,
זיי באַווייזן: איינער פון פיר איז גייסטיג צערודערט...

איינער ליגט באַמבעס — אַ כלי־זיין „דערפינדער"...
אַ צווייטער „ברענגט ליכט — אַ הויז־אונטערצינדער.

אַ דריטער זוכט נאָר „פון לעבן געניסן",
האַלט ער פון רויבן און שענדן, פון שטעכן און שיסן.

אַ פערטער האָט ליב מיט גאָלד־שטיקלעך קלינגען,
און הייזער, און ברייזער, און לאַנד שטיקער שלינגען.

שטייט יעדערער פון די פיר מיט אַ טענה אַ גרייטער:
ער אַליין איז קלאָר; נאָר — ס'איז משוגע דער צווייטער...

# דער רייכער אָנקל סעם

איך געדענק מיין רייכן פּעטער
ווי אַ דערפּאָלגרייכן סוחר
מיט אַ שמייכל אין די אויגן,
גוטמוטיג — אַ ווייכער.

„אָנקל סעם" פון אַמעריקע
איז ער געווען באַקאַנט אין אַלע
לענדער,
מיט דעם קנייטש אין די הויזן,
מיט דעם געשטרייפטן צילינדער.

כאָטש פאַרפּוצט אין פּרינץ
אַלבערט,
איז ער געווען אָן אָנשטעל, אָן
גאווה.
גוט ברודעריש — יאַטיש,
בלויז — ווען־ניט־ווען אַ בעל־
תאווה...

איצט האָבן זיך די „קדשים"
צעלאָזן,
ווי ניט געזעצלעכע בנים...
מאַכן צו חוזק דעם „אָנקל"
און פון פריינט — מאַכן שונאים...

אין זייער גייעג אויף צו „כאַפּן",
האָבן זיי צעטומלט זיין רעיון,
פאַרפּוצט אים ווי אַ „צירק־העלד",
אין ווילדע כלי־זיין...

אָנשטאָט אַ פּרינץ־אַלבערט,
מיט צוויי לאַנגע עקן,
פרואוון זיי אַ לאַנגן מונדיר,
זיין אויסזען פאַרדעקן...

צוויי פיס — ווי צוויי מיסילס,
אַ קריגס־שיף — דאָס בייכל.
און הענט צוויי — וואָס מישן,
אַן אַטאָמישן מאַכל...

דאָס מויל גייט אויף שרויפן.
זיין צונג ווי אַ שווערדל.
און פון שטעכיגע דראָט —
פאַרפּוצט אים אַ בערדל...

געמאַכט אַ נאָז אים — אַ באָמבע.
צוויי אויגן — קאַנאָנען
צו וואַרפן אַ „בליק" —
וואו נאָר זיי קאָנען...

אין אַ „ברעס־העט" פאַרפּוצט
אים,
פאַר דער ראָלע דער מיאוס'ער.
לויטן אָנשטעל: „געט־טאָף" —
ווערן אַ גאַנצער „צעשיסער"...

ער זאָל לויפן ווי אַ „קאַו־באָי",
ווייזן קונצן אויף „ראַנדן"...
כאָטש די געפאַר איז אַ גרויסע
פון אַטאָמישע בראַנדן...

— — — — — — — — — — — — — — —

איז מיין אָנקל אַ מאַכער,
אַ „ספּאָרט" און אַ צאָלער...
נאָר דערווייל, אָוי, אַ קלאָג —
עס איז אַ בראָך צו מיין דאָלער...

## עס שטייגט און שטייגט!

שוין לאַנג אַוועק זיינען יענע צייטן,
אַוועק אין קאַלענדאַר דעם ווייטן,
ווען דער פּרייז סטאַביל געווען ווי אייזן.
מ׳האָט געקויפט צוויי „פּיקל” פאַר אַ ניקל,
און פאַר אַ ניקל — וואורשט אַ שטיקל.
איצט איז אַנדערש — נייע פּרייזן...

ס׳איז ניטאָ מער אַ בייגל פאַר אַ פּעני,
נישטאָ קיין יאָדרעס, פאַר אַ סענט אַ זשמעניע.
און קאַר-פעיר איז ווייט-ווייט פאַרפאָרן...
דער בלוט-זויגער האָט אַלץ צעפעכערט,
צעבלאָזן פּרייזן, ס׳איז אַלץ געהעכערט,
מיט יעדן טאָג וואַקסט אַ נייער גאָרן...

מ׳האַלט אין העכערן פאַר טעלעפאָנען.
עס פעלט זיי צום חשבון נאָך ביליאָנען,
צו דערגאַנצן די עשירות...
רייסט מען פאַר שפּייז, פאַר שיך און קליידער
און דער לענדלאָרד מאָנט כסדר —
נאָך אַ העכערונג פאַר די דירות.

הערצו זאָגט אַן „עקסטרע” אויף די צייטונג,
נייעס, נייעס פון גרוים באַדייטונג.
פּרייזן העכערע וועט איר איצט געבן,
ווייל פּרייזן אויף פּאַפּיר -- געשוואָלן.
און אַלץ אַרום איז איצט אָנגעדראָלן —
בלויז געפאַלן, ביליג — איז דאָס לעבן..

## די פּרעסעניו...

די פּרעסע דרוקט שרייענדיגע קעפּלעך
ווי אויף אַ ביליגן בגד — גרויסע קנעפּלעך...
מיט דעם זוכט מען פאַרנאַרן דעם עזער.
אָפּט זיי רעדווען ווי היזות,
גיסן אָן צעבערם מיט „נייעס”, —
עס קומט אים זיך צו האַלטן ביי די נעזער..

## שירעם און „שעלטער“

ניטאָ קיין מרדכי און אסתר היינטיגע צייטן,
ניטאָ מער קיין ניסים, ווי מ׳דערציילט פון אַמאָל.
ניט גרינג איז צו לעבן אין די איצטיגע טעג,
און ס׳איז אויך ניט אַנדערש אינם לאַנד פון ישראל.

„געאויילטע“ פּאָליטיקער שפּילן פּילקע מיט׳ן אידן,
אַמאָל איז עס וואָל סטריט, אַמאָל — די ענגלישע טאָרים.
זיי וואַרפן כלומרשט קערנער, ווי פאַר עופות אין שטייג,
כדי שפּעטער צו קאָנען — שלאָגן כפּרות...

און דער איד, דער האָרעפּאַשניק, מוז צאָלן און ליידן,
כאָטש ער האָט געגעג שוין געפּאָקט און געמאָזלט
פון פּיאַוקעס, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף זיין קאַרק
און אים, ווי שטענדיג, — פאַר„פּאַקט“ און באַ׳גל׳ט...

איז געגעג שוין צו לאָזן זיך פאַרבלענדן די אויגן
פון פּוסטע צוזאָגן — פאַלשן קלאַנג פון געלטער.
שלום און פריינטשאַפט, אַלע פעלקער צוזאַמען —
דאָס קאָן אויך זיין פאַר ישראל דער שירעם און „שעלטער“!

## קלאַפּט אַ טויב — אין שויב..

פליען טויבן אין אַ קרייז, ווי שלום-פאַנען פליגל ווייס.
דרייען ריטמיש אַ געדריי, ווי עפּעס זאָגן ווילן זיי —
צו דער וועלט אַ נייעס...

פליט פאַרביי אַ ווייסע טויב, קלאַפּט מיטן שנאָבל אָן אין שויב.
וואָרקעט אוים אַ ווײ־געזאַנג: געדענק, עס זאָל ניט טאָן דיר באַנג.
זיין הויז פאַרשווינדן וועט דורך הויב...

שפּילסט זיך מיט פייער ביי דער טיר — יווי איז מיר,
ווען ברענען וועט דיין טיר, אוישאַק, אויך מיט דעם מיין טויבן-שלאַק
וועל איך אין פייער זיין מיט דיר...

פלי איך אום, זאָג יעדן אָן, מענטש, זע גיכער עפּעס טאָן,
וועק אויף די שכנים איבעראַל, ווייז דעם וועג זיי מיט אַ שטראַל —
צו אַ שלום-ווייסער פאָן!

## באַנקראָטן — ווי אויף נאָטן...

איבעראַל, איצט אויפן לאַנד, הערט איר אויסרופן — אַ שאַנד
עס איז דאָ פּאַר די שטאָטן.
דאָ אַ שאָפּ, און דאָ אַ שאַכט, און דאָ אַ קראָם האָט זיך פאַרמאַכט.
עס איז „ביזי״ — ביי באַנקראָטן.

געציילטע האָבן ברויט און פּוטער, שיינע קליידער, אַ גוטן פּוטער,
עס שפּילט זיי אַלץ-צו ווי אויף נאָטן.
נאָר פאַר מיליאָנען האָט „דעפּרעשאָן״ אַלץ פאַרניכטעט, אויפגעפרעסן,
און געבראַכט זיי צו באַנקראָטן.

דער רייכער פאָרט זיך מיט זיין דאַמע, אין לאַס-וועגאַס, צי מיאַמי.
און לעבט אַ טאָג אין זון און שאָטן, —
ווען דער אַמכאַ, קליינער קרעמער, ווערט פון גרויסן אונטערנעמער
אַריינגעוואָרפן אין באַנקראָטן.

ניטאָ קיין אַרבעט פאַר נאָדל, האַמער, אַ טרויער לעבט איצט דורך
דער פאַרמער.
ווען אין באַנק עס וואַקסן די באַנקנאָטן.
און ווען אויף וואָל סטריט הויבט-אָן קראַכן, איז מיט „יאַשטשערקעס״
צו לאַכן,
זיי מאַכן געלט אויך פון באַנקראָטן!..

## אויל אויפן פייער...

ברענט אַ וועלט אין שרעק און גרויל.
שטיקט אַ רויך פון בראַנד און אויל.
דאָך צאַפּלען הערשער זיך אין פיבער
און זוכן אויל פון נייע גריבער.
ס'זוכט איינער אויל פאַר קריגס-מאַשינען,
אַ צווייטער זוכט — גאָלד פאַרדינען.
אַ דריטער זוכט מער מאַכט צו קריגן,
אַ פערטער דרייט פאַר זיך די זיגן...
אַרבעטן שווער די אימפּער-שפּינען,
וועבן ליגנס אויף דרוק-מאַשינען.
און כאָטש אויל פאַר זיי איז זייער טייער,
ווילן זיי ניט שפּאָרן — אויל אויף פייער!...

## אַ מענטש — איז אַ מענטש!

ביים ברעג טייך אינ׳ם וועלדל, וואו מ׳הערט פון פייגל געזאַנגען,
זיינען מענטשן געקומען פיש דאָרטן פאַנגען.
זיי האָבן צענומען די מכשירים, פאַרוואָרפן דעם האַקן,
און געלויערט מיט די אויגן — אַ פיש וואו צו פאַקן.

אין דעם האָבן צוויי גענומען אַ שמועס צו פירן.
און איינער האָט גענומען אַזוי פילאָזאָפירן:
וויפיל מ׳זאָל ניט פרואוון וועגן יושר רעדן און קלינגען,
וועט איין פיש אַ צווייטן, ווען ער קאָן נאָר — פאַרשלינגען.

אַ מאַמע די קינדער, און די קינדער אַ מאַמען,
מ׳שלינגט איינס די צווייטע, כאָטש מ׳שווימט, דאַכט זיך, צוזאַמען.
אַזוי אויך די וועלט איז, וואו עס הערשט רייך איבער אָרעם,
פאַרנאַרט איינער דעם צווייטן — מיט אַ האַקן און וואָרים...

ענטפערט דער צווייטער: די וועלט איז אַ קרומע,
ווען מ׳פירט אַ מאָראַל פון באַשעפענישן שטומע.
אָבער מענטש, איז אַ מענטש, ער קאָן דערלאַנגען אין נאַקן
דעם, וואָס וויל אים פאַרנאַרן צו זיך אויפן האַקן!...

## דער פאָליטישן

דער פאָליטישן האָט מאַכט און זיין וואָרט — אַ באַדייטונג,
ער ווייסט ווי צו קריגן דעם אויבן־אָן אין דער צייטונג...
אַ גוטער ברודער מיטן גרעפטער, אַ פריינט מיט רעקעטירער.
איינעם גיט ער ערשטע פידל, אַ צווייטן, מאַכט ער פאַר פירער...

ביי טאָג זיצט ער מיט „פּני״, ביי נאַכט מיטן פאָליטישן,
אַרבעטן אויס וואָס עס לוינט זיך, — אַבי פאַרקאָכן, פאַרמישן...
ווי צו האַנדלען, זיך פאַרבינדן, וואו מ׳דאַרף זיך באַהעפטן,
און וואו כשר צו מאַכן די טריפע געשעפטן...

דאָ דאַרף מען נעמען און דאָ דאַרף מען געבן.
נעמען פאַר זיך, און „לאָזן אַנדערע לעבן״...
אויך באַזינגען אַ פריינט: „יו׳ר עי דזשאַלי גוד פעלאָ״.
און מיט אויגן פאַרגלאָצטע: זיי בענטשן — אָמן סלה!...

## ניטאָ קיין נייעס...

וואָס הערט זיך נייעס? פרעגט אָן איינער,
אַ צווייטער ענטפערט מיט אַ „מניע” אַ קאַלטן,
ניטאָ קיין נייעס, אַלץ דאָס אייגענע,
לויט די צייטונגען -- איז אַלץ ביים אַלטן...

מערדערייען קומען פאַר טאָג-טעגלעך,
דאָ אַ מאַן גע'הרג'עט, דאָרט באַרויבט אַ פרוי,
איינער לייקנט זיין טאַט אינגאַנצן —
אַ צווייטער שילדערט דעם מאָרד גענוי.

צוויי יונגען „צעזווערטלען” זיך מיט ביקסן,
באַלד ווערט קלאָר: פאַראַן אַ קרבן,
צוויי פאַרהאַלטן, פיר-פינף פאַרוואונדעט,
פון זיי איז איינער גלייך געשטאָרבן.

אַזוי טאָג-טעגלעך אַלץ דאָס זעלביגע,
וואָס מיר פרידן, און שלום-בית —
פיף-פאַף, זעץ איז איצט אין מאָדע,
איז ווי איר זעט — ניטאָ קיין נייעס...

## פון איין זייט שאַלט -- פון צווייטן פאַלט...

די פויקן קלאַפּן צום טאַקט און צום רומל,
נאָר אויף וואָל-סטריט סקריפּעט, עס הערט זיך אַ טומל,
ס'איז קיין שפיל ניט אין דריידלעך, און אויך ניט אין שאַך,
ס'איז פראָסט און פשוט -- אַ וואָל-סטריטער ק-ר-אַ-ך.

אַ קראַך ווי אַ סאַטעליט פון הימלישער הויך,
פאַרברענט אַ פאַרמעגן, אַוועק ווי מיט רויך,
געקאַכט זיך, געקליגט זיך, געשטעלט אַלץ אין קאָן,
איצט האַלט מען אין ציילן — ווי פיל ביליאָן...

דער חשבון גייט ווייטער ניט נאָר אין דעם פאַל,
ווען עס קראַכט און עס נידערט — פאַלט אויך די מאָראַל,
הכלל, ס'איז אַ צרה, וואָס ווערט אַלץ פאַרצווייגט —
עס פאַלט און עס פאַלט, דער יקרות בלויז — שטייגט...

## שאַ! — דער „טאַטע״ שלאָפט...

עס האָט דער קאָנגרעס זיך געשלאָסן.
פאַרמאַכט פאַר זומער איז די טיר.
די קאָנגרעסלייט אַוועק זיך קילן,
זועד מיט אייז־קרים, ווער מיט ביר.

די „בילס״ פאַרשלאָסן אין די שראַנקען.
סיי וואָס שלעכט איז — סיי וואָס גוט.
דער „שיקזאַל״ איז אויף וואַקאַציע,
דער „געזעץ״ — ליגט און רוט...

נאָר דאָס פאָלק — עס קאָן ניט רוען,
מ׳הערט אַ צוין־קריץ און אַ האַס.
די „טאַטעס״ זיינען זיך צעפאָרן —
די קינדער — הפקר אויף דער גאַס.

ברענט די היץ און ס׳קאָכט דאָס קעסל,
וואָס איז אָנגעפילט מיט סם.
באָרן קינדער זיך אין בלאָטע —
ווען דער „טאַטע״ — שווימט אין ים.

## אויף וואָל־סטריט בית־עולם...

וואָל־סטריט רופט די שעפעלעך:
זי האָט גרייט אַ רייכן טיש...
אויפן „הוק״ האַלט זי אַ ווערעמל,
פונקט ווי צו כאַפן פיש...

מציאות, אַקציעס, רופט זי אוים,
פאַר אַ קלייניקן פראָצענט.
אַ סוחר וועט איר אויסוואַקסן,
אַ דאָלאַר מאַכן פון אַ סענט...

פירט וואָל־סטריט קונקל־מונקל אָן,
ווי זי טוט דאָס אַלע מאָל.
די שעפעלעך — בלייבן שעפעלעך —
און וואָל־סטריט שערט די וואָל...

## רעאַקציע באַגריסט — ניט אומזיסט...

האַרציגע קעניגלעך, קרוינדעלעך
אַ געזונט אייך אין די ביינדעלעך,
ווי איר פאַרשטייט גוט אונזערע
 צילן,
וואָס מיר דאַרפן, וואָס מיר ווילן...

מיר ווילן פון אייך אַ באַזעלע,
און איר דאַרפט דאָך עולם־
 הזה׳לע —
וועט איר דאָס קריגן
טאַקע מיט פאַרגעניגן.

און וואָס ווילן מיר פון אייך —
איז דאָך ניט שייך,
איר ווייסט אונזער סימפּאַטיע
פאַר דעמ־אָ־קראַטיע...

וועט איר קריגן אַ מיסיל —
קעיט אויך אַ ביסל...

און אַלץ וואָס מיר באַזיצן —
אַבי נאָר אייך באַשיצן!...

מיט געווער און מיט „שעלטערן”,
איר זאָלט זיך קאָנען עלטערן,
ניט ווי פּרעה אין דער הגדה,
נאָר לויט דער נייער פּ ר ע ה ׳ -
 יאדע...

וועלן מיר באַשיצן יעדער
 שטיינדל
פון אייער הויף, און קריינדל.
איר זאָלט הערשעווען כסדר —
ניט ווי דער קעניג ביים סדר,

וואָס זיצט פאַרזויערט פון פּראַצע.
קוויקט זיך מיט מרור און מצה.
און „מיר” — אָן הגדה און
 ריידלעך
זײַנען גרייט מיט די קנײדלעך...

## די כוואַליעס— קריגן כמאַליעס

איך קוק זיך צו צום ברעג פון ים,
זע די שפּיל פון כוואַליעס,
ווי „ברידערלעך” זיי גריסן זיך,
מיט זעצן און מיט כמאַליעס..

יעדע כוואַליע פליט צום ברעג.
ווי עפּעס וואָס צו כאַפּן.
קומט אַ צווייטע און אַ דריטע, —
מ׳הויבט זיך אָן צו קלאַפּן...

ווען די כוחות גייען זיי אויס,
נעמען זיי הינטערווילעכס לויפן.
נאָר בלייבן שטיל אין גרויסן ים,
ווילן זיי ניט בשום אופן...

פאַרמעסטן זיי זיך פון דאָס נײַ,
איינס די צווייטע איבערשטייגן.
לויפן איבער זאַמד און גרוב,
ווי חיות פון די שטייגן...

— — — — — — — — — — —

דערמאָנט דאָס שטאַרק אָן איינגע,
וואָס לאָזן זיך נאָך באַזעס יאָגן.
און צום סוף — פאַרשטייט איר דאָך,
זיי מוזן זיך צעשלאָגן!..

## חסר-דעה — און האָט די דעה...

אין דער וועלט פון מענטשן זיינען פאַראַן געלערנטע און קלוגע,
אויך צע'חוש'טע פעלן ניט און פראָסט געזאָגט משוגע.
איז ווען דער קלוגער זיצט און טראַכט: פון דער וועלט אַ לייט צו
מאַכן,
זיצט אַ פאַרריקטער אויפן טראָן, פרואווט אים אויסצולאַכן.

און ער איז ניט פון די משוגענע, וואָס לויפן אויף די גאַסן,
קינדער זאָל אים נאָכלויפן, האָבן מיט אים שפּאַסן,
דער צעמישטער פירט זיך גרויס, ניט קיין משוגענער פון אַ שטעטל,
אויך ליגט ער ניט אין אַ שפּיטאָל געבונדן אין זיין בעטל..

נאָר איז דער „באָס" איבער אַ רײַ שטעט, מיט כבוד, געלט, אַ זאַטער.
פירט די גרענדע ווי ער וויל, אַ גאַנצער גובערנאַטאָר...
און כאָטש אַלע ווייסן גאַנץ באַשטימט, אַז ער איז חסר-דעה —
זאָגט ער, איך בין דאָ דער באָס — איך זאָג דאָ די דעה!...

לאַכט ער זיך אויס פון אַלעמען, מאַכט אינטריגע נאָך אינטריגע,
באַשטימט אַליין, אַז ער איז „קלאָר", די וועלט איז גאָר משוגע...
און מאָדנע איז דער־אַ פּאַראַדאָקס, צווישן די טרויעריגע וויצן —
אַ משוגענער גייט אַרום פראַנק-און-פריי און — באַפרייער
דאַרפן „זיצן"...

## ד׳ער שוואָם — פון אַטאָם

ווען דאָס לאַנד איז געשלאָפן, פאַרוויגט אין חלומות
איז געקומען די בשורה, ס׳איז אַריבער בשלמות:

אַן אַטאָמישער אויפריים, איז אַ געראָטענער, אַן עכטער —
דער טייוול אַליין האָט געקראַכט פון געלעכטער...

און אין אויספּאַל פון אַש, אין „שפּיל" פון אַטאָמען —
דערזען האָט מען בילדער פון ריזיגע שוואָמען...

אַנשטאָט וואָרקען פון טויבן, גרינקייט פון בלומען,
האָט געגרייצט אַ „סימפאָניע" פון רעוון און ברומען.

און וואָס טויבן. ווען טויבן — ס׳פאַכען פליגל פון קראָען.
פון בייזע ווינטן געטריבן — באַגלייט מיט אַ וואיען.

אַזוי האָט מען מיט אַטאָם־שטויב, פאַרבלענדט די אויגן.
און מיט „שוואָמען" דעם שלום־חלום פאַרצויגן.

## אַ „מייסטער" אויף מײַן טייסטער

דאַכט זיך, ער רעדט ווי אַ מענטש.
נאָר פאַרענדיגט מיט קוידער־פּלוידער.
אָט זעט אויס, זאָגט ער ער, אַ ווארעם וואָרט —
צום סוף אַ שרעק, אַ שוידער.

געפינען לאָגיק איז שווער ביי אים.
אַ זיג־זאַג אין זיינע ווערטער.
יאָ און ניין — איין אויסלייגאַכץ,
ווי גיך ער בייט די ערטער.

פליט אַרום איבער דער וועלט,
מיט „קאַלטן קריג" אין שליטן.
טרייבט די וועלט אַראָפּ צום ראַנד —
נאָר ער — ער זיצט אין מיטן...

אַזאַ איז די סטראַטעגיע
פון „אונזער" מיסטער „מייסטער",
ער רעדט פון בײדע זייטן מויל —
מיט די אויגן אויפן טייסטער...

## „קריזעס, שמיזעס״ — אָט דאָס איז עס!

אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע איז סלעק.
עס געוועלטיגט נאָך וואָל־סטריט מיט שרעק.
ער האָט פאַרוואָרפן אַ שטריק אויפן קאַרק דאָ.
שטיקט דאָס לאַנד מיט אַן עמבאַרגאָ —
און דעם האַנדל געגעבן די „סעק״...

דאָס פאָלק פילט זיך דערשלאָגן פון רעסעס־יע,
מ'טרינקט זיך אין חובות פון דעפּרעסיע.
נאָר אויף וואָל סטריט הערשט אַלץ דער וואָלף,
בשעת דער „לאַנד־טאַטע״ איז פאַרנומען מיט גאָלף —
ווייסט מען פאַסן פון די מאַסן בפרהסיא...

פּאָליטישן דרייט זיך ווי אויף אייז־קריעס אַ שיף,
„צוזאָגן און ליב האָבן״, מיינט ביי זיי שוין „רעליף״.
זאָגט מען צו די אַלטע אַמאָליגע פּלענער...
עס וועלן שטייגן אין טאָפּ צוויי הינער, דריי הענער,
נאָר דערוויל שטייגן פּרייזן, און דער דלות איז טיף...

## דער פליער...

איבער ימ'ען און לענדער, פליט אַרום מיסטער כאַפּ־לאַפּ,
רייסט קונים ווי אַמאָל, די „פּולער־אין״, פאַר'ן קלאַפּ.

איר קאָנט איצט אויף וואָל־סטריט „באַרגנס״ פיל קריגן,
כלי־זין בחינם, זיך צו שלאָגן און קריגן.

מיר גיבן אייך אַלץ, האַליוואַי זאָלט איר דאַרפן,
אַ ביקס און אַ שווערד, און אַ צינגל אַ שאַרפן.

מיר גיבן אייך אַלץ, ווען איר פאָלגט אונזער עצה:
איר קריגט רעגירער און פירער, און — אַ זאַק אויף דער פּלייצע...

אַטאָמען, ווי שוואָמען, און אויל צו באַשמאַלצן,
נאָר איין זאַך: האָט שכל — מאַכט כשר, געזאַלצן...

און מיט דער צייט וועט אייך קומען, זאָגט פון וואָל־סטריט דער נביא,
מיר'ן „מירצישעם״ אייך געבן אויך — אַ מיסיל מערבי׳...

## מעקסי, טעקסי — און טעקסעס

באַקלאָגט זיך דער טעקסי־טרייבער מעקסי,
מ׳וויל אַ טעקס אויך שוין אויף מיין טעקסי.
און באַלד וועט מען בעטן אויך פאַר כוסות,
און פאַר קניידלעך, כריין, חרוסת.

חוץ דעם נעמט מען אויך אַ שטייער
פאַרן געזאַלין, און אויפן „טאַיער".
מ׳עט נאָך דעם שטייער מער פאַרשטייפן,
צו צאָלן אויך פאַר טרובעז, פייפן...

אין גראָסערי צאָלט מען שוין לאַנג כסדר,
אַזוי אויך פאַר שיך, און העמד, און קליידער.
איצט וויל מען טעקסעס אויך פאַר אַ טשעקל,
און פאַר פּאַפּיראָסן — אויף יעדן פּעקל.

נאָו דאָ האָט געקסי אָפּן - מכות!
איך צאָל ניט טעקסעס פאַר קענסערס (ראַקעס)...
איך הער אויף רויכערן, ניט לאָז זיך טעקסן,
ניט ביי ביי מאָט־ען — ס׳הייסט. ניט ביי מעקסי׳ן!...

## קאַלטס און וואַרעמס

אין טיילן פון לאַנד זעט מען בלומען, פייגל און טויבן.
אין אַנדערע טיילן, זעט מען — פאַרפרוירענע שויבן.

איינער באָדט זיך אין ים, ווערט געוואַרעמט פון שטראַלן.
אַ צווייטער אין „סלאָם" ווערט פון שטורעם באַפאַלן.

שרייט איינער: שטאַרקע היצן; אַ צווייטער שרייט: שטאַרקע קעלטן.
אויך אַזוי איז דאָס לעבן היינט צו טאָג אין צוויי וועלטן...

## „אומפּאַרטייאיש"

דער קאָפּ איז דער טינטער, מיט די עלנבויגנס טראַכט ער,
און שרייבן, שרייבט ער מיט ביידע הענט.
גייט אויף אַ דראָט און ציט פון מויל סטייגנעס,
און ווייזט אויך אַ קונץ — קריכן אויף ווענט...

# ה) „די וועלט פון מאָרגן"

## סאָוועטנלאַנד

(צו דעם יום־טוב פון 40 יאָר סאָוועטנלאַנד)

פערציג יאָר אין געשיכטע איז נישט מער ווי אַ פּינטל,
און שווער איז געווען צו בייטן דאָס ווינטל...

אָפט זיינען געקומען „קעלטן" און שטורעם.
מ'האָט געדאַרפט אין סכנה באַשיצן דעם טורעם.

אַליין דורכגעלעבט אויך אַ סך קידער־ווידער,
אין בויען און שאַפן נייע טענער און לידער.

אין אַטאָמען, אין רוימען, אין וואַסער און פייער,
כאָטש אָפט איז דער פּרייז געווען זייער טייער...

אָפט געבלאָנדזשעט אויף וועגן אין זיג־זאַגישע גאַנגען,
נאָר אַלץ מיט איין צוועק, אַ האַנט דעם ברודער דערלאַנגען.

געביטן אָפט גאַנג פון ים'ען און טייכן,
כדי מער הויםן און שלום אויף דער וועלט צו דערגרייכן!

איצט קוקן־צו פעלקער פון לענדער נאָענטע און ווייטע,
וועלכע קעמפן אַליין אויך — צו ווערן באַפרייטע.

באַגריסן זיי סאָוועטנלאַנד מיט דער נייער פאָלקס־בינע,
און פאַרשטייען דעם טייטש איצט — פון „בן ארבעים לבינה".

## סאָוועטישע אויסשטעלונג

(צו דער סאָוועטישער אויסשטעלונג פון וויסנשאַפט, טעכנאָלאָגיע
און קולטור אין ניו־יאָרק קאָליסעאום, 1959)

פאַרגאַפטע בליקן פון די מאַסן, קוקן־אָן פאַרוואונדערט,
וואָס סאָציאַליזם האָט געשאַפן אין אַ קאָרגן האַלב־יאָרהונדערט.
ווי אַן אָרקעסטער וואָלט שפּילן, לויט דער מוזיק וואָס איז געשאַפן,
שפּילט אַ ליד סאָוועטנלאַנד — אויס הערשער און אויס שקלאַפן!
וואַקסט דאָס לאַנד מיט זיג־געזאַנגען, אַלע פעלקער העלפן שמידן.
עס קלינגט דער עכאָ פון מערב און האַמער: מיר ווילן האָבן שלום,
פרידן!

אָפּגעמעקט עס איז די געטאָ, אוים מיט די הערשער אין ווילדע ראָלן.
ניטאָ קיין קלאַס מער „הויכע פּענצטער" און אַ קלאַס — פון טיפע טאָלן...

שטייגט טעכנאָלאָגיע, קולטור און וויסן, מיט דעם אויך דילן, ווענט און העכער,
ס'פליען „ספּוטניקס" צו דער לבנה, זייער מעגלעך — אויב ניט נאָך העכער.
באַגרייפן פעלקער, וואָס מיינט „מער ווערט", דער ענין ווערט איצט מער און קלערער.
ווען ביים פאָלק ס'בלייבט הער „מער ווערט" — איז ער ווערט גאָר אַ סך מערער!...

## דער מענטש איז מקנא — די אַבעזיאַנע...

(געווידמעט די צוויי אַמעריקאַנער אַבעזיאַנעס, וואָס זיינען געפלויגן אין די הויכע ספערן און געקומען צוריק לעבעדיגע)

קוקן זיך מענטשן צו, ווי אין „זו"
לעבן זיך רחבות'דיג די „מאַנקים" (אַבעזיאַנעס).
טאַנצן, שפּרינגען, ווייזן קונצן אַלערליי
און עכן פון טעלער די אמת'ע מאַרציפּאַנעס...
דערביי אַ מאַלפּע אַ גרויסע פילט זיך ווי אין זיבעטן הימל,
ווייזט אַלעמען אַ נאָז, שטאָלץ, בראַוו און דערהויבן:
איר מענטשן, גרויסע גאַונשטן, וואָסט זאָגט איר איצט?
ווער איז געווען אין די הויכע ספערן אויפן סאַמע אויבן?
איצט דאַרפט איר בעטן מחילה ביי דער „מאַנקי", גאָרילאַ.
איר דאַרפט אונז דאַנקען און בענטשן —
מיר האָבן אייך אַלע געשטעלט אויף די פיס
און געמאַכט אייך פאַר מאַכערס, פאַר מענטשן...

מיר אייך קאָנען נאָכמאַכן אַלערליי זאַכן און קונצן,
אָבער איר וועט דאָס נאָך ערשט דאַרפן באַווייזן:
פליען מיילן אין די ווייטע הימלען,
ווי די סאַמע מלאכים אין די העכערע קרייזן...

## „ספוטניק און „עקספּלאָרער״ -- הימלישע פּאָרער!

(געווידמעט דעם ערשטן סאָוועטישן „ספוטניק״ און דעם ערשטן
אַמעריקאַנעם „עקספּלאָרער״)

פון מזרח -- דער „ספוטניק״, פון מערב — „עקספּלאָרער״.
לויפן אין רוימען — צוויי וועלטלעכע פּאָרער.
גאַלאָפּירן לבנה׳לעך באַלויכטן אין פלאַמען,
און די פאַנטאַזיע מאָלט ווי זיי פליען צוזאַמען.

כאַפּן אָפּ אַ שמועס ווי צוויי נאָענטע פריינט,
פרעגט „עקספּלאָרער״ דעם „ספוטניק״: „איך יו דאָנט מאַינד״!
איך זע, אַז דו ביזט דאָ, שוין גאָרניט קיין גרינער,
דיין רעקאָרד באַווייזט, ביזט אַ „גרויסער פאַרדינער״...

וועלן מיר קאָנען דאָ לעבן אין הימלישע ספערן
און איינע די צווייטע דאָס לעבן ניט שטערן?
צעלאַכט זיך דער „ספוטניק״, „ביפּ-ביפּ״ נעמט ער ריידן:
מיר קאָנען לעבן צוזאַמען אין פרידן און פריידן.

„ברודער עקספּלאָרער״, מיר זיינען געקומען אין הויכן,
נייע זאַכן דערלערנען, נאָך וויסן דערגרייכן.
מיר זיינען דאָ ניט געקומען פאַר געשעפט-קאָנקורענץ.
לאָמיר לעבן אין שלום — און קאָ-עקזיסטענץ!

## דער „לוניק״ — שיינט זוניק!

דער סאָוועטישער „לוניק״ איז גאָרניט קיין מפונק...
פאַרביי די לבנה — און צעלויכטן זיך זוניק.

פאַרפלויגן אין די הויכן, ניט געלאָזן זיך בעטן —
געוואָרן „פאַני-בראַט״ מיט די הימלישע קאָמעטן.

די מיסילס זעען אויס אים, ניט מער ווי אַ קניידל.
זייער הרייען זיך איז עפּעס ווי אַ חנוכה-דריידל...

אפילו זיין עלטערער ברודער, וואָס איז אין אדבים ער
און זיך געשאַפן אַ נאָמען. ווי ספוטניק דער דריטער —

אויך ער איז נישט מער, ווי אַן „אַלטער לאַטוטניק",
וואָס ווערט נאָר דערמאָנט ווי דער „געוועזענער" ספּוטניק...

ווייל זוניק שיינט „לוניק" — זיינע שטראַלן עם פינקלען,
„די וועלט פון מאָרגן", באַטראַכט ער פון אַלע פיר ווינקלען.

און ער רופט פון די היכן איבער לבנה און שטערן:
שלום עליכם אייך קינדער — ס'זאָל פאַרשטערט דאָס נישט ווערן!

## שלום — דורך הימל, ים און ערד

(צו דעם באַזוך פון דעם סאָוועטישן פּרעמיער ניקיטאַ כרושטשעוו
אין די פאַראייניגטע שטאַטן)

מיט סערפּ און האַמער, סעפּטעמבער 1959, אויף פאַן,
האָט דורכגעשניטן די לופט אַ ראַקעט מיט אַ „לוניק",
צו דערווייזן זיך וויסנשאַפטלעך די הימלשע סודות,
און פאַר דער וועלט זיי ברענגען צו באַלויכטן זי זוניג...

סעפּטעמבער, 1959, האָט דער אַטאָמישער אייז־בּרעכער „לענין"
אָנגעפאַנגען זיין „קריעת ים סוף" — ברעכן דעם אייז.
סימבאַליש: ברעכן די קאַלטע מלחמה, צו ווייזן דער וועלט,
אַ וועג פאַר פאַרעמקייט און פון צוזאַמענאַרבעט — אַ באַווייז.

אין נאָמען פון שלום, אין סעפּטעמבער, 1959,
קומט פּרעמיער כרושטשעוו אין די פאַראייניגטע שטאַטן.
צוזאַמען מיט פּרעזידענט אייזענהאַוער באַטראַכטן מיטלען
ווי צו צעשמעלצן די קאַלטע מלחמה פאַר פאַרעמע, פרידלעכע
קלימאַטן...

אַזוי ווערט פאַרצייכנט סעפּטעמבער, 1959,
אַ שטיק גוטע געשיכטע פאַר דער וועלט פון מאָרגן:
אין הימל, אין ים און אויף דער ערד —
דרייען זיך די רעדער פאַר אַ פאַרעמען, שלום'פולן לעבן אָן זאָרגן...

# ו) לזכרון

## משה אַלגין

(צו זיין 20־טטן יאָרצייט)

ריין און ציכטיג איז ער געווען שטענדיג אין זיין גאַנג,
ווי זויבער ליכטיג עס איז געווען זיין גייסטיג לעבן.
אין זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף איז געווען נאָר איין פאַרלאַנג:
אַ ריינע באַוועגונג די אַרבעטער־מאַסן צו געבן.

פיזיש אַ שוואַכער, אָפט אפילו אויך גאַנץ קראַנק,
נאָר מיט זיין וואָרט — אַ ריז פלעגט ער ווערן.
ווען ער האָט געבראַכט צום פאַלק זיין ליטערן געדאַנק,
איז געווען וואָס צו לערנען, איז געווען וואָס צו הערן.

זיינע אויגן האָבן פון קורצזיכט געליטן. דאָך געזען האָט ער זייער
ווייט . .
פון אַ מיטעלן הויך, האָט ער זיך אין די הימלען דערהויבן.
ווען ער פלעגט נביא׳איש אונז ווייזן די צייט,
איז זיין וויזיע שוין ווייטער און ווייטער געפלויגן.

אַ גרויסן פאַרמעג האָט ער געלאָזן צו זיין יורש:
קעש — אַ קלייניגקייט, לויטן חשבון פון באַנקען
נאָר ביכער און ביכלעך מיט אַגאַנץ אַנדער׳ן פירוש —
זיי שיינען און שטראַלן אין ביבליאָטעקן און שראַנקען.

הערט זיין נאָמען געערט, ווי כ׳הערט געלערנט זיין תורה,
כאָטש בייזע שונאים ווילן זיין אָנדענק פאַרפאָלגן.
וועט ניט העלפן דער רעאַקציע שאַפן שרעק און מורא,
ווען דער וועג וועט באַלויכטן — פון אונזער מ. אַלגין!

ווען אַלגין פּלעגט שרייבן אפילו מיט אַ שטאָלענער פען, פּלעגט אַלץ אַרויסקומען גאָלדענע ווערטער...

* * *

אַלגינ'ס שרייבן איז געווען קאָלירייך ווי דער רעגן־בויגן און פייערדיק ווי די זון...

* * *

ווען אַלגין איז אין די צאַרישע צייטן געזעסן אין טורמע, זיינען אפילו די טורמע־ווענט באַלויכטן געוואָרן מיט אַלגינ'ס פייער־גלי...

* * *

וואָס פאַר אַ קאָלירטע טינט עס זאָל זיך ניט האָבן געפינען אויף אַל־גינ'ס שרייב־טיש, האָט ער אָבער ביים שרייבן ליב געהאַט צוצומישן זיין אייגן בלוט...

* * *

אַלגין האָט אין זיין שרייבן פאַרמאָגט די פיאיגקייט פון צען אַנדערע בעלי־מלאכות: ער האָט זיין שרייבן געהובלעוועט, געשמידט, געפרעסט, געפאַילט, געמאָלן, געקנאָטן, אַרומגעשניטן, געטאָקט, אויסגעפוצט און אויס־געבאַקן — עס זאָל אַרויסקומען שיין און גוט אין סטיל און אינהאַלט...

* * *

אַלגין האָט געקענט אַ סך שפּראַכן, און — האָט פאַרשטאַנען אַלע פעל־קער אפילו אויף שטום־לשון...

* * *

אין אַלגינ'ס וואָרט איז געווען מאַמעשע ווייכקייט, כראָמישע האַרטקייט און — אַלומיניום־גרינגקייט.

* * *

אין שרייבן האָט אַלגין געבליצט, אין זיין רעדן — געדונערט...

* * *

אַלגין האָט דורך זיין גאָלדענער פען באַרייכערט דעם אַרבעטער און — אַנגעטאָן דעם אָרעמאַן אין גייסטיק־שיינע קליידער...

* * *

אַלגין האָט געלאָזן אַ „פאַרמעגן" אין קעש פון 11.73 דאָלאַר. נאָר זיין גאָר גרויסער פאַרמעגן ליגט אין די ביכער אין ביכלעך, וואָס נאָר זיינע יורשים, פאָלקס־מאַסן קענען דאָס אַרויסנעמען און קריגן ניט נאָר דעם קרן, נאָר אויך אַ גרויסן פּראָצענט...

## עס לעבט זיין ירושה...

(אין אנדענק פון זישע ווינפער)

פארוויינטע, פארקלאגטע זיינען געקומען צוזאמען
טויזנטער פערזן, טויזנטער גראמען,
געקומען מיט וויטאג, מיט צער און מיט שרעק:
דער דיכטער, דער מייסטער, דער שאפער — אוועק...

ווער־זשע וועט איצט א נשמה אונז געבן,
פארוועבן די לידער אין אייביגן לעבן?
ווער וועט איצט קלייבן שורה צו שורה,
און שמידן די ווערטער מיט בטחון און גבורה?

מיטאמאל האט זיך א וואך פון ביכער צעשטעלט,
דער גאנצער ארום איז געווארן צעהעלט.
יעדער בוך — א פלאקאט מיט קלארע דיבורים,
מיט פערז און מיט גראם, אין ווינפערשן פורעם.

„פאעמען וועגן נביאים" לויכטן אויף בינע,
ביים „גרענד קעניאן" שטראלט דאס געשטאלט פון „פיניע".
„דאס געזאנג פון דעם גלויביגן", „דער גילדערנער האן" —
„יידישע קולטור" — אין דער הויך ווי א פאן.

רייען נאך רייען פון לידער און ביכער, —
זיי שטייען אויף דער וואך, מונטער און זיכער.
ער בלייבט, ער איז דא. ער וועט זיין, אונזער זישע.
ער לעבט און וועט לעבן -- אין זיין רייכער ירושה!

# אונזער דבורה

(אין אָנדענק פון דבורה טאַראַנט)

די בלומען־טעפּ, ווי שטענדיק אויף איר שרייב־טיש,
די בלעטלעך וואַקסן ווי שטענדיק גרין־פריש.
נאָר ביי דעם טיש פעלט איצטער דבורה.
אויף די פּאָליצעס שטייען ריין אַלע ביכער,
אין די שופלאָדן אַלץ אין אָרדענונג זיכער,
נאָר מען הערט ניט איר וואָרט, איר וועלטלעכע תורה.

דבורה׳ס מאַלערייען הענגען אויף די ווענט,
אין פינגער־דרוק זעט מען צייכנס פון אירע הענט.
נאָר ביי דער אַרבעט פעלט אונזער דבורה.
מישט ווער די „מאָרגן־פרייהייט", גלייך זעט ער,
אין די „זאַמלונגען" ביכער און בלעטער,
שיינט איר וואָרט, ווי אַן אָנדענק־מנורה.

ווי אַן אָבל פאַר׳יתומ׳ט שטייט דבורה׳ס שטול
און טויזנטער קינדער פון אירע קלאַסן אין שול
וויינען אויף טויט׳ס שענדלעכע גזירה.
אַזוי פיל געשאַפן, אַזוי פיל ליבשאַפט געגעבן
צו „היים און פאַמיליע" און „קינדער לעבן",
נאָר צו דער אַרבעט עס פעלט איצטער דבורה.

שטייט איצט פאַראומערט אין טינטער די פען,
אַרבעט געבליבן צו טאָן איצט פאַר צען,
נאָר מיר האָבן ניט איצטער קיין ברירה
טאָן אַלץ צוזאַמען און יעדער באַזונדער
איר לערע זאָל בלייבן פאַר טאַטע־מאַמע און קינדער
און מיט דעם וועט אויך לעבן אונזער דבורה.

## ניט פאַרגעסן — ניט פאַרגעבן!

(צו דער וואַרשעווער געטאָ־פייערונג)

מיט אַ ציטער אין האַרצן לייענט מען צום יאָרטאָג די פּרשה
פון דעם קאַמף מיט די נאַציס אין דער געטאָ פון וואַרשע.
עס האָבן אויפגעוואַכט אידן אין דער געטאָ פון „שטומע",
מיט אַ רוף צו די מאַסן, צו די פרייע און פרומע.

צום שניידער און סוחר, צו לערער און שמידן,
יונג און אַלט, מאַן און פרוי — צו אַלע אידן:
אויב לעבן — איז ווי מענטשן, ניט נאָכגעבן שונאים
און אויב שטאַרבן — איז ווי העלדן, און ניט ווי פּחדנים.

עס איז געווען ערב פּסח, זמן חרותנו,
אָן ברויט, אָן כלי־זיין און צרות מער ווי דיינו...
האָט מען מיט שבועות אויף ליפּן, מיט פויסטן געבײַלטע
געשאַפן פּלענער און מיטלען, אין שעה'ן געאײַלטע...

פאַרוואַנדלט שטעקנס אין ביקסן, פינגער אין שפּיזן.
זיך פאַרמאָסטן מיט די רוצחים, די נאַצישע ריזן.
האָט געשיכטע פאַרצייכנט, ווי די בלעטער אויפגעמישטע:
דער קליינינקער דוד געגן גלית הפּלישתי..

ווי אַלע מענטשן האָט אַ דײַטש העם זעלביקן טײַטש. אַנדערש איז אָבער אַ נאַצי מיט אַ בײַטש.

* * *

יעדער שטיינדל אין דער וואַרשעווער געטאָ איז אַ מאָנומענט, און יעדער זעמדעלע דערמאָנט ניט צו לאָזן זיך שיטן זאַמד אין די אויגן — ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן די נאַציס, די מערדער פון זעקס מיליאָן אידן!

* * *

אין דער וואַרשעווער געטאָ זײַנען די קעמפער ניט געפאַלן — זיי זײַנען דערהויבן געוואָרן! געפאַלן איז נאַצי־דײַטשלאַנד...

* * *

אויף אַלץ ליגט דײַטשלאַנד איר שטעמפּל „מעיד אין דזשוירמעני", נאָר אין איר פאַבריק פון גרעסטן מאַסן־מאָרד, פּרוּווט זי איר שטעמפּל פאַרדעקן. האָט אָבער די וועלט איר אייגענעם שטעמפּל אַוועקגעלייגט — ניט פאַרגעסן! ניט פאַרגעבן!

# ז) משלים

## דער אָדלער און דער הונט

אין די הויכע ספערן האָט אַ אָדלער דערזען אַ הונט
ליגנדיג ווי אין אַן איי פון הונדערט פונט.
ט׳ער געגומען מיט די פליגלען פאָכען און פאַטשן
און פון געלעכטער זיך וויגן און קאַטשען:

זעט נאָר, זעט, די גרויסע חוצפה, די שאַנדע,
אַ הונט אין דער לופטן, און פירט אַ קאָמאַנדע.
און געווים מיינט ער, אַז זיין האַווקען און בילן
האָט גרוים באַדייטונג, גאָר וויכטיקע צילן...

ער אַרבעט, ניט ווייניגער, נאָר פאַר זויסנשאַפטסלייט.
מוז איך אָדלער לאַכן, אפשר פאַר וויצן שאַפט באַדייט...
נאָר פאַר פליען אין רו״ם פון די הימלישע הויכן,
קאָן מיך קיינער — און געווים נאָך אַ הונט ניט דערגרייכן.

דער הונט האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ מיט אַ האַווקע:
איך פאַרמעסט זיך ניט, חלילה, מיט דיר דווקא,
נאָר וויסן מעגסטו, אַז דאָס וואָס דו רופסט זיך קעניג,
מיינט איצט פאַר דער וועלט זייער, זייער ווייניג...

פאַר אַ פויגל צי אַ אָדלער איז גוט זיך צו פאָכען אין אַ ווינטל,
אָבער איך באַנוץ ניט קיין פליגל, ניט מער ווי אַ הינטל...
נאָר האָב אפשיי פאַר׳ן „ספּוטניק״: אַ הונט אין דער הויך?
טאַ זיי וויסן, עס איז ניט מיין כוח, נאָר דער מענטשלעכער מוח!

# דער העלפאַנד און דער אייזל

ס'האָט באַגעגנט דער העלפאַנט דעם אייזל אין „זו",
גיט ער הוצפה'דיג אַ זאָג אים: הער זיך נאָר צו,
דו, נאַרישער אייזל, מיט דיין פוסטן קאָפּ,
דאָ איז מיין אָרט — און בעסער טרעט אָפּ.

דו זעסט מיין פוס, מיין טראָט, מיין שטעל? —
און ווען עמיצער חכמה'ט זין איבער מיין פעל,
און רייצט זיך, און טרייבט מיך אַריין אין אַ כעס —
איז דער סוף זייער טרויעריג, ס'איז שוין גאָרניט קיין שפּאַס.

אין גוטן מוט, בין איך איידל און גוט,
און פאַר מיינעם אַ פריינט גיי איך אפילו ביז בלוט.
איך לאָז דעם טיגער נעמען אַ שעפּס,
פאַרן שאַרק לאָז איך צו עסן די קרעבס.

פאַרן טכויר — פאַראַן איז אַ הון,
און אפילו אַ טייבעלע פאַר דעם קאַרשון.
אָבער איך פאָדער רעספּעקט פונם אייזל און האָז,
פאַר מיר — דעם העלד מיט דער ריזיגער נאָז...

האָט זיך דער אייזל צעלאַכט, צעהירזשעט זיך שטאַרק:
דו, גרויסע בהמה, איך לאַך פון דיין קאַרק.
איך האָב לאַנגע אויערן און אַ גוטן געהער,
איך הער וואָס איז וואָס, און ווייס ווער איז ווער.
האָסט אַ גרויסע נאָז, מיט אומגעלומפּערטע שיך,
אָבער, איך, דער אייזל — האָב אויך שכל פאַר זיך...

## פריי ווי אַ פויגל..

שטייט אַ פויגל אויפן דאַך פון עראָפּלאַן,
קוקט צו ווי אַ מאַן, די רעדער שמירט,
אַ צווייטער — אַ טאַנק גאַזאָלין פירט,
אַ דריטער — גרייט צו פּאַראַשוטן.
יאָ, און די פּאַסן זיך צו האַלטן שטייף
און אַ סירענע פאַר אַ פייף —
זיך צו היטן פאַר דעם „ניט גוטן"...

פון פאָרנט שטייט און אַרבעט אַ מאַשין,
מיט אַ מענטשן אין דערין, און אַ צווייטער היט,
יעדן ריר, יעדן שריט,
ווען עס נעמען אַרבעטן די מאָטאָרן,
מ'היט זיך פאַר אַ פונק, אַ ברען,
ווייל אַן אומגליק קאָן געשען
אין סאַמע מיטן פאָרן...

נאָכדעם לאָזט מען גלייך צו וויסן,
אַריל אָנגיסן און צעלייגן דעם באַגאַזש
אין דעם אונטערשטן עטאַזש,
און אַלע זייגערס איבערפּרובירן,
ווייל, חלילה, עפּעס אַ האָר,
מיט'ן קאָמפּאַס, מיט ראַדאַר,
קאָן צו אַן אומגליק פירן...

צעזינגט זיך דער פויגל אויפן דאַך,
און גיט מיט אַ פליגל אַ מאַך, דער מענטש אַ בריה,
אָן טומל, טאַראַראַם, היסטעריע --
קאָן ער זיך ניט רירן, ניט פאָרן,
און איך אָן אַ קאָמפּאַס, אָן געפּעק,
וואו איך דאַרף — פלי איך אַוועק,
און שלעפּ ניט מיט קיין מאָטאָרן...

ער גיט אַ מאַך מיטן שנאָבל, אַ וואונק מיטן אויגל,
דער מענטש דאַרף זיך נאָך לערנען — זיין פריי ווי אַ פויגל. .

# די נאָדל מיטן פאָדים

ווי גיך נאָר דער שניידער איז ביים טיש איינגעשלאָפן,
האָט אַ מאָדנע פּאַסירונג אויפן טיש זיך פאַרלאָפן:
די נאָדל און פאָדים האָבן גענומען זיך רייסן
און שאַרף איינס די צווייטע מיט ווערטער זיך בייסן.

די נאָדל אַ שטאָלענע, מיט אַן אויער און שפּיציג,
האָט זיך פון אָנפאַנג צע׳טענה׳ט אמכאָ׳דיג וויציג:
מיר זיינען פאַרבונדן ווי אַ פאָדים און נאָדל,
טאָ הער אויף אויפשפּילן, אַז דו ביסט דער גדול.
זיך פלאָנטערן איבעראַל מיט דיין לאַנגן פאָדים
און זיך שטענדיג פאַרבינדן מיט פאַרשידענע צדדים...

אָט גיסטו אַ פאַרקניפּ זיך מיט אַ קנעפּל, אַ עקל,
אָט שלעפּט זיך נאָך דיינס אַ פאָדים אויף הויזן און רעקל.
דו מיינסט ביזט אַ יחסן אַרום דיין בייכיגער שפּולקע,
טעגסטו דאָס וויסן, איך בין אויך נישט קיין שפּילקע...
איך בין אַ נאָדל, מיט אַ שפּיץ און אַ אויער,
הערסטו זיך וואַרפן און שליידערן, פאַרמאַך איך דעם טויער...
מיר קאָנען נאָר אַרבעטן, צוזאַמען דאָ נייען,
אויב דו וועסט נישט פלאָנטערן, זיך נישט קניפּלען און דרייען..

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט דער שניידער, צעעפנט די אויגן:
קריגן זיך, קינדערלעך, קאָן קיינמאָל נישט טויגן.
עס מוז זיין איינִיגקייט פון נאָדל און פאָדים —
וועט דאָס הויז-געזינד האָבן ברויט — און דער נאַקעטער בגדים!...

## מיט רויך און ריח — האָט ער כּוח ..

אַ גראָבער ציגאַר און אַ דאַרער סיגאַרעט,
האָבן פון צווייִ מײַלער זיך צערעדט.
זאָגט דער ציגאַר: זעבט מײַן פײַער און רויך?
און אַן אָנזען האָב איך טאָקע אויך.
מיך קאָנסטו טרעפן אין רײַכע היימען, פּאַלאַצן,
אָפּט איז מײַן אײַנפלוס גאָר ניט צו שאַצן.
איך — איך קאָן זיך מיט מײַן כּוח רימען;
דער ציגאַר — קאָן אַלץ באַשטימען!
איך זאָג די דעה אין טאָג פון די וואַלן.
ווער עס זאָל שטײַגן, און — ווער עס זאָל פאַלן...

צעלאַכט זיך שטיפעריש דער סיגאַרעט
און ענטפערט ווי מיט אַ ראַדיאָ קופּלעט:
דו גרויסער ציגאַר מיטן רונדיגן בײַכל,
דו ביזט אַ קנאַפּער מאַכל.
דער גרעסטער טייל קאָן דיך ניט פאַרדײַען,
אַנדערע נוצן דיך צום קײַען און שפּײַען.
און דײַן ניט פּאָפּולאַריטעט קאָן מען גרינג דערקאָנען.
ווי מענטשן עס ווײַכן פון דיר אין מיליאָנען.
נאָר, אויב דו גרויסט זיך אַזוי מיט דײַן כּוח,
האָסטו בלויז צו פאַרדאַנקען — דײַן רויך און דײַן ריח...

## צוויי שיך — צע׳טענה׳ן זיך...

צוויי שיך,
האָבן צע׳טענה׳ט זיך,
מיט אַ סקריפּע אין זייער קול.
און מיט אַמאָל
האָט איינער פון זיי
דער לאַנגט די נאָז אַ דריי:
אַז סך־הכל זיינען מיר ניט קיין פּאָר,
גאָרניט ענלעך אפילו אַ האָר.

ווען דיין נאָז קוקט אַהין,
קוק איך נאָר אַהער.
און נאָך מער —
מיר גייען אפילו ניט גלייך.

און וואָס שייך.
גיין צוזאַמען זייט ביי זייט,
איז גאַנץ ווייט.
(און אפשר גאָר אַ גליק).
ווען איינער גייט פאָראויס,
בלייבט דער צווייטער צוריק.

— — — — — — — — — — —

אין די רייד האָט
דער מענטש געמאַכט אַ טראָט.
און באַוויזן אין זיין שפּאַן,
אַ פאַראייניגטן פּלאַן!...

# דאָס צעפּוילטע מוז פאַלן!

אַ געלע, צעפּוילטע בלאַט,
אָן קאָליר און אָן טעם
האָט זיך אָפּגעריסן פון איר שטאַם
און זיך געלאָזט לויפן מיטן ווינט
איבער גאַס און שאָסעי,
מיט אַ געשריי:
איר זעט ווי איך פלי און שטייג!
נאָך העכער פון מיין צווייג,
און העכער פון מיין בוים.
ענדלעך האָב איך רוים.
עס יאָגן מיך באַן, עראָפּלאַן און ווינט.
און איך — ווי אַ קינד
לויף פאָראויס, און לאָך זיך אויס.

נאָר פּלוצלונג, ביי אַ ראָג,
האָט דער ווינט דערלאַנגט אַ פאַרטראָג,
דאָס בלעטל האָט דערלאַנגט אַ פאַל,
און זיך צוגעקייקלט צו אַ שטאַל.
דער עראָפּלאַן, די באַן און דער ווינט
זיינען ווייטער געפלויגן — געשווינד.
נאָר דאָס בלעטל, געל און פאַרווישט.
האָט זיך באַגראָבן אין מיסט!

# ח) יום־טובדיגס

## פאלקס־מאמע — פרייהייט

גוט יום־טוב דיר, מאמע! מאמע פון קינדער און מאמעס.
דיין יום־טוב היינט באזינג איך און מיט פערזן בא׳גראם׳עס.
האסט ערלעך פארדינט די אלע ליבע און געזאנגען,
ווייל דו ביסט שטענדיג נאכגעקומען די קינדער׳ס פארלאנגען.

און דער פארלאנג פון די קינדער איז ניט קיין הימל גן־עדן,
נאר א ווארעמע היים אין פרידן און פריידן.
און דו, מאמע, כאטש יונג נאך, דאך אין דערפארונג אן אלטע,
האסט דורכגעמאכט קאמפן — הייסע און קאלטע...

זאגן טאטעס און מאמעס, קינדער און קינדס־קינדער,
אז דיין דערשיינונג צום יום־טוב איז אן אמת׳ער וואונדער.
טא זאלן די יארן דיך באגעגענען מיט בלומען.
דו זאלסט מער ניט דארפן קיין הילף פון די קינדער באקומען...

און קריגן זאלסטו א ברייזל בנוסח... ידידי,
אז די רעגירונג פון פאלק האט באשטימט א סובסידיע.
ווייל דו האסט אלס מאמע, געוויזן דיין אמת׳ע טרייהייט,
אין קאמף פאר דיין נאמען, די פאלקס מאמע — פרייהייט!

## צווישן איגענע איבערן לאנד

ווי גרינער וואלד איבערן לאנד אויף שטחים צעשפרייטע.
ווי צעאקערדט ערד פארן אויג, מיט קארן, ווייץ פארזייטע,
אזוי זעען אויס די אלע פריינט, איבן לאנד אין יעדן ווינקל,
וואו דער גלויבן איז א הארציגער, דאס אויג — מיט א פינקל.

אין יעדער שטאט, אין יעדער שטעטל, וואו איר זאלט ניט קומען,
טרעפט איר זיי מען צוגעגרייט — פארן מארגן, ברויט און בלומען.
און ווי אין פעלד די יניקה יורדט, איז גרייט צו דערנערן.
אזוי האלט מענטש אויף זיין אידעאל, גייסטיג אויפצוקלערן.

ער גראבט אויס די יאדרע פון געדאנק, דעם „ארימאן" דערנערט ער.
פאר אלעמען זאל ווערן קלאר דער באדייט פון זיינע ווערטער.
איז וואויל צו די, וואס טראכטן נאר צו פארבעסערן די מערכה,
און גליקלעך דארפן פילן די, וואס געהערן דער משפחה.

## עס בענקט זיך!

(געווידמעט די שיינע יום־טוב טעג איבערן לאַנד)

עס בענקט זיך נאָך די יום־טוב טעג,
וואָס פאַרפּוצן אונז דאָס לעבן.
עס בענקט זיך נאָך די אַלע פריינט,
וואָס קומען שלום אונז אָפּגעבן.

עס בענקט זיך נאָכן נעכטן
פאַרפּוצט אין בלומען־קראַנצן,
וואָס הויבט דעם גייסט און איך די פיס
זיך פריי צו לאָזן טאַנצן.

עס בענקט זיך נאָך דער הימל־שיין,
און ליכט פון שטערן און לבנה.
אַלץ איז ליב אַזוי און שיין —
ווי אַ מאַמע'ס אַ מתנה.

עס בענקט זיך נאָכן נעכטן,
און נאָך אַלץ וואָס לאָזט זיך בענקען,
באַגייסטערונג, וואָס דרינגט אַריין
אויף שטענדיג צו געדענקען.

## אַ גוט יאָר אייך!

איך ווינטשן עשירות? —
האָט דאָס גאָר ניט קיין ווערט.
עס קומט אַ מלחמה,
ווישט אַלץ אָפּ אויף דר'ערד.

ווינטשן אייך גליק?
האָט עס בלויז אַ באַדייט,
אין אַ לעבן פון קאַמפן
פאַר אַ בעסערער צייט.

ווינטש איך אייך שלום
און געזונטן פאַרשטאַנד.
אַנשטאָט פויסטן געבײַלטע,
האָט שלום אין האַנט!

## אַן אָפֿן בריוול צו מיין געליבטער!

געליבטע מיינע, היינט צום יום־טוב טאָג
נעם איך זיך דאָס רעכט און זאָג
אָפֿן און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט,
אַז דו האָסט מיין לעבן באַהעלט!

עס איז שוין עטלעכע צענדליג יאָר,
ווי מיר זיינען אַ גליקלעכע פּאָר.
זינט יענעם טאָג ווען איך האָב געזאָגט — „הרי־אַת״,
האָסטו באַוויזן מיט ליבשאַפט — מיט טאַט:

ווי שווער עס זאָל ניט זיין אונזער אָרעם לעבן,
האָסטו שטענדיג אַ גייסטרייכע היים מיר געגעבן.
און געפּרואווט מיט אַלע כוחות זיך זארגן און מיען,
דערנען די קינדער און מיט וויסן דערציען.

אָפט איז גאַנץ שווער דיר די שפּייז צו באַזאָרגן.
דו דאַרפסט לויפן צו פריינט, ביי זיי לייען און באָרגן.
אָפט מוזטו אויסשטיין פאַרשידענע קאַפּריזן,
דאָך „שוואַרץ אויף ווייס“, האָסטו דיין כוח באַוויזן!

און טאָמער אַמאָל, מיר רעדן זיך איבער —
ביזטו אַלץ מיין געליבטע און איך דיין ליבער.
ווינטש איך דיר פרייד, ליבע און טרייהייט —
מיין לאַנגיאָריגע געליבטע — „מאָרגן־פרייהייט“!

# אַ סאַלוט די פרויען — וואָס העלפן בויען!

אנאַבעל'ן — אַ מתּנה.

היינט איז אַ טאָג, געווידמעט די פרויען,
די מאַמעס וואָס ברענגען נייע דורות צו בויען,
מאַכן דאָס לעבן אינטערעסאַנטער און שענער —
פון זיי אַ סך זאַכן קאָנען זיך לערנען די מענער.

פאַר דער פרוי איז ניט שווער זיך צו זאָרגן און מיען,
האָדעווען קינדער, זיי פאַר מענטשן דערציען.
נייען און שטריקן. קאָכן, באַקן און ראַמען,
און שטענדיק האַלטן פאַרבונדן די פאַמיליע צוזאַמען.

די פרוי שפּאַנט פאָראויס מיטן גאַנג פון די יאָרן,
זי העלפט בויען יוניאָנס, זינגט אין די כאָרן.
לערנט, פלאַנירט צו באַרייכערן וויסן,
דער מענטש אויף דער וועלט זאָל פון בעסערס געניסן.

די פרוי בויגט ניט איר קאָפּ. זי וויל פריי זיין פון שקלאַפן,
זי וויל גלייך מיטן מאַן — קעמפן, בויען און שאַפן!

## „ברודערשאַפט וואָך"

אַ גוט-וואָך דיר שוועסטער, אַ גוט-וואָך דיר ברודער,
בויער פון דער וועלט, וואָס שטייט שטענדיק ביים רודער.
פרויען און מענער פון אַלע קאָלירן און שטאַמען,
וואָס אַרבעטן מיט כּוח און מוח צוזאַמען.

עס וויל שונא פון מענטשהייט דיך באַהערשן, באַפעלן,
באַנוצט אַלע מיטלען, דיך צערייבן, צעטיילן.
בויט ער שלעכטע וועגן, דיך פאַרדרייען, פאַרפירן
דורך שאָוויניזם, אַנטיסעמיטיזם און צעטיילטע קאָלירן.

וויל ניט דערלאָזן קיין גלייכהייט פון מענער און פרויען,
אין לויף און פּאָזיציע פון די וואָס שאַפן און בויען,
מוז די „ברודערשאַפט-וואָך" צווישן ביי, האַס און צאָרן —
קעמפן פאַר גלייכהייט און שלום אין אונזערע יאָרן!

# לחיים, ישראל!

(צום צענטן יום־העצמאות)

פון דער גאַנצער וועלט אידן, באַזונדער און משפּחות,
שיקן מיר דיר ישראל ווינטשעוואַניעס און ברכות:
דו זאָלסט ווערן אינגיכן עולה־לגדולה,
אָן הילף פון „קמיעות", ניט דאַרפן קיין סגולה...

זאָלסט האָבן פאַבריקן און אייגענע קוואַלן,
פאַר דיינע שיפן זאָלן זיך עפענען אַלע קאַנאַלן.
און אָנשטאָט לעבן אויף קצבה, וואַרטן אויף פּעקלעך,
זאָלסטו שרייבן געשיכטע און — אייגענע טשעקלעך...

אַליין זאָלסטו פלאַנצן, אַליין זאָלסטו זייען,
מיט געזאַנג זאָלסטו שניידן, טאַנצן, זיך פרייען.
אָפן זאָלן ווערן פאַר דיר אַלע טירן,
צו קאָנען פאַרקויפן, און וואָס דו דאַרפסט — אַריינפירן.

זאָלסט ווערן אינגיכן אוים פיר־הויז, אוים אַלקער,
נאָר אַ חשוב'ער מיטגליד צווישן די פעלקער
עס זאָלן וואַקסן וואָס גרעסער אין לאַנד דיינע רייען,
דיין „הורא" וואָס גרעסער זאָל זיך דרייען און פרייען.

זאָלסט פאַרמאָגן אַן אייגענעם פונט, אַן אייגענעם רענדל.
ניט דאַרפן מער האַנדלען ווי אַ „מנחם־מענדל".
איז לחיים ישראל, מיט ישראל'דיגע ווײַנען,
אין פרייד און אין פרידן דיין נאָמען זאָל שיינען!

## זינגט לידער — שוועסטער און ברידער!

(געווידמעט די כאָרן צום מוזיק־חודש)

זינג שוועסטער, זינג ברודער, גוט צו הערן געזאַנגען.
פאָלק מיט פאָלק און לאַנד מיט לאַנד גרינג פאַרשטייען זיך דורך קלאַנגען.

אין געזאַנג ליגט נשמה, אַזוי פיל לעבן אין אַ ניגון.
אַ ליד קאָן האַלטן וואַך דעם מענטשן, און אַ קינד אין וויג פאַרוויגן.

עס זינגען לידער שניידער, שוסטער, אין דער שמידער און דער בויער,
עס זינגט דער פלאַנצער, און דער שניטער, אויך דער העקער און דער פויער.

ווי ליב עס איז אין וואַלד צו הערן פון די פייגל זייער זינגען,
מיט די עכאָס ווי באַגלייטער וואָס צעטראָגן און צעקלינגען.

טאָ זינגט־זשע שטאַרקער, ליבע זינגער, צוזאַמען אַלע שוועסטער, ברידער,
גרייט צו לידער פאַרן מאָרגן — „נייע צייטן, נייע לידער"!

## לאָמיר זינגען אַ נייעם ניגון

זעץ זיך מיין חבר מיט מיר ביי דעם טיש דאָ.
איך וויל דיך באַקענען מיט אַ גאַנץ נייעם ניגון,
אַ פרייליכער ניגון, וואָס בעט זיך צום זינגען,
אַ ניגון וואָס מונטערט, וואָס גיט פאַרגעניגן.

ס'האָט מיין טאַטע, מיין זיידע אויך ניגונים געשפּונען,
ניגונים פון טרויער, פון אומעט געבעטן,
מיט אַ „אוי" און אַ „וויי" זיך אין טרערן געבאָדן,
געשריען צום הימל, געקלאַפּט זיך על־חטא'ן.

איצט וויל איך, מיין חבר, מיט דיר זינגען צוזאַמען,
אַ ניגון אַ נייעם, וואָס וועט דיר געפעלן,
ניט וויינען, ניט קרעכצן, נאָר רופן און וועקן
פאַר לעבן און גליק — צוזאַמען זיך שטעלן!

## דאָס לעבן דערגאַנצן — מיט זינגען און טאַנצן

ס׳איז אים שווער צו רעדן אַ וואָרט. שווער זיך געפינען אַן אָרט,
אָן אַ קרעכץ, אָן זיך האַלטן די זייטן.
אין האַרץ אַרבעט ניט די „פּאָמפּ“, די פיס גייען ווי אַ „גלאָמפּ“,
נאָר ער פאַרגעסט אַלץ, ווען ער קומט נאָר ביי לייטן.

די הענט דינען ניט שטאַרק, עס ברעכט אים דער קאַרק.
די לונגען האָבן ליב שטאַרק צו פייפן...
אין מויל פעלן אים ציינער. ס׳פעלט פלייש אויף די ביינער,
נאָר ער וויל דאָס נאָך ניט באַגרייפן.

ווי נאָר ער דערהערט פון אַ גוטן קאָנצערט,
פרעגט ער ניט אפילו ווי ווייט איז.
ער נעמט די אַלטינקע מיט, הויבט אָן שטעלן טריט —
פאַרגעסט אינגאַנצן אָן זיינע „אַלט־דייטים“...

הערט ער נאָר אַ געקלאַנג פון אַ שפּיל. פון געזאַנג,
פאַרגעסט ער פון ליגן אין בעט ווי אין גלות.
כאַפּט די אייניקלעך צוויי, נעמט טאַנצן מיט זיי
נאָר אָנשטאָט די פיס — הויבט ער די פּאָלעס...

## עס לעבט ערשטער מאַי!

צי ערשטער מאַי אויף אַ סקווער, צי ערשטער מאַי אין אַ זאַל.
ווייזט קאַלענדאַר אָן דעם „ערשטן“ — יום־טוב׳ן אים פעלקער
איבעראַל.

אַמאָל ביחידות אין האַרצן. אַמאָל מיט פאַמיליע אין דער היים.
און אַמאָל ווי אַנוסים — פאַרבאַהאַלטן אין אַ קעלער. געהיים.

אַמאָל רעדט מען דורך הויך־רײדער, אַמאָל אײַזן וואָינק — אויפן רמז.
נאָר דאָס פאָלק עס פאַרשטייט שוין, ס׳איז אַ וואונק אויפן אמת.

עס מיינט ערשטער מאַי ברויט, עס מיינט פרייהייט און פריד,
עס מיינט גלייכהייט פאַר פעלקער, צוזאַמען מיט נעגער און איד.

ערשטער מאַי איז דער ערשטער, וואָס זאָגט פריידיק אונז אָן
די וועלט גייט פאָראויס — און פאָראויס פלאַטערט פאָן!

## ס׳וועט וואַרעם — פון אַ געזאַנג-אַלאַרעם

דער וועג אַ באַדעקטער פון אַ גאַנצער נאַכט שנייען, —
סקריפּעט מאָטאָר, קאָנען רעדער ניט דרייען.

דער אויטאָבוס אַ געפּאַקטער מיט יונגע און אַלטע,
נאָר די אַטמאָספערע — אַ שטומע, אַ שטייפע, אַ קאַלטע.

קאַרגע פופציג פאַרשווינען, מיט אַ ציטער אין פּנים,
ווי עס וואָלטן געזעסן צוויי רייען מיט שונאים...

מיט גלייזער אין די אויגן, קוקט מען פאַרכמורעט.
מ׳פאַרשלינגט זיך אַליין, טיף אין קאַלנער פאַרנורעט.

עס בעט זיך אַ שפּאַס, אַ וויץ צום צעשטרייען,
נאָר דאַכט זיך, אַז קיינער וועט דאָס ניט פאַרדייען.

און פּלוצלינג אַ שטראַל האָט די וואָלקנס צעשאָסן.
עס האָבן אַלע דערפילט ווי פון שטראַלן באַגאָסן.

ס׳האָט איינער גענומען אַ מעלאָדיע ברומען,
און גלייך אַ פּאָר צענדליג זיינען אונטערגעקומען.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — פון זייער זינגען און ליאַרעם —
געוואָרן איז פרייליך, און זומערדיג-וואַרעם!...

## לחיים פאַר׳ן „פאָטערס-טאָג״

פּוצט אויס די היימען, צעעפנט די טירן,
קיין זאַך זאָלט איר היינט ניט פאַרשליסן.
עס קומט היינט אַ גאַסט, דער טאַטע זאָל לעבן, —
דאַרף מען אים האַרציג באַגריסן!

צעעפנט די פלעשער, פון בראָנפן און ווייַן,
מיט אָפענע אָרעמס, כבוד אב, זייט מקיים.
פילט אָן די גלעזלעך מיט אַן אָפענער האַנט.
און מיט אַ אָפענעם האַרץ — טרינקט לחיים!

# אײן שלום-עליכם!

(צו שלום־עליכמ׳ס הונדערטסטן געבוירנטאָג, 1899־1959)

סאָלוט און שאָו ידיכם מיט אַ גרויסן שלום־עליכם,
דעם שעפּער פון גרויסן חידוש, וואָס האָט דערהויבן שפּחה אידיש ..

אויף זיין סטראַדיוואַריוס־פידל אויפגעשפּילט האָט ער אַ לידל,
מיט אַ געשמאַקן נייעם ניגון. פאַר דער וועלט אַ פאַרגעניגן.

גאַנצע פּעסער פריויד ביז טרערן, אי צום לאַכן, אי צום קלערן:
יונגען בעל־מלאכה, מייסטער, ביז דעם רייכן פּעטן טייסטער...

אַלץ באַשריבן אין רייכע פאַרבן, געבונדן ביכער ווי די גאַרבן,
פול מיט חכמה, מוסר־השכל, וואָס צעטראָגט זיך ווי אַ בת־קול:

איבער וועלט אין אַלע ווייטן, מיט טעמעס גרייסע פאַר אַלע צייטן,
פול מיט חן אין אַלע שפּראַכן, געגעבן אַ געזונטן לאַכן.

דערפאַר הומאָריסטן, פילט ניט ביטער, אַ שלום־עליכם קאָן זיין נאָר
אַ דריטער,
ווייל אַ צווייטן, האָט אינזינען — איז דערווייל ניט צו געפינען!...

* * *

ווען איינער לייענט־פאַר שלום־עליכמ׳ען און די אַרומיגע קוועלן־אָן פון פון זיינע קלוגע רייד, קומט אויס צו זאָגן דעם פאַרלעזער: מיט שלום־עליכמ׳ען ביזטו אַ גאַנצער חכם...

* * *

עס איז ריכטיג ווי שלום־עליכם האָט געזאָגט, אַז „לאַכן איז געזונט״. נאָר פון די יאָרן ווען ער איז געווען קראַנק זעט מען, אַז ער איז געווען צו־קלוג צו לאַכן פון זיינע אייגענע חכמות...

* * *

שלום־עליכם האָט פון טינט, פּאַפּיר און געדאַנק — געגעבן דער וועלט אַן אוצר, אַ געשאַנק.

* * *

שלום־עליכם האָט פאַרמאָגט אָט־דעם כוח צו פאַרוואַנדלען אומער אין הומאָר און פון טרערעלעך מאַכן הומאָריסטישע פערלעך...

* * *

שלום־עליכם האָט באַרייכערט אונזער לשון. ער האָט געקאָנט מאַכן אַ גאָלד־שטיק פון אַ גראָשן...

# גוט יום-טוב, מאַמע!

(צו דעם „מוטערס-טאָג")

קינדער און קינדערלעך, קליינע און גרויסע,
באַגריסן היינט דער מאַמען מיט אַ ליבע אַ הייסער,
און מיט דער ליבע קומט אויך אַ שאַכטל צוזאַמען,
צו באַפּוצן, ווי עס פּאַסט, אין אַ יום-טוב דער מאַמען...

די מאַמע פון איר זייט, קאָן די פריידן ניט פאַרגעסן,
פאַרגרייט זי פון אַלץ, עס זאָל זיין וואָס צו עסן.
באַקט זי און קאָכט, גרייט צו אַ בראָטן,
און די געפעס צעוואַשן, באַשטעלט זי דעם טאָטן...

עס איז ליב און טייער, דער יום-טוב, דער עולם,
לויפט זי אין הארעוועט אויף אַלע כלים.
אַ גליקלעכע קוועלט זי פון איר נייעם דור,
אַ שמחה אַזאַ טרעפט נאָר איין מאָל אַ יאָר...

צעטאַנצן זיך קליינוואַרג, די מאַמע מיט זיי.
„זאָל לעבן די מאַמע", עס ווערט אַ געשריי.
און די גרויסע צעזינגען זיך, פריילעך און זאַט,
„געוואַלדיג צופרידן וואָס די מאַמע האָט זיי געהאַט"...

# היינט איז די מאַמע — אַ דאַמע

היינט איז „מוטערס-טאָג", טייערע מאַמע,
ביזטו אַ „רעגעלע לעידי", זעסט אויס ווי אַ דאַמע.
אַנשטאָט טראָגן אַ פאַרטוך, טראָגסטו היינט שיינע קליידער,
און די קינדער טראָגן דיר גוטע זאַכן כסדר.

דיין וואָרט איז היינט טייער, און דו ביזט היינט הייליק.
די קינדער באַדינען, טראָגן צו דיר דיין חלק.
דאַרפסט די אייניקלעך ניט היטן, ניט וואַשן, ניט ראַמען,
היינט קומען די קינדער אָפּהיטן די מאַמען.

דאַרפסט ניט בראָטן, ניט קאָכן, קיין פיש זיי ניט מאַכן,
זיי ברענגען אַליין שוין מיט זיך פאַרטיגע זאַכן,
ווייל היינט ביזטו מאַמע, ווי אַ דימענט אונז טייער,
זע די קאַרטלעך, זיינט־שעוואַניעס, און ליבע — ווי פייער...

היינט וועלן דיר דיכטער באַזינגען, באַלידלען,
כלי־זמרים וועלן מיט אַ פריילעכס דיך, מאַמע, באַפידלען.
נאָר מאָרגן, וועסטו שוין קאָנען ווידער וואַשן און קאָכן.
ווייל, געדענק, האָסט איין טאָג נאָר — אין צוויי־און־פופציג וואָכן...

## פון דער מאַמעס וועגן

ניין חדשים אויסגעטראָגן,
מזל־טוב — אַ קינד געהאַט.
נאָר, אוי וויי — שרעקט זיך מאַמע:
צוגעקומען נאָך אַ סאָלדאַט...

ניאַנטשעט מאַמע אירע קליינוואַרג.
אָפט מיט טרערן און מיט בלוט.
וואַרט אויף נחת פון די קינדער,
גיט זיי האָפענונג און מוט.

ציילט זי טעג, גייען יאָרן.
ניט דערשלאָפן איז די נאַכט.
היט דאָס קינד, פון קאָפּ די אייגן,
רק זי חלומ'ט און זי טראַכט.

נאָר שונא לויערט מיט מלחמה.
פון קינד'ס געלעכטער זיין זאָל קלאָג,
מוזן אַלע היטן פרידן —
צו קאָנען היטן „מוטערס־טאָג“.

# אַ גוט יאָר אייך!

(אַ „מעסעדזש" פון נייעם יאָר צום אַלטן)

נו, גיין שוין אַלטער אין דיין רו, לאָז דעם לוח שוין צו־רו.
איך און דו זיינען ניט קיין פּאָר, — איז גיי צו אַלדי גוטע יאָר!

דו ביזט אַלט און איך בין יונג, ביי דיר אַ קריך, ביי מיר אַ שפּרונג.
אויף דיין פּלייצע טראָגסט אַ האָרב, און פול מיט צרות איז דיין קאָרב...

שפּאַסט די יוגנט, קרייעט ווי דער האָן, דעם אַלטן יאָר זיי פּייפן אָן,
און איך, אַ ניי־געבוירן־קינד, ריין פון חובות, ריין פון זינד,

וויל ניט גיין אין דיינע שיך. ווינטשן אַלע אַ גוט יאָר זיך,
אַ נייער לוח, אַ נייע צייט, אויף אַ נייעם נומער אַ פאַרבייט.

איז ווי לאַנג עס איז מיר נאָר באַשערט, זאָל מיין יאָר זיין עפּעס ווערט,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון פרייד און פריד, גליק פאַר אַלע, קריסט און איד

וויל איך נוצן מיין יאָר צייט, מאַכן שלום, וועלט — באַפרייט!
און ווען איך וועל דאַרפן גיין ווי דו, זאָל די וועלט כאָטש האָבן רו!...

# שלום עליכם — צום נייעם יאָר

פּונקט צום טאָג אַוועק דער יאָר, אין אייביגקייט פון יאָרן.
פּלוצלינג האָט אַ „פייף" געטאָן — שוין נאָך אַ יאָר פאַרפאָרן.

אַוועק דער יאָר מיט זיינע טעג, פאַרלעבטע ווי פאַר ווערמען...
און וואָס אַוועק קומט ניט צוריק, — אַ הויץ נאָר — די פּראָבלעמען.

ווידער יעדן חודש רענט, ווידער קליידונג, ווידער עסן.
ווידער דרייען זיך שעה נאָך שעה פאַרדאָרענע מעת־לעת'ן.

ווי פאַראיאָרן קוקט די וועלט אויף שרעקלעכע קאַטאַסטראָפן...
עס קאָכט זיך אַלץ, דער קריג־מאַכער גרייט נייע געפאַרן.

ווינטשן מיר צום נייעם יאָר אַ הוין אַ נייעם ציפער,
זאָל זיין שלום אויף דער וועלט — און שלאָגן וואָרצלען טיפער!

# אלול טעג

קורץ איז דער טאָג שוין, דער אָוונט פיל לענגער.
פאַרנעפּלט דער הימל, אין האַלדז ווערט שוין ענגער.
אויף די גאַסן עס דרייען זיך אַרום פוילע בלעטער,
וואָס זאָגט אָן: זייט גרייט פאַר׳ן האַרבסטיגן וועטער . .

אין געזאַנג פון די פייגל, הערט איר אומעט און קומער,
זיי גרייטן זיך פליען ערגעץ זוכן דעם זומער.
דער בויב און די צווייג בלייבן עלנט און נאַקעט,
אַ פלאַץ פאַר דער קראָ, וואָס זינגט ניט, נאָר קראַקעט.

אין גאָרטן — פאַר׳חלש׳טע קוסטעס מיט בלומען.
די גרינצייג און פרוכטן — אַלץ אָראָפּגענומען.
די ווייצן און בולבעס פאַרפּאַקט אין די זעקלעך,
געבליבן אויפן פעלד נאָר שטייגלעך און שטעקלעך.

אַזוי שוין פון שטענדיג מוז זיך ווידערהאָלן.
די מאַמע ערד וויל זיך אַביסל דערהאָלן.
און די זון אַליין וויל אויך פאַרברענגען מסתמא —
פליט זי אויפן ווינטער אין קאַליפאָרניע, מיאַמי...

דאַרף אַזוי אויך דער מענטש אַמאָל זיך פאַרגינען,
פון צייט צו צייט ערגעץ אַביסל רו צו געפינען.
דאָס וועט אים העלפן זיין שטאַרקער, געזינטער —
„ווען מ׳גרייט אָן אין זומער — האָט מען אויף ווינטער"!

# די אלול-בלעטער — זאָגן אָן דעם וועטער

זומער זינגט דעם אינדיאַנער זמר, פול מיט פרייד און אינספּיראַציע,
בשעת ער קלייבט זיך פאָרן ווינטער אָפּצופאָרן אויף וואַקאַציע...

רוישן צווייגן פון די בוימער, שיקן נייעס דורך די בלעטער,
וואָס קייקלען זיך אין וועלדער, פעלדער, זאָגן אָן אַ ווינטער־וועטער...

אין די הימלען לויפן וואָלקנס, מיט טומאַנען פייכט און מוטנע,
און די ווינטן פייפן לידלעך, אלול׳דיג און קאַלעמוטנע...

פאַרמאַכט דער זומער זיינע אויוונס, לעשט צוביסלעך אָפּ די שטראַלן,
און די ווינטן בלאָזן הויך, ווי עס וואָלטן שופרות שאַלן...

אויך די פייגל אין קאַראַוואַנען ציִען וויַיט זיך מיט אַ שירה.
בויען זיך שוין נייע נעסטן אויפן ווינטער, אַ וואַרעמע דירה...

און דער ווינטער גייט מיט כּוח, רייַסט אַריין זיך מיט אַלע גרווילן,
זוען אין הויז עס פעלט אַ וואַרימס, ס׳פעלט אַ בגד, ס׳פעלן קוילן.

נאָר בּטחון טיף אין האַרצן, האַלט אויף לעבעדיג די בלומען,
צו באַגעגענען דעם זומער — וואָס וועט זיכער ווידער קומען!

## על חטא שחטאנו — מיט אַ כּוונה...

אין די טעג פון ימים-נוראים שטייט דער פרומער רב מאַטיע,
מיטן טלית איבערן קאָפּ אין דער לאַנגער קאַפּאָטע.
שאָקלט זיך און וויינט מיט געפיל און כּוונה
און קלאַפּט זיך אין האַרצן: על חטא שחטאנו.

ער רעכנט אויס אַלע זינד, איז זיך מודה מתודה,
שאָקלט-צו מיטן קאָפּ: נו, געוויס, אוודאי
בעט איך איצט פאַרגעבונג — סליחה און מחילה,
ראַטעווע מיך, גאָטעניו, ניט באַשטראָף מיך מיט סקילה...

איך בין דאָך איינער פון דיינע אמת׳ע פרומע,
כ׳היט זיך אָפּ שטענדיג פון די וועגן די קרומע;
דיין געבאָט איז מיר הייליג, ווי דער לעבן איז טייער.
איך בין דיר אַ קנעכט, גרייט גיין אין פייער...

כאָטש דו ווייסט זיכער, איך בין קיין זינד ניט באַגאַנגען,
דאָך בין איך גרייט, גיב-נאָך דיינע פאַרלאַנגען
און שלאָג זיך אָשמנו, בגדנו, דורך שוחד, דורך זנות —
כאָטש עס קומט ניט אפילו אין די פלעצער מיין פּוס...

נאָר פאַר דיר, גאָטעניו, בין איך גרייט מיט פאַרגעניגן
צו זאָגן וואָס דו ווילסט — אפילו אַ שקר, אַ ליגן.
אָט אַזוי שטייט רב מאַטיע, שלאָגט זיך על חטא מיט דער עדה:
איך בין חייב! שולדיג! איך בין זיך מודה...

## היום הרת עולם — געגן אַטאָמישן גולם!

**היום הרת עולם** — טעג אָן שלאָף און אָן דרימל,
ווען „מיסילס" פליען אין די הויכן צום הימל,
טראָגן ווי מלאכים תפילות אויף פליגל
און דערוואַרטן צו קריגן אויפן „קוויטל" אַ זיגל...

**היום הרת עולם** — ס׳ווערט פּלאַנירט און פאַרשריבן,
ווער עס זאָל ווערן פון פאָלק אויסגעקליבן.
און אויך אין הימל וועט מען טראַכטן און שוויצן,
וואו וועלכער פּאָליטישן ס׳זאָל באַשטימט זיין צו זיצן...

**היום הרת עולם** — געגן וואָל־סטריטער העזה:
מ׳זוכט צו קאָפּ־וויטאָג — כינע, און מ׳קריכט אין פאָרמאָזאַ...
ווילן ווייזן דער וועלט אַלץ וואָס זיי קאָנען —
אַ קולאַק פאַר קעמאָי, און אַ קני אין לבנון...

**היום הרת עולם** — אין שרעק פאַרן אַטאָמישן גולם,
וואָס קאָן אַלץ פאַרוואַנדלען אין אַ גרויסן בית־עולם...
איז אויב מיר ווילן ניט ווערן שפּייז פאַר שאַקאַלן —
זאָל די תקיעה פאַר שלום אַלץ העכער שאַלן!

## זיי מיר מוחל, גאַטעניו...

זיי מיר מוחל, גאַטעניו, פאַרגיב ווי אַ מאַמע איר קינד,
פאַרוואָס איך קום ניט קלאַפּאַטשען דיר צו פאַרגעבן מיינע זינד.
שטענדיג בין איך שטאַרק פאַרנומען, כ׳ווייס ניט פון טאָג און וואָך.
ווי דער שקלאַף אין די קייטן — ווי דאָס פערד אין יאָך.

נאָך אַ טאָג פון שווערער פּראַצע, ווען איך גיי־אַרויס פון שפּאַן,
מוז איך אויך מיין פרוי צוהעלפן, זען צעוואַשן טאָפּ און פאַן.
קיין טעלעוויזיע זע איך ניט אָן, קיין ראַדיאָ הער איך ניט,
כאַפּ־אָפּ דאָס עסן איינס־און־צוויי — גלייך צום בעט מיך ציט.

איך שיכור ניט און שפּיל ניט, כ׳בין פּ אָ ר דער צייט געוואָרן גרוי,
דו מוזט זיך, גאַטעניו, וואונדערן — ווי לעבט אַ מענטש אַזוי?
טאָ זיי מיר מוחל, גאַטעניו, וויי איז מיר און וויינד,
אַ לעבן האָב איך אָפּגעלעבט, און ווייס ניט וואָס הייסט זינד...

## צרות — אויף כּפּרות!

**שלאָגט כּפּרות** — ליבע אידן, מיט די אַלע, וואָס שטערן פרידן,
מיט די הערשער, מיט די שררות, די וואָס ברענגען אונז נאָר צרות.

**שלאָגט כּפּרות** — גוטע פירער, מיט די גרעפטער, רעקטירער,
וועלכע לאָזן קאַסעס פּוסטע, און האַלטן פון דעם — „קאָנסטו־טוסטו״...

**שלאָגט כּפּרות** — מליץ־יושר, מיט׳ן געלט־זאַק, מיט׳ן עושר,
וואָס טראַכט שטענדיג אין טערמינען ,וואָס מער געלט נאָר צו פאַר־דינען.

**שלאָגט כּפּרות** — רעדנער, שרייבער, מיט די שטענדיגע אונטער־טרייבער
צו פאַשיזם און רעאַקציע, צו ראַסן־האַס און סעגרעגאַציע.

**שלאָגט כּפּרות** — דענקער, לערער, מיט די אַלע שלום־שטערער:
דאָס געזינדל, וואָס לעבט פון שווינדל, זיי זאָלן זיין — דאָס כּפּרה־הינדל!...

## די סוכה

דאָס אידישע לעבן איז ווי די סוכה:
אַמאָל גאַנץ שטאַרק, אַמאָל גאַנץ שוואַך.
אַמאָל ווענט געזונטע, און מיט אַ פענצטער,
אַמאָל לאַקשן־ברעטער, באַדעקט מיט סכך...

ווען ס׳גייט דער איד אויף בייזע יוגן,
שפּאַנט מיט פּראָגרעס האַנט אין האַנט, —
ווערט די סוכה אַ גאַנצער בנין —
און פעסט עס שטייט די סוכה־וואַנט!

נאָר הערשט חלילה, קנאה־שינאה
עס דרייט דער רודער שאָוויניסט. צי נאָר, —
ווערט אידיש לעבן אַ פראַגע־צייכן
און סוכת־שלינו איז אין געפאַר.

## לאָמיר בויען אַ סוכת שלום!

שלעכט עס איז מיט סוכת-שלום, עס שטייט ניט אויף קיין פונדאַמענט.
צונויפגעקלאַפּטע לאַקשן-ברעטלעך — און אַבי-דאָס דאַרף הייסן
ווענט...

ניטאָ קיין פענצטער און קיין אויוון — איז טאַקע פינצטער און אויך
קאַלט,
און ווען דער ווינט דערלאַנגט אַ „תקיעה"...ווערט די טיר גלייך
אויפגעפּראַלט.
אַלצדינג האַלט זיך אויף משקולה, אַן פּאַדלאָגע און אַן דאַך.
כאָטש דער אויבן איז אַ באַדעקטער מיט גרינע צווייגן און מיט סכך.

נאָר קומט אַ ווינטל מיט אַ רעגן, האָט מען רעגן-וואַסער יויך.
אַנשטאָט לאַקשן — קומען נאָדלען, אָפט די צווייגן פאַלן אויך...

אַמאָל עס טרעפט זיך — אַ חבר-אחר (פאַראַן פאַרשידענע פון דעם
מין)
נעמט זיך קראַצן ביי דער סוכה — לויט זיין חזיר'שן זין...

ווערט אוים סוכה און אוים שלום, אַלץ צעפאַלט זיך אין אַ באַרג.
און דער חזיר ווערט וואָך פעטער, פאַשעט מעדער אַן דעם קאַרק...

נאָר סוכת שלום מוז מען האָבן אויף אַ פעסטן פונדאַמענט —
טאַ גיב דעם חזיר איבער די לאַפּעס — ווייל פאַראַן חזירים אויך מיט
הענט!

## ער דערשמעקט יום-טוב...

ער ווייסט ניט פון קיין לוח, ווייסט גאַרניט געשיכטלעך.
די טראַדיציע פון חנוכה, דעם טייטש פון די ליכטלעך.

ער ווייסט נאָר ס'איז חנוכה — שפּילן קינדער אין דריידלעך.
ווי ער ווייסט פון יום-טוב פסח, ווען עס קאָכן זיך קניידלעך.

ער ווייסט ניט ווען און וואָס, אין כּסלו, צי אין סיוון.
ער דערשמעקט אָבער חנוכה, פון די „גרעיווי" און פון גריוון...

## חנוכה נסים

אַמאָל איז אַ נס געווען מיט אויל:
אַ קליין קריגעלע האָט אַכט טעג געברענט.
היינט איז אַ נס, וואָס צוליבן ביסל אויל
ווערט די גאַנצע וועלט ניט פאַרברענט.

אַמאָל האָט מען נאָר אין חנוכה-טעג
מיט אַ דריידל זיך געשפּילט און געדרייט.
היינט לעבט מען אַ לעבן נאָר ווי אַ דריידל,
ווייל אַלץ נאָר אין דרייען באַשטייט...

אַמאָל פלעגט מען ביי חנוכה-לאַטקעס
דעם אָוונט מיט אַ קערטל פאַרפּיקן.
היינט איז באמת פאַר אייניגע אַ נס,
אויב א י י ן טאָג זיי פאַרפעלן צו שפּילן...

## חנוכה יום-טוב

אין חנוכה יום-טוב
פרעגלט מען גריוון.
אַלע ביי די טישן
האָבן ליב זיך „פּאָזשיווען".

אין חנוכה יום-טוב,
אַלע שפּילן אין דריידלעך.
טאַטעס און מאַמעס,
בחורים און מיידלעך.

אין חנוכה יום-טוב
צינדן קינדער ליכטעלעך.
גרויסע זיצן ביים טיש,
דערציילן זיך געשיכטעלעך.

אין חנוכה יום-טוב
עסט מען לאַטקעס אַלע סאָרטן.
און מ'וואַרט אויף אַ נס —
צו געווינען אין קאָרטן!...

## ער האָט ליב חנוכה

איינער האָט ליב חנוכה, ווייל ס'איז אַ פריילעכער יום-טוב.
מ'שפּילט און מ'עסט פון אָנפאַנג ביז סוף.
אַן אַנדערער האָט ליב חנוכה, פילט אַ וואַרעמען געפיל.
פאַר גרויסע אַ דערמאָנונג, פאַר קינדער אויך אַ שפּיל.
אַנדערע ווידער זעען אין חנוכה אַ שיינעם מוסר-השכל,
עס קלינגט זיי אין די אויערן דער מאַמע חנה'ס בת-קול.
נאָר פאַר איינעם איז חנוכה, ווי בלוט פון זיין לייב,
ווייל ח נ ה ' ק ע הייסט אויך — זיין אייגענע ווייב...

## די אימפּעריע־ממשלה — קריגט המנ׳ס מפּלה!

אַמאָל איז געווען אַ מעשה מיט קעניג אחשורוש אין פּערסיע,
און אַזאַ מעשה פּאַסירט היינט, נאָר אין אַן אַנדערער ווערסיע.

דער קעניג, דער שוטה, ווי ס׳איז פאַרשריבן אין די ביכער,
האָט געוואָלט זיין אַ הערשער און די קרוין האַלטן זיכער.

איז זיין בעל־יועץ און פירער געוואָרן המן הרשע,
און געלאָזט וויסן דער וועלט אויף ים און יבשה,

אַז זיין וואָרט איז באַפעל, מען מוז היטן זיין תורה.
און זיין קולאַק איז מאַכט, וואָס שאַפט אַ פינצטערע מורא.

אַזאַ מעשה האָט פּאַסירט איצט מיט די הערשער פון אימפּעריעס,
וועלכע האָבן געוועלטיגט ווי גאָר גרויסע בריה׳ס.

און מיט צוואַנגען געהאַלטן זייער שטאַרקע ממשלה.
זיי קריגן איצטער באַצאָלט — מיט המנ׳ס מפּלה! ..

## המן — אונטער אַן אַנדער נאָמען...

פּורים איז אַ יום־טוב, מ׳קאָן עפּעס וואָס געניטן.
ס׳איז אַ פריילעך, שיינער קינדער־שפּיל -- אפילו מיט׳ן שיסן,
דער טיש זעט אויס יום־טוב׳דיג, באַפּוצט מיט המן־טאַשן,
דערצו קריגט איר אַרבעס, באָב און צוקערלעך צום נאַשן.

האָט איינער ליב אַ כוסה, איז אַ מצווה דאָס צו מאַכן,
מ׳קאָן פאַרקליידן זיך אין שפּאַס און מאַכן מענטשן לאַכן.
פּורים גיט מען מיט אַ פרייע האַנט — פּורים־געלט מתנות,
קליין און גרויס זאַבאַווען זיך, מיט רייכן שלח־מנות.

דערביי דערציילט מען, אַז דער יום־טוב קומט פון צרות און יסורים,
ווען המן האָט זיין סוף געקראָגן, איז געוואָרן פּורים.
איז אָבער פּורים נאָר איין טאָג, ווען מ׳גראַגערט אָן דעם המן,
אַ גאַנץ יאָר אָבער לעבט זיין „גייסט" — אונטער אַן אַנדער נאָמען...

## ראַמט אויס דעם חמץ!...

דער יום־טוב פּסח קומט אָן שווער,
מ'לייגט אַריין אין אים פיל פּראַצע,
ביז מ'זעצט זיך צום סדר —
אַרום דעם טיש מיט ווין און מצה.

מ'רעדט פון פרייהייט זייער פיל,
מ'פאַרטרינקט די רייד מיט כוסות...
אָבער פרייהייט קומט אָן שווער,
פאַראַן אויך מרור און חרוסת...

צו דעם יום־טוב גרייט מען זיך,
דאָ אַ וואַש, און דאָ אַ שייער.
און וואו אַ שמץ זויערקייט,
גייט דאָס גלייך אין פייער.

קניידלעך, כרעמזלעך זייער גוט,
נאָר מ'דאַרף וויסן די הגדה.
פון די פּרעה'ס די אַמאָליגע —
און די איצטיגע פאַראַדע

איז גוט דעם חמץ רייניגן,
און מ'דאַרף דאָס טאָן צוזאַמען,
נאָר ניט ערב פּסח בלויז —
אַ גאַנץ יאָר מוז מען ראַמען!...

## מכות — כשר לפּסח...

אויסגערייניגט איז דער חמץ,
נאָר ס'איז גאָרניט האַצי־טאַצי
ביים טיש ניטאָ איז קיין ברויט,
און עס פעלט אויס אויך מצה...

איינער עסט ברוינע כרעמזלעך
און פאַרטרינקט זיי מיט כוסות.
ווער עס קריגט אַ פּאָרציע מרור
און באַלעקט זיך מיט חרוסת...

די הגדה האָט פיינע בילדער
און אויך מעשהלעך גאַנץ שיינע.
ווען עס קומט ביים טיש צו עסן —
פעלט פאַר אַ סך אוים דער „דיינו״...

מיליאָנען זיינען אַרבעטלאָז,
עס רוט האַמער, נאָדל, פאָדים.
און אויף אַלע קשיות ענטפערט מען —
ווי פרעה — צו די עבדים...

## לחם כשר לפסח...

חעם „כשר לפסח׳ זעט איר אויף אַלץ.
דער „לעיבל״ שפּילט איצט אַ ראָלע:
אויף מצה און מרור, פעפער און זאַלץ
— אפילו אויף וואַסער, אויף קאָלא...

אומעטום קלעפּט מען דעם „הכשר״ אַרויף,
וואו עס לאָזט זיך נאָר קלעפּן.
אויף טיר און אויף טויער און —
אפילו אויפן דאַך און אויף טרעפּן.

אויף קליידער, שיך און אַ העמד.
אויף זייף צו וואַשן פּסח די זאָקן.
אַ הכשר אפילו אויף פּאָמאַדע און קאַם,
פאַר פּסח צו פּוצן די לאָקן.

אויף אַ טעפּעלע קאַווע אַ הכשר מוז זיין,
אַזוי אויך אויף שנאַפּס און אויף טאָרטן.
אַ הכשר אויף גרינצווייג, אַזוי אויך אויף פרוכט,
אויף פלייש און אויף פיש אַלע סאָרטן.

דער „כשר לפסח״ אַ גאַנץ פיינער געשעפט,
בהשגחת הרב די „פעי״ אויף יין־נסך...
מיר וועלן מירצעשעם נאָך אויך האָבן דאָ —
ברויט — לחם כשר לפסח...

## דער שוחט מיטן חלף — זאָגט לא מיט אַן אַלעף!...

מיר האָבן „כל־דכפין׳יקעס" עטלעכע מיליאָנען,
מיט מאָגנס, מיט ציינער — און עסן זיי קאָנען.
נאָר ס׳איז „אויסגע׳כשר׳ט" דאָס הויז, ס׳האָט דער אלקער
„וואַקאַציע"...
ניטאָ איז קיין פליש, קיין ברויט אין — קיין מצה.

איז דאָך, דאַכט זיך, קלאָר, לויט׳ן פּשוט׳ן שכל,
ווי עס זאָגט די הגדה: „כל דכפין ייתי ויכל".
ניט לאָזן זיך און די קינדער די הערצער צו קלעמען,
נאָר גיין, ווי אין פּסוק שטייט, עסן זיך נעמען...

אָבער דאָ זאָגט דער הערשער, ל א מיט אַן אַלעף!
ס׳איז פאַראַן אַ „חד־גדיא", מיט אַ שוחט און חלף...
מ׳מיינט ניט אייך קבצניוקעס, איר זיינט ניט קיין שררות.
מיר מיינען די „אָרעמע" קעניגער, וואָס זיינען נעבעך אויף צרות. .

## שבועות׳דיג

אויפן באַרג סיני האָט משה געבראַכט,
אַ תורה אין נאָמען פון גאָט.
צוויי לוחות פון שטיין מיט אותיות געקריצט,
די אידן דערלאַנגט צען געבאָט.

צווישן די צען, איז פאַראַן אַ „לא תרצח",
אַן אָנזאָג צום הערשער צום לאַנד:
זאָלסט שטענדיג געדענקען: אַ לעבן איז טייער,
דער שווערסטער פאַרברעכן איז מאָרד!

האָבן די קריגער געוואָרפן אַן אויג׳הן;
אַ איבעריגער „לא" שלעפּט זיך מיט.
האָט משה פאַר כעס די לוחות צעבראָכן,
נאָר דעם „תרצח" האָבן די מערדער פאַרהיט...

# ט) גוט יום־טוב ווערטלעך

שמש: אַ „בוקי" וואָס פאַרקויפט עליות אין שול.

לוח: אַ קאַלענדאַר אויף ניי־יאָר מיט אַלטע וויצן.

ראש־השנה: אַ יאָר־יד אויפן הימל, וואו מ'קויפט אייך לעבן און טויט...

חזן: אַן אַדוואָקאַט, וואָס דאַרף קאָנען „דרייען" מיט זיין שטימע צו באַפרייען אַ זינדיקן...

על חטא: אַזאַ קלאַפּ, וואָס מ'קאָן אים גרינג איבערטראָגן...

מלקות: שמייך, וואָס צום מערסטן כאַפּן דאָס אַרייך די מענטשן, וואָס זיינען גראַדע אומשולדיג...

מחזור: אַ ספר, וואָס האָט צו זינגען און צו זאָגן...

שנה טובה: אַ גוט־יאָר פאַר בלויז 10 סענט...

שופר: דער בעל־תוקע קאָן זיך אָן דעם אינסטרומענט ניט באַגיין, נאָר די באַלעבאַטים בלאָזן זיך אַזוי...

שטן מקטרג: אַ גאַנץ יאָר ליגט ער אויף וואָל סטריט, ראש השנה — אין שופר...

מחזור כל־בו: אַ בוך, וואָס וויזט ווי אַזוי אַ כל־בו'ניק קאָן זיך פאַר־טיידיגן...

* * *

עס איז זייער גרינג פאַר'ן אַלטן יאָר צו אַנטלויפן, זיין שווערן פעקל לאָזט ער אונדז צו טראָגן...

* * *

די אַלע יאָרן וואָס גייען אַוועק אין דער אייביגקייט לאָזן איבער אַ שטעמפּל אויף אַלין וואָס בלייבט לעבן, מ'זאָל זיי האָבן צו געדענקען...

* * *

אַלע לעבעדיגע וועזנס זיינען קיינמאָל ניט זיכער מיט וייערע טעג און יאָרן, אָבער דאָס יאָר אַליין רעכנט זיך אָפּ צו דער סעקונדע ..

* * *

אַ טאָג קאָן זיך ציען ווי אַ יאָר און אַ יאָר קאָן אַנטלויפן ווי אַ טאָג. דאָס איז אָבער אַלץ, ווען מ'לעבט אָן אַ רעכענונג, אָבער דער וואָס לעבט מיט חשבון האָט אַלע 24 שעה יעדן טאָג און 12 חדשים אַלע יאָר...

* * *

טאָג און יאָר האָבן אַ גרויסן אונטערשייד אין זייער עלטער און דאָך גיבן זיי זיך ניט קיין ריר איינער אָן צווייטן. מיט אַ „גוטן טאָג" קומט גלייך אַ „גוט יאָר"...

דער מענטש וואָס גענִיסט גאָרניט פון זיין לעבן, געניסט אָבער יאָרן צו קאָנען לעבן און געניסן...

* * *

מיט יעדן בלעטל וואָס איר רייסט אָפּ פון קאַלענדאַר רייסט איר אָפּ אַ שטיק פון לעבן...

* * *

אַ ווינטשוואָגיע איז גרינג צו געבן: מ׳ווינטשט יענעם אַ גוט יאָר, כאָטש פאַר זיך האָט מען ניט מיט וואָס דעם טאָג דורכצולעבן...

* * *

ווען דער שופר־בלאָזער ציקלט־אויס אַ תקיה־גדולה, איז דאָס זייער פיין, אָבער פאַר געשעפט איז דאָס בלאָזן ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי...

* * *

ווען ער זאָל זיך מאַכן אַ חשבון־הנפש האָב איך זייער מורא, אַז ער וועט נאָך דאַרפן אָוועקגעבן דאָס לעצטע קנעפּל רעשטע...

* * *

דער רייכער קאָן זיך פון אַלץ אַרויסדרייען. ווען ער זאָל דאַרפן קריגן די ריכטיקע מלקות, וואָלט ער אָנגעטאָן בלעכענע הויזן, און — זאָל מען צימבלען...

* * *

פון קלאַפּן זיך אַשמנו — וועט אַ פאַרשטיינערט האַרץ גאָרניט ווייכער ווערן...

* * *

„בני אדם יושבי חושך" — געגנג געלעבט אין דער פינצטער. עפנט אייערע אויגן. עס איז שוין פאַראַן וואָס אָנצוקוקן...

* * *

היט זיך פאַר יענעם געזינדל, וואָס זינדיגט און זוכט אַ כפּרה־הינדל...

* * *

עס איז שוין בעסער איין מלכה, אַ פּסח׳דיגע, ווי 39 מלקות יום־כפּור־דיגע...

* * *

ער איז פון די חזנים, וואָס קאָנען די תפילה פון אכילה...

* * *

ער האָט זיך איינגעקויפט אַ מפטיר און איצט ווערגט ער זיך מיט די ברכות...

* * *

איין מאָל אַ יאָר בעט ער ביי גאָט מ׳זאָל אים רעוויזשאָן פון זינד. אָבער זיך רעווּואָשן פון בלאָטע, טראַכט ער אפילו איין מאָל אַ יאָר אויך ניט...

* * *

קלאַפּן על חטא איז אַ פיינע מידה, נאָר — קלאַפּן ביי זיך אין האַרצן — ניט ביי יענעם...

* * *

זיך שאָקלען די פּאָלעס פון זינד, איז ווי העלפן אַ צווייטן מיט אַ „ווי" און ווינד"...

* * *

דער בעסטער חזן קאָן ניט אויסבעטן דאָס, וואָס דער מענטש קאָן אויס־קעמפן...

* * *

פאַר בענטשן איז גענוג אַ מזומן,
פאַר זאָגן קדיש — אַ מנין,
נאָר אין קאַמף פאַר שלום,
מוז גרויס זיין דער ענין...

* * *

דער רייכער האָט צו אַלץ „מזל". ער גייט בלויז איין ראש־השנה אין שול און „בעט זיך אויס" אויף אַ גאַנץ יאָר אַ רייך לעבן...

* * *

ראש השנה בלאָזט מען שופר געגן שטן, און דער שטן־מקטרג אין די „פּאָליטיקס" — פייפט אויף אונדז אַ גאַנץ יאָר...

* * *

ער האָט ליב צו קריכן יענעם אין האַרצן, ווי דער שטן אין שופר...

* * *

ביי אים איז שוין דער צווייטער טאָג ראש־השנה, ער פייפט שוין אָן אַ צווייטן מאָל אַ תקיעה גדולה...

* * *

ער לייגט אַריין אין די בענק זיינע זינדיגע געלט — און גייט צום תשליך שאָקלען ליידיגע קעשענעס...

* * *

ער איז אַ ברייטהאַרציגער מענטש, ווינטשט אַלעמען אַ גוט יאָר. און פאַר זיך אַליין, באַנוגנט ער זיך מיט בלויז — „לעבן אַ גוטן טאָג"...

ער ווייסט ניט פון קיין הדר. ווייסט ניט פון קיין מלמד — און רייסט זיך צום עמוד...

* * *

ער לעבט זיך אזוי רואיג ווי דער המלך אין מחזור...

* * *

עס איז א גליק, וואס ער איז א חזן אן א קול, הערט מען ניט ווי ער צעקאלעטשעט די עברי...

* * *

ער שרייט צום הימל און קריגט אן ענטפער — ווי ער וואלט גערעדט צו דער וואנט...

* * *

פון פסח׳דיגע קשיות (קאשעס) קאן מען ניט ווערן זאט...

* * *

פרומע אידן פראווען א סדר פסח, פראקטישע מענטשן דארפן לעבן מיט א סדר אלע טעג פון א גאנץ יאר!

* * *

ציילן די כוסות איז ניט אזוי שלעכט, ווי — ווען מ׳דארף זיך ציילן דעם ביסן...

* * *

אידן לעבן מיט א חשבון — זיך ציילן זיי כוסות, פרעה׳ן — מכות...

* * *

ביי אידן איז אפילו פסח, דער יום־טוב פון באפרייאונג — גייט ניט אן מרור.

* * *

ביים סדר קאן יעדערער קלאר זען, אז וואו ס׳איז פאראן א קעניג, איז פאראן מרור, מכות און — ניטא קיין ברויט...

* * *

ער דערלאנגט א „קיילעכדיגע” רעדע ווי א מצה: פלאך, בלאס, אן זאלץ, אן שמאלץ און — לעכערלעך...

* * *

פסח ציילט ער די כוסות, אבער א גאנץ יאר גיסט ער אן א רעכענונג...

* * *

אויב מרור און מכות שפיגלען אפ דעם סדר, האט ער א סדר — כסדר...

* * *

אפילו פאַר דעם „הא לחמא עניא״ (פאַרן אָרעמען שטיקל ברויט) דאַרף ער נאָך שטיין אין ברויט־לײַן...

* * *

ביד חזקה, זאָגן פרומע אידן, צו די סדרים, וואָל־סטריט נוצט דאָס אַ גאַנץ יאָר...

* * *

מיט קשיות (קאַשעס) פון דער הגדה קאָן מען ניט קאַרמענען די קינדער...

* * *

ווער עס ברענט דעם חמץ ערב פסח. — ביי מיר ווערט דער חמץ פאַר־ברענט אַלע טאָג...

* * *

ער זיצט אויפן היסב־בעט ווי אַ מלך, און די מלכה — אין קיך ווי אַ דינסט...

* * *

אויך מיר אַ גנב — ער גנב'עט אפיקומנ'ס ביים איגענעם טאַטן...

* * *

ער איז ניט אויסן די חרוסת, נאָר — די כוסות...

* * *

עס איז אַ גליק וואָס מ'פראַוועט בלויז צוויי סדרים, ווען ניט, וואָלט יער מלך זיך דערקלערט באַנקראָט...

* * *

ער איז, דאַכט זיך, ניט פרום, נאָר ער דערציילט מיר אַלע טאָג אַ נייע „חד גדיא״...

* * *

ווער עס האָט דעם מרור ביים סדר, און ווער עס האָט מרור כסדר...

* * *

ביי אים קריגן אַן ענטפער אויף אַ קשיא, דאַרף מען וואַרטן, ביזן סדר — און ערשט דאַן האָט ער איין תירוץ...

* * *

ער איז רייך און פראַוועט אַ רייכן סדר, נאָר קומט צו פראַפּיטן האַלט ער ביט פון דיינו...

* * *

פראַווע מיר ניט קיין חנוכה און הער אויף מיט דיינע ווריידלעך...

* * *

ווען אַן אויל־איזועלע ברענט אין הויז איז אַ נס — אַז מ׳ווערט ניט קיין מת...

* * *

דאָס, וואָס מ׳צינדט אָן חנוכה אַכט ליכטעלעך, אין דעם טאַקע באַשטייט דער נס. ווען מ׳וואָלט חלילה געדאַרפט ברענען אַכט לאָמפּן, וואָלט געווען אַן אומגליק...

* * *

דערציילן פון נסים איז זייער פיין, נאָר לעבן מיט אַ נס — זאָלן מיינע שונאים.

* * *

„נס גדול היה שם״ — דאָרטן וואו איך בין ניטאָ טרעפן נסים.

* * *

ער האָט מיר אָנגעזען, ווי דער שמש ביי חנוכה־ליכטלעך...

* * *

בעסער איין לאַטקע אויפן טעלער, ווי צען אויף די הויזן...

* * *

אַ קינד זיין איז גוט אין צוויי צייטן, מ׳קריגט חנוכה־געלט און — מ׳קאָן דאָס דריידל דרייען.

* * *

ער ווייסט זייער ווייניג וועגן דער באַדייטונג פון חנוכה־ליכטלעך, דער־פאַר אָבער איז ער שטאַרק באַהאַוונט אין „דריידלעך״...

* * *

די הון ווערט אַ כפּרה ערב יום־כּיפּור, די גאַנדז פאַר חנוכה...

* * *

אַ גאַנץ יאָר איז דער שמש אַ משרת, נאָר חנוכה אויף „אונטערצינדן״ די ליכטלעך — שטעלט מען אים אויבן־אָן...

* * *

ווער עס דאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין — ער עסט חנוכה־לאַטקעס פאַר דריי...

* * *

חנוכה אָן אַ פּרעס, איז ווי אַ בלינצע אָן קעז...

* * *

דער אָרעמאַן ליגט לאַטעס, דער רייכער עסט לאַטקעס...

* * *

בײַם רײַכן איז שטענדיג חנוכה
(ער פראַוועט חלילה ניט בכיון).
שטענדיג איז זײַן טיש פאַרפולט
מיט לאַטקעס, גענדז און גריוון.

אויך בײַ מיר איז שטענדיג חנוכה,
אויף נסים איך לעב כסדר.
נאָר אַנשטאָט האָבן לאַטקעס אויפ׳ן טיש,
האָב איך זיי — אויף די קליידער...

* * *

איינער האָט צו פרעסן און צו נאַשן, און אַ צווייטער האָט — אָן־מאַן־טאַשן...

* * *

ער איז אַ קאַלעקאַטקע און אַ דרייער און פאַרדינט ניט קיין צווייער...

* * *

פורים איז ער אַ געשעפטסמאַן, ער בײַט אויס שלוח־מנות׳ן...

* * *

בײַ וועמען ס׳איז פורים אַ יום־טוב און אַ מצווה צו טרינקען — בײַ אים איז טרינקען שוין אַ וואָכ־דיגע זאַך...

* * *

ווען אחשורוש וואָלט געהאַט שלאָף־פּילן אַנשטאָט צו לייענען זײַן טאָג־בוך וואָלטן מיר געהאַט יסורים — ניט קיין פורים...

* * *

פאַר אַ המן אויף דער תליה, איז אַ גראַגער אויך אַ מציאה...

* * *

אויב אַ תענית איז צו וואָס עסט ער (אסתר)? און עסט ער, איז וואו דאָ דער תענית?...

* * *

וואָס איז פורים, ווייסט ער ניט, אָבער טרינקען און גראַגערן קאָן ער...

* * *

ער האָט אַחשורוש׳ס שכל, ויזתא׳ס גרויסקייט, און המנ׳ס רשעות...

* * *

ער קאָן פון אַ שלח־מנות אויך אָפּלעקן אַ ביינדל...

* * *

אַ גאַנץ יאָר איז ער שכור, און פורים — אויך...

* * *

לייענען די מגילה קאָן ער ניט, נאָר נעמט ער עפּעס דערציילן, ווערט ואָס אַ גאַנצע מגילה...

* * *

פון המנ׳ס צען געהאַנגענע בנים האָט זיך, ווייזט אויס, דער דלפון גער ראַטעוועט. ער שפּילט נאָך אַ ראָלע...

* * *

ושתי האָט געהאַט אַן אייגענעם האָרן אויפן שטערן, נאָר קיין שופר בלאָזן האָט זי ניט געקאָנט...

* * *

דו הייסט ניט מרדכי, און קריך ניט אויפן פערד...

* * *

אַ סך באַלעבאַטים זאָגן צו די אַרבעטער אַ שלח־מנות און — עס ענ־דיגט זיך מיט אַ תענית...

* * *

ביי אידן נוצט מען דעם „דריידל" פורים צו שלאָגן המנ׳ען, ביי די רע־אַקציאָנערן נוצט מען דעם „דריידל" אַ גאַנץ יאָר צו פירן די פּאָליטיק...

* * *

ניט געזאָרגט: נאָך יסורים קומט — אַ פורים...

* * *

די אַטאָמישע באָמבע מאַכט אויסזען אַלע כלי־זין ווי פורים־ביקסלעך...

* * *

פון טראָגן איך מאָל אַ יאָר שלח־מנות, קאָן מען זיך שפּייזן אין אַ תענית...

* * *

ער איז פון די פּאָרדינער, וואָס האָט אײנמאָל אַ יאָר — פורים — אויף „אַן־מאַן־טאַשן"...

* * *

אַ וויץ אָן אַ לאָך, איז ווי אַ סוכה אָן סכך.

* * *

אַן אָרעמע הײם ווי אַ סוכה, — און דאָך איז שטענדיג יום־טוב ביים עסן...

* * *

זיי האָבן זיך אַזוי צוזאַמענגעלעבט, ווי אַ לולב מיט אַן אתרוג...

* * *

זיין היים איז ווי אַ סוכה. דאַכט זיך, אָן פענצטער, דאָך — בלאָזט פון אַלע זייטן...

* * *

די אַכט טעג סוכות זיינען אַ גייענדיגער יום־טוב, גיין אין סוכּה און גיין פון סוכּה...

* * *

ער האָט מיר אַ פּנים פון אַ פאַראַיאָריגן אתרוג...

* * *

אַכט טעג סוכות קאָן מען אויסקומען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ...

* * *

דאָרט וואו עס איז אַ מאַנגל אין ברעטער פאַר אַ סוכּה און מ׳דאַרף נוצן די לאָקשן־ברעט, איז אויך אָפט אַ מאַנגל אין — לאָקשן...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס עפּענען צום חזק־חזק אַ גרויס מויל, ווייל זיי ווייסן שוין, אַז נאָך דעם קומט — לעקאַך און בראָנפן..

* * *

ער האָט סכך־גאָדלען אין יויך — און אושפּיזין אין בויך...

* * *

ביי אים חשבון־נפש מיינט, זיך אָפּרעכענען וויפיל ער האָט פאַרלוירן אויף הינטלעך און וויפיל אויף פערדלעך...

* * *

דאָס איז אַ פּאָרל ווי אַ לולב און אתרוג, נאָר זיך בענטשן מיט זיי — זאָל מען באַהיט ווערן...

* * *

ער איז פון די למדנים וועמען מ׳קאָן פאַרקויפן אַ הושענא אויף כּפּרות שלאָגן...

* * *

ער איז פון די וואָס קוקן ווי דער האָן אין בני־אָדם און קאָנען אפילו ניט אַ קריי טאָן...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס אַ גאַנץ יאָר לערנען זיי און שמחת־תּורה טרינקען זיי. ער איז אָבער פון די מענטשן, וואָס אַ גאַנץ יאָר טרינקט ער און — שמחת־תּורה טרינקט ער פון מצווה וועגן...

* * *

ער האַלט ניט פון סיום־התּורה, ווייל ווי קאָן ער פאַרענדיגן לערנען, אַז ער האָט נאָך גאָרניט אָנגעהויבן...

* * *

ער האָט אַזוי ליב כּבוד, אַז אים וואָלט ניט אַרן צו זיין אַ שטעקן פאַר אַ שמחת־תורה פאָן, אַבי מ׳זאָל אים טראָגן אויבנאָן...

* * *

ער זעט מיר אויס ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא, ווי אַן אָפּגעטרייסלטער לולב, ווי אַן אתרוג אָן אַ פּוטום, נאָר אַ דריי־ער, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו הקפות...

* * *

ער איז אַזוי אומגעדולדיג, ווי ער וואָלט געזעסן אין אַ סוכה אויף נאָד־לען, שטעכעלקעס און אושפּיזן...

* * *

די שמחת־תורה׳דיגע כל־הנערים ווייסן ניט פון קיין יוגנט־פאַרברעכנס...

* * *

אַמאָל האָט מען געוואוסט פון תענית־אסתר, פון צום־גדליה פאַסטן, פון פון פאַסטן יום־כּיפּור. איצט איז צוגעקומען אַ נייער תענית: פאַסטן צו־ליב דעם יקרות ..

* * *

ווען אַ סך וואָלטן ניט געזינדיגט מיטן פרעסן, וואָלטן אַ סך ניט גע־דאַרפט אומזיסט פאַסטן...

* * *

זיין געוויסן איז אַזוי פאַרשטאָפּט, אַז ער קאָן ניט הערן אפילו קיין תקיעה גדולה...

* * *

יום־כּיפּור פאַלט ער פאַר גאָט כּורעים, און אַ גאַנץ יאָר מוזן פאַר אים פאַלן די שקלאַפן אין פאַבריק...

* * *

די פאָליטישנס שטעלן־צו די פאָלקס־מאַסן „יום־כּיפּור־טראָפּנס" — אַנ־שטאָט עסן...

* * *

ווען דער שליח־ציבור וואָלט זיין שטימע געווענדט צו די שטאָט־טאַטעס אַנשטאָט צו די הימלען, וואָלט מען די „קוויטלעך" געקאָנט אויסוועקסלען...

* * *

אויף די הימלישע „קוויטלעך", שלעכטע צו גוטע — קריגט איר ניט אַ פּרוטה...

* * *

ער האָט ניט קיין כוח צו זינדיגן. נאָר שלאָגן זיך על חטא מוז ער מיט די לעצטע כוחות...

* * *

דער רייכער זינדיגט זיך אָפּ אַ קוילעכדיגן יאָר און אין פאַרכטיגע טעג קומט ער אָפּ מיט עטלעכע פאַלשע שמיצלעך מלקות.

פאַרקערט, ווידער, דער אָרעמאַן כאַפּט אַ גאַנץ יאָר די אמת׳ע שמיץ, און קומט צו די ימים־נוראים, כאַפּט ער זיך — אַז ער קריגט פרעמדע שמיץ...

* * *

דאָס בעסטע, וואָס איך קאָן אייך ווינטשן איז, אַז איר זאָלט האָבן אַלדאָס גוטס און איך זאָל אייך מער ניט דאַרפן ווינטשן...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן אַזויפיל פון תשובה־טאָן, אַז זיי זיינען גרייט אָפּצוטאָן דאָס ערגסטע, אַבי מקיים זיין גאָט׳ס געבאָט...

* * *

ער האָט נאָך אפילו ניט גע׳חלומ׳ט פון זינדיגן, און ער האָט שוין פאַר זיך די שרעקלעכע טעג צו פייניגן זיך און שלאָגן זיך על חטא...

* * *

קיין פרייע „פעסעס" צו הערן אַ חזן קריגט מען ניט, און מיט „טי־קעטס" (בילעטן) האָט ער שוין בעסער ליב צו גיין אין אַ קאַבאַרעט...

* * *

ער שלאָגט זיך על חטא, פאַרוואָס ער האָט ניט געזינדיגט, ווען ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט זיך סיי־ווי דאַרפן דערקלערן שולדיג און זיך שלאָגן על חטא.

* * *

ער אַליין לעבט אין פינצטערניש און טראָגט אין שול ליכטלעך...

* * *

דער פרומער איד קלאַפּט זיך אין האַרצן, דער גבאי — אין באַלעמער...

* * *

לויט ווי ער וואַרפט די אויגן אין שול צום הימל, קאָן מען מיינען, אַז ער טראַכט פון גאָט. אין דער אמת׳ן טראַכט ער גאָר פון דער געט־ן אין דער ווייבערשער שול...

* * *

ער שרייט נאָר חזק, ווען ער טרינקט שמחת־תורה די אמת׳ע תורה...

ער האָט מיר שוין אַ פּנים — ווי אַן אתרוג אָן אַ פּיטום...

* * *

אַ תּו״ה וואָרט אין מויל נעמט ער ניט. נאָר צו סיום־התּורה שרייט ער דער ערשטער „לחיים״...

* * *

ער איז שמחת־תּורה אַזוי בגילופֿנ'דיג, אַז פֿאַר אַ גוטער עליה איז ער גרייט זיך צו שמד'ן...

* * *

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער כאַפּט זיך אַזוי אַרום מיט דער תּורה צו הקפֿות. אַ גאַנץ יאָר האָט ער זי ניט אָנגעקוקט...

* * *

ער איז אַזוי פֿרום, אַז פֿון סוכּות ביז שמחת־תּורה מאַכט ער פֿון אַלץ אַ תּל. ער צעטרייסלט דעם לולב, ברעכט־אָפּ דעם פּיטום פֿון אתרוג, צע־קלאַפּט די הושענא און — ליידיגט אויס אַלע פֿלעשלעך...

* * *

ביי אים איז אַלע טאָג סוכּות: עס ציטערט דער דאַך, עס שאָקלען זיך די ווענט, דאָס עסן איז קאַלט און ניטאָ קיין פּלאַץ וואו דעם קאָפּ צוצושפּאַרן...

* * *

טאָמער האָט ער שוין יאָ אַ שטיקל סוכּה וואו צו עסן — האָט ער ניט וואָס צו עסן...

* * *

ער האָט שוין רעזולטאַטן פֿון די ניי־יאָר וואונטשן: רעגן־וואַסער און שטעכעלקעס אין סוכּה...

* * *

זיין טענה איז — אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא...

* * *

מיט עטלעכע כלומר'שטע על חטא־קלעפּ זיך אין האַרצן וויל ער גוט מאַכן זיינע זינד פֿון אַ גאַנץ־יאָר...

* * *

אַ פּאָר — ווי אומעט און פֿרייד. ווי אַ טויב און אַ וואָרעם.
ווי הויזן און קלייד. ווי אַ קאַץ און אַ עופֿ.
ווי שוך און פּאַנטאָפֿל. ווי אַ הונט און אַ שאָף.
ווי ירום און שפּל. מיט איין וואָרט — אַ פּאָר:
ווי רייך און ווי אָרעם. ווי שוואַך־שבת — גוט יאָר...

# ווער איז אַ איד?

ווער עס האָט געליטן פון עלית־דם
און דורכגעמאַכט פּאָגראָמען,
געוואַנדערט איבער לענדער
און געדאַרפט בייטן דעם נאָמען —
דער איז אַ איד!

דער — וועמען מ׳רופט „יודע״,
מיט חוזק — אויך „שיני״.
און מ׳ווייזט אים אַ לאַנגע נאָז
מיט אַ שפּאָטישער מינע —
דער איז אַ איד!

דער — וועמען מ׳רופט „דזשו״
אָדער מיט שפּאָט — „זשיד״,
און דאָך קעמפט ער פאַר זיין קיום
און זינגט שטאָלץ אַ אידיש ליד —
דער איז אַ איד!

# שיינקייט

שיין קאָן זיין צירונג,
עס קאָן שיין זיין אַ היים.
מ׳געפינט שיינקייט אין שטיינער
ווי אין כלים פון לוים.

ס׳קאָן שיין זיין אַ גאָרטן
וואונדער־שיין איז נאַטור —

אַלץ שיינט צו זיין שיין,
וואָס באַשיינט — די קולטור.

נאָר שענער פון אַלץ,
אויב מ׳וויל נאָר פאַרשטיין:
איז דאָס שענסטע פון שיין —
דאַרף דער מענטש זיין אַליין!

# וואָס איך דאַרף

איך דאַרף עסן פאַר׳ן מאָגן,
איך דאַרף אַ בגד צו טראָגן,
איך דאַרף אַ לעפל, אַ טעפל,
פון אַלץ — ביז אַ קנעפל!

נאָר הויז שלאָפן און עסן,
בגדים און דירות —
דאַרף איך פריער פון אַלץ —
געוואַלד, אַ וואָך שכירות!

## אַ מינק-קאָוט, צי הויזן? — שווער צו לייזן...

פול מיט פרייד איז די „אַדדאַרייטקע״,
עס איז איר גוט, גאָר האַצי-טאַצי,
נאָר כ׳איז שווער איר צו באַשטימען,
וואו זי זאָל פאָרן אויף וואַקאַציע.

מיאַמי — לעיקוואוד, לעיקוואוד — מיאַמי,
האַלט זי אין מעסטן אויף זיך כסדר;
פּאַסט איר בעסער באָד-קאָסטיומען?
צי פּאַסט איר בעסער ווינטער-קליידער?

אין מיאַמי קאָן מען ווינטער
טראָגן הייזל׳עך ווי אַ פראַנטל,
גיין געאָרעמט מיט אַ בחור,
צי אַזוי זיך מיט אַ מאַנטל...

און אין לעיקוואוד קאָן מען ווינטער,
זיך פאַרפּוצן עס זאָל פינקלען,
מיט די דימענטן, בריליאַנטן,
און אַלץ אַרום עס זאָל זיך מינק׳לען...

ענדלעך מאַכט זי זיך אַ פשרה
אין אַ שמועס מיט איר הינטל טאַמי:
אַ פּאָר חדשים זיין אין לעיקוואוד,
און אַ דריי חדשים אין מיאַמי...

## זומער - לעבן

ליב איז דער זומער
מיט די שטילע פאַרנאַכטן.
ער גיט פרייד צו מענטשן,
ביים שפּילן און טראַכטן.

די זון, אַ צעשיינטע,
באַלאָדן מיט שטראַלן,
און ס׳באָדט זיך לבנה
אין ליכטיגע קוואַלן.

אַ גאַנצע וואָך יום-טוב,
געזאַנג אויף די וועגן,
חוץ שבת און זונטאָג ווען —
גוואַלד — ס׳גייט אַ רעגן!...

# י) אַפּאָריזמען־עפּיגראַמען

די שפּראַך פון אַ פאָלק לאָזט זיך ניט אויכשעפּן
דער ריח פון וואַלד קאָן זיך ניט אויסוועפן.

* * *

דער כוח פון וויסן האָט אַ ריזיגע גבורה —
ווי מענטשלעכע פרייד פון אַ גוטע־ בשורה.

* * *

דער הערשער איבער אַ פאָלק, שאַפט זיך פיינט.
דער ערלעכער פירער — ווערט באַלוינט מיט פריינט!

* * *

דער וואָס גייט מיטן נאָז פאַררייסן —
קאָן פון שיינקייט אויפן וועג ניט וויסן..

* * *

איך האָב ליב מיין פאָלק, איך האָב ליב מיין שפּראַך —
נאָר איך מוז ניט פאַרטיידיגן יעטווידער זאַך. .

* * *

אין כמורנע טעג קאָן אַ לעבן שטראַלן.
און אין זוניגע טעג — קאָן אַ לעבן פאַלן.

* * *

דער אידעאַל, איז פאַרן פאָלק אַ קוואַל
צו שעפּן לערע און וויכן.
נאָר דער קוואַל דאַרף זיין ריין און שיין
ניט דערלאָזן קיינעם פאַר זיך אַליין גענישן .

* * *

אין רייכע קליידער אויסגעפּוצט,
נאָר אין מענטשלעכקייט גאַנץ אָרעם.
ווי אַן עפּעלע קאָלירדרייך שיין —
נאָר אינמיטן האַרץ אַ וואָרעם...

* * *

ער איז ניט פון די מזל׳דיגע,
אין אַ זיידן העמדל ניט געבאָרן.
פּיקט מען אים אין נאָז —
און מ׳קלאַפּט אים מיט די שפּאָרן...

* * *

די „אַלאַרייטניצע״ בלאָזט זיך
מיטן אָנשטעל פון אַ מאַראַנעט.
נאָר קומט עפּעס שאַפן,
קאָנען יענע — די מאַיאָריטעט.

* * *

צרות קאָנסטו ניט אַוועקלייגן,
פאַרבינדן אין אַ פּאַק.
אַ הונגעריגער קאָן ניט אַרבעטן —
ווי עס קאָן ניט שטיין אַ ליידיגער זאַק...

* * *

אַ לעבעדיגער מענטש אין לעבן
טוט מצוות, באַגייט עבירות.
ווען ניט איז מען ווי אַ דאָרן —
אָן בלעטער און אָן פּירות...

* * *

אַביסל גיט צו טעם, צופיל — איז סם..

* * *

ער האָט ניט אָנגעקליבן זיין רייכקייט פון חנוכה־געלט...

* * *

וויל פאַרטרינקען די צרות און פאַרטרינקט די שכירות...

* * *

דער הונט איז אַלע מאָל אָרענטלעך אין זיין פריינטשאַפט צום מענטש,
אָבער דער מענטש איז ניט אַלע מאָל אָרענטלעך צו זיין פריינט...

* * *

כדי זיך אַליין אויפצוהאַלטן, מוז זיך מיטהאַלטן מיט אַנדערע...

* * *

ביזט אויס העלד, ווען דו בלייבסט אַליין אין פעלד...

* * *

ווען דו אַנטלויפסט פון אַ שלאַנג, זוך ניט די באַשיצינג פון אַ וואָלף...

* * *

אויף ביקסן און קוילן דרוקט מען ניט קיין הכשר...

* * *

ער איז ווי אַ פּאַפּוגײַ: זאָגט נאָך, אָבער ווייס ניט וואָס ער זאָגט...

* * *

די הון ליגט אייער, נאָר ווייסט קיינמאָל ניט ווי עס האַלט דער פּרייז...

* * *

ניט אַלע פּוצן זיך גליַיך. ווער עס טראָגט די שיינע פּעדערן אין עק און ווער אין הוט...

* * *

איז ער געוויען אַ שוסטער, האָבן זיך אַלע באַקלאָגט, אַז ווען ער מאַכט שיך — פּאַסט ניט. איצט איז ער געוואָרן אַן אַקטיאָר, איז וואָס ער זאָגט, זאָגט מען ווידער — עס פּאַסט ניט...

* * *

אַ קראַנקער קאָן אויסשרייַען דעם ווייטאָג, אָבער ניט לינדערן די וואונד...

* * *

די נשמה ביי דעם מענטשן וואַקסט לויט דעם מענטש. דער גרויסער מענטש, דאַט אַ גרויסע נשמה, דער קליינלעכער מענטשעלע — אַ נשמה׳לע...

* * *

ווען גערעכטיגקייט האָט די מאַכט, פּרואווט זי מאַכן גוט. נאָר ווען מאַכט נעמט זיך די רעכט, ווערט שוין דאָס רעכט — שלעכט...

* * *

ער איז פון די „פּירער" וואָס האָבן אינזינען די „באָר" און כאַבאַר...

* * *

אויף אייגער אַ קורצע רעדע דאַרף מען לאַנג וואַרטן...

* * *

אים אינטערעסירט נאָר צוויי טאַליעס, די פרויען טאַליע און די טאַליע קאָרטן...

* * *

וויפיל מ׳זאָל ניט קאָכן אַ שטיין, וועט ער אַלץ ווייכער ניט ווערן...

* * *

מ׳קאָן מיט אַ שטיין רירן אַ האַרץ, מ׳קאָן אָבער ניט מיט האַרץ רירן אַ שטיין...

* * *

ווען ער האָט געלט איז ער ניט אינדערהיים, און ווען ער איז אינדערהיים, האָט ער שוין ניט קיין געלט...

* * *

ווען ער שלאָגט זיך שוין אפילו חטאתי איז מיט אַ פייג אין האַנט...

* * *

דער וואָס טרינקט זיך, זוכט דעם ברעג.
דער קראַנקער — אַ לאַנגן לעבנס־וועג...

* * *

דער וואָס האָט אַן אידעאַל, איז אים ניט פרעמד דער כלל...

* * *

דער וואָס בויט אויף פאַנטאַזיעס, וועט אַ כּסדע שעפּעלעך אין די וואָלקנס — נאָר דער קלענטטער זינט צעטרייבט עס...

* * *

דער וואָס מאַכט נאָך אַ קאַליקע מיט קרומע פיס — איז אַליין אַ קאַליקע אויפן קאָפּ...

* * *

וואו עס שטויסן זיך צוזאַמען ווינט מיט פייער, קאָכט טייער...

* * *

די טייערסטע לאָמפּן קאָנען ניט באַלויכטן אַ פינצטערן צושטאַנד...

* * *

מיט שרייען הויך, קאָן מען ניט דערהייבן שוואַכע געדאַנקען, און מיט קרעכצן קאָן מען ניט העלפן אַ קראַנקן.

* * *

דורך אָפענע מיילער פון שיך, רעדט אַרויס דער דלות...

* * *

מיט שווייגן — קאָן מען ניט איבערצייגן...

* * *

ווינטער אַ בוים אָן בלעטער איז נאַטירלעך. זומער אָן בלעטער — איז אַ דאָרן...

* * *

מיר האָבן הנאה פון די פריכט, ניט ווייסנדיג אָפט וועגן דער שיינקייט פון בוים...

* * *

אויף אַ קישן פון געלט איז שווער צו שלאָפן...

* * *

טרייבסט אַוועק די פליג פון ברויט, טרעפסטו איר אויפן טאָרט...

* * *

מ׳קאָן אָפּשטופּן אַ מאַלצייט מיט אַ ביינדל, ווען — ווען עס שלעפּט זיך נאָך אַ שטיקל פליש...

* * *

די שיינקייט פון אַ אידעאַל, קאָן מען נאָר באַווייזן מיט מעשים...

* * *

ער לעבט מיט גאָט'ס חסד, נאָר — מ'מז אַלע מאָל זוכן אַ גמילת חסד...

* * *

ער איז אָפגעריסן ווי אַ געלע בלאַט, נאָר דער ווינט טראָגט עס...

* * *

דורך קליינקייטן קאָן מען אָפט זען די גרויסקייט פון אַ מענטשן, און — אויך די קליינלעכקייטן...

* * *

אַ געזעלשאַפטלעכער איבל — איז אַ וואונד וואָס עס איז נויטיג אָפט אַ קראַץ צו טאָן...

* * *

אַ ביוראָקראַט בויט זיין כוח אויף דעם, וואָס ער ווייסט, אַז דער צווייטער וועט האַנדלען מענטשלעך...

* * *

אַ גאָט'ס גנב איז ניט פרום, ווי אַ קראַפּיווע איז ניט קיין בלום...

* * *

דער קאַלענדאַר ווייזט די דאַטעס, אָבער צאָלט ניט די ראַטעס...

* * *

דער זייגער ווייזט די צייט, אָבער קאָן ניט בייטן די צייטן...

* * *

ער מאָלט זיך אין די וואָלקנס שאָף און רינדער,
און אין הויז פעכנען ווייב און קינדער...

* * *

זיי ניט קיין האָן און ניט שטופּ זיך אויבן־אָן.

* * *

פון אַ טיר אַ סקריפּ און פון אַ האָן אַ קריי, קאָן ניט ווערן קיין צוויי...

* * *

זיין פאַרמעגן איז ציילן טראָפּנס פון רעגן און מייל־שטיינער אויף די וועגן...

* * *

צו אַ פוסטער קעשענע, העלפט ניט קיין לאַנגע האַנט...

* * *

אויף מים — זאָגט מען ניט לחיים...

* * *

ער האָט ניט געמאַכט זיין פאַרמעגן פון שלח־מנות טראָגן, און ניט גע־קראָגן „מתנות“ פאַר תהילים זאָגן...

* * *

זאָל מיר אַזוי דאָס פיש־קאָפּ ניט דאַרן ווי מיר פאַנגט ניט אָן צו אַרן...

* * *

זאָל איך אַזוי פירן מיין ווייב צו דער אַרבעט, ווי איך זאָג דיר דעם אמת...

* * *

ווען ער דערציילט איך אַ ליגן, קאָנט איר גלייך דעם אמת קריגן...

* * *

אויפן וועג פון דורכפאַל טרעפט מען אָפט דעם וועג־ווייזער צו דער־פאָלג...

* * *

דער וואָס באַגראָבט — דער באַוויינט ניט...

* * *

ער איז פון יענע אידן, וואָס טראַכטן נאָר ווי זיך צו קרימט־אַליזירן...

* * *

ליבע איז זייער אַ איידעלע זאַך. נאָר די יוגנט ווייסט ניט ווי זיך אָפּצו־געבן מיט דעם, און די עלטערע מענטשן האָבן ניט קיין צייט און קיין כוח...

* * *

צוליב העפליכקייט פאַרלירט ער אַלע מאָל זיין „נעקסט“...

* * *

אַלע מענטשן זוכן גערעכטיקייט און יעדערער דענקט, אַז ער איז גע־רעכט...

* * *

הינער־אייגן דאַרפן ניט קיין אויגן־גלעזער און קאָנען זיך באַגיין אָן שלאָפן...

* * *

אין דער גאַנצער וועלט פלאַסטערט מען וועגן מיט צעמענט, ציגל, שטיי־נער און פעך. פאָליטישנס פלאַסטערן אָבער זייערע וועגן — מיט פאַלשע צוזאָגונגען...

* * *

אַז זיין זיידע האָט געקאָנט לערנען, זיל ער פסק׳ענען שאלות...

* * *

ער האָט פיינט דורכצולעבן אַ נסיון, ווען עס קומט צו עסן, טרינקען און פרויען...

* * *

דער אויטאָמאָביל איז דער גרעסטער חוצפה'ניק — ער קריכט אַלעמען אויפן קאָפּ...

* * *

ער איז געוואָרן אַן אשת'ער גביר — פון פאַלשע געשעפטן...

* * *

די קנייטשן אויפן פנים ווייזן אַן אנדער חשבון אין די יאָרן ווי די מעטריקעס...

* * *

ער טרינקט ווי אַ פיש — נאָר ביינצ'יגער...

* * *

פון אַ קראַנק האַרץ ליידעט דער בעל־דבר פון האַרצן, פון אַ שלעכט האַרץ — ליידן אַנדערע מענטשן...

* * *

שפּאָר זיך ניט אָן אָן אַ שוואַכן — זיך גרינגער צו מאַכן...

* * *

ביי נאַראָנים, זעט מען די סימנים אויפן פּנים, ביי דעם קלוגן — אין זיין האַנדלען און פירן ..

* * *

די מוראַשקע פאַרגרייט זיך מיט אַ קרישל אויף אַ בויט. די וועווערקע — מיט עטלעכע ניסלעך אויף אַ הונגער־צייט. נאָר ביים רייכן געלט — איז קנאַפּ די וועלט...

* * *

דער וואָס פאַרמאַכט די טיר פאַר אַ פריינט, קאָן ניט עפענען די אויגן פאַר מענטשן..

* * *

דער רייכסטער באַזיצער, האָט קעגן טויט ניט קיין באַשיצער...

* * *

אָרעם און רייך לאָזן איבער אַ ירושה גלייך. אַלע מאַיאָנטקעס און געלט — בלייבט מיט דער וועלט...

* * *

דער רייכער שרייט, ער האָט צופיל צינזן; דער אָרעמאַן שרייט — צו שיטער די לינדזן..

דער וואָס טראָגט זיך מיט האָס צו מענטשן, קאָן אין אַ מזומן ניט בענטשן...

* * *

ער האָט ליב אַ וואָשנע עליה, נאָר זיין שנדר — איז שה־ע־פיהע...

* * *

דער שיינער לעבן ליגט אַרויף אויפן מענטשן שווערע פעקלעך, און דער מיאוס׳ער טו־ט באַפרייט אים פון זיי — דאָך מוחל די טובה...

* * *

ווען דו קלעטערסט צום באַרג אויפן קאַרק, נוץ אויך קאָפּ — ווי וועסטו אַראָפּ?...

* * *

ווען אַ גנב איז בודק, ווערט די הויז ליידיג...

* * *

דער וואָס וואַרפט די שמוץ ביים טיר, קריגט דער דעם ריח דורכן פענצטער...

* * *

יעדער איינער זוכט אין בוך אַנדערע נוצן. די מילב האָט ליב צווישן די שורות — דאָס פּאַפּיר. די מויז — דעם פעטן רוקן מיט קליי. דער מענטש — זוכט דעם געדאַנק...

* * *

איינער ווערגט זיך מיטן ביסן, און איינער ווערגט זיך מיטן קאָבלעפל...

* * *

ווער עס לאַכט, און ווער עס שמאַכט...

* * *

אפילו פון טויזנט קעץ קאָן מען ניט מאַכן קיין „מינק־מאַנטל״...

* * *

דאָס איז אַהאַ קאַלופאַילי, אַז ביז ער וועט זיך אויסקלייבן צו שטאַרבן, וועט שוין זיין דער גאַנצער בית־עולם פאַרנומען..

* * *

דאָס איז שוין איין מאָל אַ פראַנט — האַלט אַ טיכל אין טאַש און ווישט די נאָז מיטן האַנט...

* * *

זיי האַלטן זיך ווי אַנדערע צוויי: זאָגט ער אַי — זאָגט זי ווײַ..

* * *

פּאַר לייטן גלעט מען זיך, און צען מאָל אַ טאָג גט מען זיך...

* * *

די אָרעמעלייט האָבן אַ גרויסע מאַיאָריטעט, נאָר זיי קאָנען ניט געווינען, ווייל זיי לאָזן די רייכע ציילן...

* * *

זיי ניט קיין „קנאַקער" אויף ביינער — מיט פרעמדע ציינער...

* * *

שאַץ ניט אַ מענטשן לויטן בייטל, נאָר — וואָס ער קען אָנווייזן מיטן טייטל...

* * *

אויף דיינע קלאָץ־קשיא'ס, קאָן דיר נאָר אַ האָלץ־העקער ענטפערן...

* * *

מ'ט פּאַפּיר קאָן מען אָנצינדן אַן אויוון, אָבער מ'קאָן אים ניט מאַכן וואַרעם...

* * *

ביי גאָט האָט ער ניט קיין מאַכט, און אַליין עפּעס טאָן, האָט ער קיינמאָל ניט געטראַכט...

* * *

דער אָדלער איז דער קעניג פון אַלע פויגל. דער לייב איז דער קעניג פון אַלע חיות. און ביי מענטשן — איז דער קעניג אַלע מאָל אַן אָנשיקעניש..

* * *

וואָס גרעסער ס'איז דער באַרג, אַלץ מערער טראָגט אים צו דער ווינט נאָך...

* * *

ער גייט אַרום ווי אַ וואָלקן — שטענדיג אָנגעכמורעט און שטענדיג אָבגעטרונקען...

* * *

דאָס פויגל האָט בעסער ליב איר קליינע נעסט, ווי זיין ביים מענטשן אין אַ גרויסע שטייג אויף קעסט...

* * *

ווען דער רייכער פאַרכאַפּט די ערשטע פּלעצער צו ליגן אויפן בית־עולם, פאַרשטיי איך, קומט דאָס אים. אָבער פאַרוואָס קומט אים צו זיצן אויבן־אָן אין שול ?...

* * *

ווי שרעקלעך דער טויט זאָל ניט זיין, איז ער דאָך ביי אַלעמען די לעצטע זאָרג ..

* * *

מ'קאָן זיין אַ גרויסער קענער מיט אַ הויכן באַגריף, און דאָך — אין דר'ערד ליגן טיף...

* * *

אַ וואונדער וואָס די זון שיינט אַזוי? — ווינטער געפינט זי זיך אין פלאָרידא און זומער — אין שענסטן רעזאָרט פּלאַץ...

* * *

האָב שטענדיג אינזינען דעם צווייטן, ווייל עס קאָן דיר אויך אויסקומען צו זיין דער צווייטער...

* * *

ער קומט דער לעצטער צו אַ פאַרזאַמלונג, אָבער דער ערשטער צו אַ באַנקעט...

* * *

אויף אַלץ האָט ער גרויסע אויגן. נאָר אויף אומערלעכקייט פאַרמאַכט ער אַן אויג...

* * *

ער שפּיצט אָן אַן אויער פאַר שמד־שטיק, נאָר האַלט טעמפּ זיין קאָפּ עפּעס צו לערנען...

* * *

איבערגעוואַלד ווערט דער מענטש געבוירן און איבערגעוואַלד שטאַרבט ער, נאָר — אינצעווישן דאַרף ער געוואַלדעווען צו מאַכן אַ שטיקל לעבן...

* * *

דער שטענדיגער קאַמף פון דעם מענטשן: מאַכן אַ לעבן און — מ'זאָל אים לאָזן לעבן...

* * *

צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט, און איין מאָל מוז מען...

* * *

דער טויט איז ניט אַזוי שרעקלעך ווי מ'מאַכט אים. מיר זעען דערווייל אַלע שרעקלעכע צרות ביי די לעבעדיגע. ווען ביי די טויטע — איז שאַ, שטיל...

* * *

מיטן מלאך־המות קאָן מען קיינמאָל ניט געווינען. ער האָט שטענדיג אַ מאַיאָריטעט...

* * *

ער געהערט ניט צו די, וועלכע שרעקן זיך פאַרן טויט. ער גייט שוין אַרום אַ מת פון יאָרן...

* * *

דער טויט קלייבט ניט איבער, דאָך כאַפּט ער זיך ניט אַזוי גיך צום גיבור...

* * *

ער עסט ווי פאַר אַ קרענק, ווייל נאָך אַזאַ פרעסן מוז מען קראַנק ווערן...

* * *

טויטע קאָנען ניט העלפן, זיי קאָנען אָבער אויך ניט קאַליע מאַכן...

* * *

אַ שיינע פרוי, ווי אַ גוטע קלייד, דאַרף ניט קיין סך פוץ...

* * *

קיין יענע וועלט איז ניטאָ און מיט דער וועלט איז מען שוין אויך ניט זיכער...

* * *

היינטיקן דאַרף אַ מענטש אין די יאָרן ווען ער קאָן נאָך זיין איבער־קלייבעריש...

* * *

ער קאָן עסן פאַר צוויי און ניט פאַרדינען פאַר איינעם...

* * *

אַרום אַ גרויסן אויוון שטופן זיך אַ סך הענט צו וואַרעמען...

* * *

דער וואָס פרואווט נוצן אַ צוויינטנס אַקסל פאַר אַ לייטער צו דערפאָלג, קאָן אויך פאַרקויפן זיין נשמה פאַר אַ נרעסערן ציפער אין זיין באַנק־בוך...

* * *

ער האָט אַזאַ הנאה פון פיינט האָבן מענטשן, אַז ער האָט שוין פון זיינע אַלע פריינט — געמאַכט פיינט...

* * *

זייער ווייניג מיליאָנערן קאָנען זיך גרויסן און אָנווייזן אויף זייערע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט, ווי אויף זייערע פאַרדינסטן — פון דער מענטשהייט...

* * *

ווען אַ שטיין לאָזט זיך „הערן", איז אַ סימן, אַז ער ליגט אין אַ נוזשניק...

* * *

אַ קבצן קאָן זיך ניט אָנשפּאַרן אויף מזל, ווי אַ שכור אויף קוליעס...

* * *

ער איז אַ „באַרימטער" וואָרטסמאַן, וואָס האַלט שטענדיג זיין וואָרט — ווייל קיינער וויל זיין וואָרט ניט נעמען...

* * *

נאַרישקייט — קאָן מען קריגן בירושה, אָבער אַ ביוראָקראַט — איז אַ „סעלף מעיד מען"...

* * *

אָדם איז אַ מענטש, נאָר ער איז מער ווי אַ אָדם — אַ פּרא־אָדם...

* * *

גליקלעך איז דער מענטש וועמען עס שפּילט צו דער מזל, אַליין שפּילט ער צו אין וואָל־סטריט און דער טאַטע שטעלט אים אָפּ אַ רייכע ירושה צו קאָנען באַצאָלן פאַר שפּילן ליבע...

* * *

שכור און שקר — פאַרדרייען שטענדיג אַ קאָפּ...

* * *

דעם אמת קריגט מען פאַרטיג, דעם ליגן דאַרף מען ערשט אויסטראַכטן און דאָך — איז דער ליגן אַזוי פּאָפּולער...

* * *

ביי דעם וואָס בויט אויף זיין זכרון, גייען אַ סך חובות פאַרלאָרן...

* * *

מיט אַ פאַרזשאַווערטן מעסער מאַכט מען ניט קיין אָפּעראַציעס — אויפ'ן דלות מאַכט מען ניט קיין ליציטאַציעס...

* * *

פאַרמעסט זיך ניט אין דיין אַרבעט מיט אַ מאַשין, — אַ מענטש קאָן ניט גיין אויף רעדלעך...

* * *

לייענען געשיכטע און געשיכטע מאַכן, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן...

* * *

אין צעריסענע שיך זיינען ניטאָ קיין פענצטער, אָבער מ'זעט דעם דלות...

* * *

פאַרנעם זיך מיט דעם וואָס דו קאָנסט, ווייל אויף ניט קאָנען זיינען פאַראַן אַ סך בעלנים...

דער וואָס דערציילט וועגן זיך אַליין וואונדער, איז קיין וואונדער ניט, וואָס קיינער ווייסט דאָס ניט...

* * *

מאַכט געפּעלשטע מינץ און לעבט ווי אַ פּרינץ...

* * *

די וויסנשאַפטסלייט האָבן חעם שליסל צום הימל. דער פּויער האָט דעם שליסל צו דער ערד און דער רייכער האָט דעם שליסל צו הער קאַסע...

* * *

ער האָט גענומען אויף קעסט אַן איידעם, ליגט ער אַליין אויפן בוידעם...

* * *

ער ליידט נעבעך פון זכרון: ער קאָן ניט פאַרגעסן אַן עוולה, וואָס איי־נער האָט אים געטאָן מיט יאָרן צוריק...

* * *

לויט זיינע רייד איז דאָס אַ כשר'ע בהמה, און לויט זיינע האַנדלונגען — אַ טריפה'נער ביין...

* * *

שרייאיגע קליידער ווען דעם מענטשן שענער ניט מאַכן. עס העלפט אָבער — פון אים צו לאַכן...

* * *

ווען אַ רייכער גיט צדקה האָט ער ליב עס זאָל דריי מאָל קלינגען מיט דעם. ערשטנס, ווען ער נעמט אַרויס דאָס געלט פון קעשענע; צווייטנס, זאָל קלינגען מיט דעם דער, וואָס קריגט די צדקה, און דריטנס, זאָל די גאַס קלינגען מיט דעם...

* * *

מיט קראַנקע פיס איז שווער צו שטיין. אויף קרומע וועגן איז געפער־לעך צו גיין...

* * *

די זון קאָן אויך שיינען אין צעבראָכענע פענצטער...

* * *

אַז מ'אַרבעט ווי אַ פערד קאָן מען ניט לעבן ווי אַ מענטש...

* * *

ער איז אַזוי אומגעלומפּערט, אַז ער נוצט ביידע הענט צו מאַכן אַ פייג...

* * *

ביי איגענע האָט ער קיין פנים ניט, און ביי פרעמדע איז ער צוויי־פנים'דיג...

* * *

ווי גיך דער מענטש ווערט נאָר געבוירן, ווערט ער גליך פאַראורטיילט צו טויט־שטראָף...

* * *

מיט אַ נאַר איז מען מער־ווייניקער זיכער, אַז ער וועט בלייבן דאָס וואָס ער איז — אַ נאַר.

מ׳קאָן אָבער קיינמאָל ניט זיין זיכער מיט די קלוגע — ווייל גאַנץ־אָפט באַנאַרעשן זיי זיך...

* * *

זיי זיינען טאַקע גלייכע בירגער, ווי דער מאָנטאָג מיט׳ן שבת אין איין וואָך, נאָר — דער מאָנטאָג האָט אַלע מאָל אַ תענית בשעת דער שבת האָט קוגעלעך...

* * *

ער אַרבעט ניט ביים האַלץ און האָט פאַרשטאָכענע פינגער... ער גייט ניט אין אַ ווינט, און האָט פאַרשטאָכענע אויגן...

* * *

ער איז מיך פאַרבייגעלאָפן, ווי איך וואָלט אים גערופן ביי זיין ריכטיקן נאָמען...

* * *

צו דערקאָנען אַ נאַר, מוזט ניט ווערן אַ נאַרישער מבין. כאַפּ מיט אים אַ שמועס, וואַקסט אַרויס דער נאַר ווי אויף הויוון...

* * *

ער איז אַזוי פויל, אַז מען בעט אים עפּעס טאָן, בוילט ער זיך אפילו דאָס אָפּציזאָגן...

* * *

דאָס לעבן איז גרויזאַמער פון טויט. דאָס לעבן האַלט אין איין שרעקן מיט׳ן מאָרגן, בשעת דער טויט גיט שטענדיקע רו...

* * *

ער איז אַ גרויסער קאַליקע צו דער אַרבעט, אָבער ניט גענוג קאַליקע צו קאָנען לעבן אָן אַרבעט...

* * *

פאַר אַ קלוגן איז גענוג איין ווונק, אָבער ניט פאַר אַ שיכור — איין טרונק...

* * *

אַ ייִד קאָן ניט זען, כאָטש עס האָט הונדערטער אויגן. אַ מיל האָט פליגל און איז דאָך קיינמאָל ניט געפלויגן...

* * *

פון אַ שמעק און אַ לעק, קומט מען ניט צום דעק...

* * *

אַ ליגנער מוז אָפט בייטן זיינע פּרינצן, — אָדער זיינע טעמעס...

* * *

ער האָלט וואָסערדיקע רעדעס און האָט אַ שמוציקן מויל...

* * *

האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַן אַלראַיטניק צו אַ לוויה...

* * *

אויב איר וועט זיך פאַרלאָזן אויף אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע אָדער שלאָגן אַ כפּרה — וועט איר שטענדיג בלייבן מיט דער צרה...

* * *

דער עקספּלואַטאַטאָר און די קאָרופּטע פּרעסע אַרבעטן האַנט־איין־האַנט, ווי גאָפּל און מעסער: איינער האַלט און דער צווייטער שניידט...

* * *

ווען דער שפּיגל וואָלט געוויזן זיין כאַראַקטער, וואָלט ער געהייסן בייטן דעם שפּיגל...

* * *

אַז דו וועסט זיך אָפּקאָכן און ווערן פאַרטיג, דאַן וועל איך פון דיר קאָנען שניידן שטיקער...

* * *

זיי פּלאָנטערן זיך איינע מיט די אַנדערע, ווי די נאָדל מיט'ן פאָדים...

* * *

אַז דער טאָפּ איז ליידיג, איז דער מאָגן פּוסט; אַז מ'מאַכט ניט קיין קניפּל — גייט מען אומזיסט...

* * *

דער וואָס האָט ליב צו האַלטן די לייצעס, האָט פיינט צו הערן עצות...

* * *

ווי גיך עס פאַרמאַכן זיך די פאַבריקן — עפענען זיך די „טשאַריטיס"...

* * *

ער איז אַזוי רייך און איינפלוסרייך, אַז ער קאָן זיך שוין אַרויסדרייען אפילו פון צאָלן שטייערן...

* * *

ער האָט אַזאַ באַגער צו זאָגן גיכער קדיש נאָכ׳ן טאַטן, אַז ער טרייבט אים אַ לעבעדיגן אין דר׳ערד אַריין...

* * *

אַמאָל, ווען איינער האָט געטריבן פערד־און־וואָגן, איז ער געווען אַ בעל־עגלה, איצט איז דער גרעסטער טייל, וואָס טרייבט אַ קאַר — אַ בעל־חוב...

* * *

אפילו מיט אַ גאָלדענער נאָדל און זיידענעם פאָדעם קאָן מען ניט מאַכן פון סערמיגע — קיין זיידענע בגדים...

* * *

פון בייסן זיך די נעגל גייט ניט קיין בלוט; קרעכצן און אוי׳קען גיט ניט קיין מוט...

* * *

מ׳מוז אַכטונג געבן אויף אַן אידעאַל, ווי אַ פרומער איד אויף די תפילין — מ׳מוז דאָס „איבערקוקן" פון צייט צו צייט...

* * *

דאָס פנים פון אַ מענטשן איז אָפט אַ „מסור", וואָס זאָגט אויס ווי דער מענטש פילט. דער אָבער, וואָס איז אַ מסור אין האַרצן, איז צוויי־פנים׳דיג און האָט איינגאַנצן ניט קיין געפילן..

* * *

ניט אַלע מענטשן, וואָס וואַשן אָפּ זייערע הענט זיי זאָלן זיין ריין צום עסן, גיבן אַכטונג, אַז זייער ברויט זאָל זיין אַ ריין פאַרדינטער...

* * *

אפילו אַ פייער־וואָגן, וואָס לויפט ראַטעווען מענטשן פון אַ שריפה, דאַרף ניט פליען הפקר — ווייל דאָס קאָן דערווייל אומברענגען אַנדערע...

* * *

אין מיטן זומער קאָן קאַלט זיין דער וועטער, און אויף אַ בליענדיקן בוים קאָנען זיך געפינען געלע בלעטער.

* * *

ניט אַלעמאָל טוט דעם ווי, וואָס שרייט. אַ סך מאָל שרייט איינער צו פאַרטומלען די צוווייטאָגטע...

* * *

דער ווייזער פון זייגער איז שטענדיג אַזוי פאַרנומען מיט ווייזן אַלעמען די צייט, אַז פאַר זיך האָט ער ניט אַ מינוט צייט זיך אָפּצורוען...

* * *

פון בויען לופט־שלעסער, ווערט מען ניט קיין שלאָסער...

אַ קראַנק האַרץ קאָן מען זען דורך אינסטרומענטן, אַ גוט האַרץ — דורך מעשים...

* * *

אַליין איז ער אַ „וואָכערניק", און לעבט שטענדיק יום־טובדיק...

* * *

איינער פליט אין די הימלען ווי אַ סופּטניק, און אַ צווייטער ווערט צע־ריסן ווי אַן אונטערערדישער מיסיל...

* * *

ער איז פון די העלדן, וואָס קאָן צערייסן אַ לייב, אויב — ס'איז ניט געמאָלן אויף צו־שטאַרקן פּאַפּיר...

* * *

ניט גענוג, וואָס ער האָט ניט קיין שכל, נעמט ער נאָך עצות פון אַ נאַר...

* * *

ער איז אַזוי פּאָפּולער, ווי דער באַמענלאָזער סאָלדאַט...

* * *

שלאָג זיך ניט מיט אַ שוואַכערן, ס'איז ניט שיין. שלאָג זיך ניט מיט אַ שטאַרקערן, דו וועסט קריגן אין די ציין. און פון שלאָגן זיך מיט דיין גלייכן, וועסטו געוויס גאָרניט דערגרייכן...

* * *

פון אַ טייוול קאָן ניט ווערן קיין טייבל...

* * *

מ'פאַרברענט ניט קיין הויז — צו ווערן פּטור פון אַ מויז...

* * *

מ'קאָן אויספּוצן אַ שטיינדל וואָס זאָל שיינען ווי אַ דימענט, אָבער שניידן גלאָז מיט אים וועט מען אַלץ ניט קאָנען...

* * *

קוק ניט צום שפּיץ־באַרג, וואָס דו האָסט נאָך צו דערגרייכן, קוק צום טאָל — וועסטו זען וואָס דו האָסט שוין דערגרייכט...

* * *

אַ שיינער פּנים אָן שכל, איז ווי אַ שיינער טייסטער אָן געלט. שיין פאַר'ן אויג, נאָר פּוסט אינעווייניג...

* * *

דער וואָס טרינקט ווי אַ פיש, איז ניט קיין שיכור...

* * *

ער לויפט פאראויס ווי א ראקעט און איך דארף אים נאכלויפן ווי א ספּוטניק...

* * *

פון זאלץ־וואסער קאן מען נישט שטילן דעם דארשט, און פון קראפּיווע־בלעטער קאן מען ניט מאכן קיין בארשט...

* * *

ער לעבט פון פייפן אויף דער וועלט: דארף ער איך — פייפט ער צו איך, דארף ער איך ניט — פייפט ער אויף איך...

* * *

איך קלוגע אויגן מוזן אמאל אנקוקן נארישקייטן...

* * *

ער איז איבער רייכטום א ממונה — נאר פאר זיך פעלט חיונה...

* * *

דער געשעפטסמאן מאכט גאלד פון שמאטעס — דער ארעמאן, מאכט פון שמאטעס — לאטעס. .

* * *

א ווארעמע היים ווערט געבויט אזוי: פון געטריישאפט — דער פונדאמענט, פון צוגעבונדנקייט — די ווענט, פון קלארן אויגן־בליק — די פענצטער. און פון ליבשאפט — דער אויוון...

* * *

דער סקריפּ פון טיר לאזט צו וויסן די נאכלעסיגקייט פונ׳ם באלעבאס...

* * *

פאר ווען מאכן א גרינגן דאלאר קאסט דאס אמאל אפ שווערע הונדערטער...

* * *

צו באווייזן, אז ער איז ארנטלעך, וועט ער דארפן צען עדות, וואס זאלן שווערן פאלש...

* * *

פרוביר ניט רייסן פון א הונט א ביין, און א שארק — פארדעדן די ציין...

* * *

צו הויכע פאנטאזיעס דארף מען ניט קיין לייטער...

* * *

ער שטייגט אין זיינע געשעפטן ווי דער רויך אין קוימען, נאר — אלץ גייט אוועק מיטן רויך...

ער איז אַזוי צעדרייט ווי אַ פּראָפּען־ציער, נאָר עפענען אַ פלעשל קאָן ער ניט...

* * *

ער רעכנט זיך אָפּ בלויז מיט די, וואָס ווילן ניט באַרגן, אָבער מיט די, וואָס באָרגן אים — רעכנט ער זיך ניט...

* * *

ער איז פון די, וואָס מאַכן אַלע ווײַלע אַ „לחיים", ווײַל זיי זײַנען פאַר־ליבט אין לעבן...

* * *

אַנדערע מאַכן די המוציא און ער עסט...

* * *

אויך ערלעכע מענטשן קומט־אויס אַמאָל זיך צו באַנוצן מיט פאַלשע ציין...

* * *

קומט צום עסן, איז ער גאָרניט קיין זאַהיקע...

* * *

ווען דער שרײַבער טראַכט בײַם שרײַבן, טראַכט דער לייענער בײַם לייענען...

* * *

דער וואָס טראַכט נאָר פון זיך, פאַרמאָגט גאָרניט אין זיך...

* * *

ער איז פון די ליגנער, וואָס באַנוצן דרײַ ליגנס צו באַשטעטיגן דעם ערשטן...

* * *

ווען מען האָט אַ שטיינערן האַרץ בײַם לעבן, העלפט ניט קיין גאָלדענע מצבה נאָכן טויט...

* * *

די וועלט וואָלט זײַן גליקלעך<br>און גוט וואָלט געווען אָן אַ שיעור,<br>ווען יוגנט איז ניט בלויז פאַר קינדער,<br>און רײַכקייט — ניט בלויז פאַרן גביר...

* * *

אַ הון קאָן לייגן אייער, אָבער קאָן ניט מאַכן קיין פּיינקוכן...

* * *

עס איז גרינג צו פאַנטאַזירן — נאָר שווער צו פירן...

ווען צוויי נאַראָנים רעדן צווישן זיך מעגן ביידע זאָגן: רעד ניט קיין נאַרישקייטן און — זיי וועלן זיין גערעכט...

* * *

פון דערפאָלג צו אַ דורכפאַל איז אַ קורצער וועג, און דאָך באַצאָלט מען אַזאַ גרויסן פּרייז...

* * *

דער נאַר ווערט מיט געלט אַ גאַנצער חכם און קלוגע מענטשן פאַרלירן אָפט צוליב געלט זייער פאַרשטאַנד...

* * *

מיט שיינע אילוזיעס קאָן מען זיך אויסמאָלן פּאַלאַצן מיט גאָלדענע שלעסער, נאָר זיי אויפצושליסן מוז מען האָבן דעם שליסל פוןווירקלעכ־קייט...

* * *

זינט ער איז אַריין אין די גרויסע שיך, איז דאָס היטל אים געוואָרן צו קליין פאַר זיין געשוואָלענעם קאָפּ...

* * *

ווי גיין מ׳גייט נאָך אים — זינגט מען אים שבחים...

* * *

מאַך ניט דיין גליק וואָכעדיק, ווייל גליק שיינט נאָר אין יום־טוב־טעג...

* * *

לערנט ניט אַ צוויטן ביים עסן קיין מאַניערן, ווען דאָס מויל איז פאַר־נומען, קאָנען די אויערן ניט הערן...

* * *

דער וואָס דענקט, אַז ער איז ציוויליזירט הערמיט וואָס ער עסט מיט גאָפּל, לעפל און מעסער — איז בלויז אַ פרעסער...

* * *

פרוואו זיך ניט פאַרלאָזן, אַז די צייט וועט שוין אַלץ ברענגען. געדענק שטענדיק, אַז אויך די צייט פון זייגער מוז מען אָנציען, אָנדרייען און אָנ־שטעלן — וואָס פאַר אַ צייט מ׳וויל האָבן...

* * *

ביינאַכט רופט ער זי גוטין און בייטאָג רופט ער זי גט׳ן...

* * *

דער משל פאַר אַ רעדנער איז ווי די וויאָסלע פאַר׳ן שיף־פאָרער: ער קאָן זיך מיט דעם אַ קירעווע טאָן...

פון אַ זומפּ קאָנען אפילו דימענטן ניט אַרויסשײַנען...

* * *

דער וואָס פאַרטרינקט זיך אין שנאַפּס קאָן פון בעסטן שווימער ניט ווערן געראַטעוועט...

* * *

דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט געגן אַ גוטער פאָרשטעלונג אין טעאַטער, ווײַזט אַרויס דער וואָס כראָפּעט בײַם שפּילן מיט אַ פײַף...

* * *

ער איז ניט אַזוי שלעכט ווי איר דענקט וועגן אים, אָבער ניט אַזוי גוט ווי ער רעדט וועגן זיך...

* * *

ער איז אַזוי צוריקגעהאַלטן, אַז ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן גאַנצע צען יאָר ניט אויסצוזאָגן, אַז ס'איז אים געוואָרן אַ זעכציגער...

* * *

ער איז אַ פירער פון יענע מאַטראָזן, וואָס פירן די שיף וואו די ווינטן בלאָזן...

* * *

ער דערציילט דיר אַ ליגן מיט אַזאַ איבערצייגונג, אַז ער קאָן זיך שווערן ס'איז אַן אמת...

* * *

ער איז פון די אײַדעלע מענטשן, וואָס זאָגן „ביטע״ — אפילו ווען ער פירט צו דער שחיטה...

* * *

די מטבע האָט טאַקע צוויי זײַטן. ער איז אָבער אַ פאַלשע מטבע אַרום־און־אַרום...

* * *

וואָס איר זאָלט וועגן אים ניט זאָגן — האָבן שוין אַנדערע געזאָגט...

* * *

ליג ניט אָפּ דײַן אַרבעט פון הײַנט אויף מאָרגן, ווײַל דער מאָרגן וועט דיך מיט נײַער אַרבעט באַזאָרגן...

* * *

ער איז צעבראָכן אין לעבן, צעבראָכן אין געזונט און פאַרמאָגט ניט קיין צעבראָכענע פּרוטה...

* * *

פון שמוץ — מאַכט מען ניט קיין פּוץ...

פרואיו ניט „אפּוּאשן" אַ צווייטן, ווען דו ביסט אַליין ניט קיין „געוואשענער"...

* * *

דער פיש איז שטום אין וואַסער, אָבער — ער לאָזט זיך אָפּט „הערן" אויף דער יבשה...

* * *

ס'איז מער ווערט אין וואָר אַ שפּענדל, ווי אין חלום אַ רענדל...

* * *

דער קולטור־מענטש דאַרף זיין אָפּגעהיט פון אַ גראָב־וואָרט. אָבער דער גראָבער־יונג פאַרשפּאָרט צו היטן זיך פון אַ קולטורעלן וואָרט. ער ווייסט ניט ווי מ'עסט דאָס...

* * *

אַ שוואַכן צו העלפן — ליג צו דיינע הענט. נאָר לייג ניט צו קיין קנייטל — דאָרט וואו עס ברענט...

* * *

אומפּאַרטייאיש קאָן זיין נאָר אַ בריק איבערן טייך: זי מוז זיך פאַרהאַלטן צוביידע זייטן גלייך...

* * *

ער פאַרמאָגט אַ נאַר אין קעפּל און אַ וואָרעם אין עפּל...

* * *

עס וועט דיר ניט העלפן קיין פּלאַסטישע כירורגיע, דו וועסט ביי מיר בלייבן מיט אַ לאַנגע נאָז...

* * *

ער איז אַזוי אָרעם אין וויסן, אַז ער ווייסט ניט אפילו ווי רייך ער איז...

* * *

ער איז פון די מענטשן, וואָס ווייסן ניט פון איפּערזיכט. ער זעט בלויז, אַז אַנדערע זאָלן זיין איפּערזיכטיג אויף אים...

* * *

אַ סך פירער דערגרייכן זייער מאַכט דורך צוויי וועגן: דורך עלענבויגנס מיט פּוטער און — דורך עלענבויגנס פון שטאָל...

* * *

ער האָט אַלעמען ליב, נאָר זיך אַביסל בעסער. ער גיט אַלעמען אַ גלייכן חלק, נאָר זיך — אַביסל גרעסער...

אַנשטאָט געבן מיט זיין רעדן אַ טאָן, רעדט ער מאָנאָ־טאָן...

* * *

לעבט פון גנבה, און גיט זיך אָן אַ בעל־טובה...

* * *

בעט אַ לעפל — און נעמט אַ שעפל...

* * *

ווען צוויי עסן פון איין טעלער, זאָל אַ דריטער ניט וויזן זיין וועלער...

* * *

ווייטאָג און צער, האָט דער קלוגער ווי דער נאַר...

* * *

דער רייכער ווי דער אָרעמאַן: ווען ער לאָזט אַ טרער, וועגט עס ניט מער...

* * *

אויף דער מאַפּע ווייסט ער אויסנווייניק יעדן אָרט, נאָר ביי זיך אין שטוב — ניט פון דאַנען ביז דאָרט...

* * *

זוך ניט קיין באַשיצונג אונטער אַ פאַלנדיקער וואַנט, און דערוואַרט ניט קיין הילף פון אַ פאַרמאַכטער האַנט...

* * *

ער איז פון די רעדנער, וואָס זאָגט אַמאָל אַ וואָגיג וואָרט ווען ער רעדט וועגן — שטיינער...

* * *

שווער צו מאָנען בושה ביי אַ מענטשן, וואָס האָט די בושה פאַרלאָרן...

* * *

ער שטייט אויף אַ זאַמדיגן באָדן. שיט זאַמד אין די אויגן, נאָר — עפּעס בויען אויף דעם קאָן מען ניט...

* * *

ער איז פון די אידן, וואָס פרייטאָג מאַכט ער אַ צימעס, נאָר שבת איז ביי אים קיין צימעס ניט...

* * *

ווען עס „צעוואַרטלען" זיך שטאָל און שטיין — רעדט דאָס פאַר זיך אַליין...

* * *

דער דריק פון אַ מאַמען איז ליב און גוט. דער דריק פון אַ בלוט־זויגער — איז שווייס און בלוט...

ער האַלט זיך אַזוי גרויס ביי זיך, אַז אַלע זיינע הויזן ווערן אים קורץ...

* * *

ער איז ווי אַן אַטאָמאַטישע מאַשין, וואָס גיט מילך און האָט אפילו ניט דעם שכל פון אַ בהמה...

* * *

ער האָט ליב שטענדיק צו מאָנען פּינקטלעכקייט, נאָר ער איז קיינמאָל ניט פּינקטלעך צו קומען אין צייט ווען אומפּינקטלעכקייט איז אויף דער טאָג־אָרדענונג...

* * *

אײדער מ׳באַגרייפט, וואָס מיינט יונג זיין,
ווערט מען גרוי שוין און אַלט.
און ווען ס׳איז דער פייער שטאַרק נויטיג,
ווערט דאַן דער אויוון גאָר קאַלט...

* * *

דער וואַלד זעט אויס אַזוי שיין און ריזיק שטאַרק, ווייל אַלע ביימער האַלטן זיך צוזאַמען...

* * *

אַ פירער וואָס פאָלגט ניט נאָך אַ געזונטע ליניע — מוז סוף־כל־סוף אַראָפּפירן פון וועג...

* * *

ווען די בהמה דערגרייכט צו די הייך אויפן בוידעם, איז איר העכסטע דערגרייכונג...

* * *

ער קאָן ניט פאַרנעמען דעם אמת, ווייל ער איז פאַרנומען מיט שקר...

* * *

דאָס זיינען צווייי — ווי זויער־זאַלץ מיט טיי...

* * *

ביילן אַ פויסט מיינט כעס: מאַכן אַ פייג — איז אַמאָל כלומר׳שט שפּאַס...

* * *

אַ נאַר גלויבט אַלץ, חוץ — ווען מ׳זאָגט אים, אַז ער האָט ניט קיין שכל...

* * *

דער וואָס פּרוּווט זיך גרויסן מיט שאַרפקייט, ווייזט אָפט זיין טעמפּ־קייט...

די וואָס האָבן פיינט צו וואַשן כלים, זאָלן ניט לאָדן צו זיך קיין עולם...

* * *

אין דעם געיעג צו כאַפּן גליק, באַצאָלט מען אָפט דעם פּריז מיט אַן אומגליק...

* * *

ער איז פון די מענטשן פון וועמען אַלע ווייכן...
נאָר אין שפּיגל זעט ער זיינס גלייכן...

* * *

דאָס קראָקען פון זשאַבעס איז ניט קיין געזאַנג,
און דאָס הירזשען פון פערד — קיין געלעכטער קלאַנג...

* * *

דער וואָס איז גרייט צו צאָלן גרויסע פּראָצענטן, טראַכט שוין גלייך ניט צו צאָלן דעם קרן...

* * *

גייט אַרויס מיט געפּוצטע נעגל און האָט אין אַלע זיינע שמוציקע הענט...

* * *

האָט אַ מויל אויף שרויפן און אין קאָפּ פעלט אים אַ שרייפל...

* * *

ער זאָגט אַמאָל אַן אמת, ווען ער איז זיך מודה אויף אַ ליגן...

* * *

טוסט עפּעס, זע צו מאַכן גוט און שיין,
שלעכט — וועט זיך שוין מאַכן אַליין...

* * *

בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק, רעדט ווי אַ פּאַפּוגאַי און האַנדלט ווי אַ חזיר. .

* * *

ער איז אַ אַזאַ פלוידערזאַק, אַז אַ „סאַיקאַיעטריסט“ וואָלט פון אים אַליין געקאָנט מאַכן אַ לעבן...

* * *

ער איז שוין איין מאָל אַ בעל־מלאכה — אַ מאָרע־מאַכער ביי תכריכים...

* * *

וואָס איך זאָלט וועגן אים ניט זאָגן — אָבער ס׳איז קלאָר, אַז ער איז ניט קיין פלאָקן: ער קאָן עסן פאַר דריי מענטשן...

* * *

יאָ, ברודערל, ס׳איז הכל הבל — ווען ס׳איז ניטאָ קיין קין (קאַיען)...

* * *

פון אַ צעבאַלעוועט קינד האָט מען צרות קליינערהייט; פון אַ נאַריש קינד — דאָס גאַנצע לעבן...

* * *

ווען אַן אינשורענס־אַגענט קאָן אייך ניט איינרעדן צו נעמען אַ פאַר־זיכערונגס־פּאָליסי, דאַרף ער זיך פאַרזיכערן מיט אַן אַנדערן פאַך אין מאַכן אַ לעבן...

* * *

ער איז פון די געסט, וואָס קומט באַרגן געלט און זיך אָנוואַרעמען אין אַ קעלט...

* * *

בלויז אַ שפּין קאָן אויסוועבן אַזאַ „ווידענעם מענטשן"...

* * *

ווען אַ פּאָליטישן רעדט שוין אפילו מיט באַק־ציינער, שטשירעט ער אויך די ציינער מיט חניפה־רייד...

* * *

פאַררייס ניט די נאָז ווען דו ביסט אויף אַ הויכן שטאַפּל פון דערפּאָלג, ווייל דער וואָס האָט דיר געהאָלפן אַרויפקריכן, קאָן אויך העלפן אַראָפּ־וואַרפן...

* * *

פון אַן איבערגעטריבענעם אמת קאָן אָפט אַרויסקומען אַן אמת׳ער ליגן...

* * *

מלחמות זיינען שענדלעך ניט בלויז מיט דעם, וואָס מענטשן ווערן גע׳הרג׳עט, נאָר — אויך מיט דעם, וואָס מענטשן ווערן נאָך באַלוינט מיט מעדאַלן פאַר אומברענגען מענטשן...

* * *

מ׳באַוואונדערט איינעם, ווען מ׳זעט ווי ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער־פאָלג; קיינער האָט אָבער ניט באַמערקט די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט אויפ׳ן וועג צום דערפאָלג...

* * *

דער, וואָס ווייסט ווי אַזוי זיין געזונט צו שפּאָרן, קריגט אַ פיינעם פּראַ־צענט אין לויף פון יאָרן...

* * *

ער איז פון די, וואָס פאַרלירן דאָס לשון, ווען זיי דאַרפן געבן אַ גראַשן...

* * *

אין ריידן איז ער אַ תם, נאָר ביי דער אַרבעט — איינגאַנצן אַן טעם...

* * *

מיט אַ זאַטן מאָגן איז גרינג צו וואַרטן אויף משיח'ן...

* * *

עס וואָלט זיין אַ וואונדערבאַרע דערפינדונג, דער מיסיל — ווען ער זאָל נאָר ניט מאַכן פון דער וועלט קיין מת'ל...

* * *

פון וואָלוועלער סחורה קאָן מען ניט מאַכן קיין טייערע קליידער, מיט מרור און מכות קאָן מען ניט פּראַווען קיין סדר...

* * *

ויפיל איינער זאָל מיט זיין רייכקייט זיך ניט האַלטן גרויס, וועט ער אַלץ פון דער וועלט קיין גביר ניט אַרויס...

* * *

ער קאָן ניט איבערציילן זיינע צען פינגער פן די הענט, אָבער אויף באַצאָלן יענעם מיט אַ פייג איז ער אַ גאַנצער בעל־חשבון...

* * *

ער האָט ליב צו געניסן דאָס שענסטע, אָבער פאַרדינען אפילו ניט אויף דאָס קלענסטע...

* * *

ער איז פון די פרעסער וואָס האַלטן שטאַרק פון קאַיען (קין), און פאַר'ן ביסן איז ער גרייט צו הרג'ענען זיין ברודער הבל...

* * *

פּראַווע ניט מיט אים קיין הינטישע שטיק, ווייל אַז מ'דאַרף קאָן ער אויך בייסן...

* * *

היינטיקע צייטן קאָן מען גרוי ווערן פון פאַרשיידענע זאַכן: פון אַלט־קייט, פון זאָרג, פון שרעק און — פון ניט פאַרבן די האָר...

* * *

ער עסט ווי אַ פריץ און רעדט ווי — אַן עם הארץ...

* * *

ער האָט ליב צו געבן לשון, נאָר וואָס ער זאָגט — איז ניט ווערט אַ גראַשן...

* * *

ער איז פון די דיפּלאָמאַטן, וואָס פאַרקויפן זייער נשמה צום טיוול, כדי צו באַווייזן, אַז דער טיוול האָט אויך אַ נשמה...

* * *

ער איז פון די מענטשן, וואָס אויף יעדער גלייכער זאַך מאַכט ער אַ קרומע מינע...

* * *

דער וואָס רעדט שטיל, מיט געפיל, דערגרייכט דעם ציל...

* * *

ניט לויף אויפן באַרג צו הויך, וועסט בלייבן אָן כוח. און ניט לויף פון באַרג אַראָפּ, קאָנסט ברעכן דעם קאָפּ...

* * *

פּרוביר זיך ניט באַרימען אין שווימען, ווייל כוואַליעס אונטערהאַלטן ניט קיין טאַליעס...

* * *

יעדער פאַרברעכער האָט פאַרטיידיגער, און — קאַניבאַלן האָבן אויך פריידיגער...

* * *

אויפן „גוטן אָרט", דאַרף מען ניט קיין ברויט און טאָרט...

* * *

ס'איז ווי זוז און שאָטן — איינס אין צווייטן ניט געראָטן...

* * *

ער איז פון די באַלעבאַטים, וואָס זאָגן: מיר אַרט ניט, אַז דו וועסט מאַכן מער אַרבעט — אַבי נאָר גוט...

* * *

אַ שונא'ס טויט איז ניט אַלעמאָל קיין נקמה, און צרות רבים איז ניט שטענדיג חצי נחמה...

* * *

דער וואָס ליגט שטענדיג אין געצעלט קאָן ניט זען די וועלט...

* * *

דער מענטש, וואָס לעבט מיט אַ רעכענונג, עסט ניט אויף די זריעה פאַרן פאַרזיי...

* * *

ער איז ניט פון די, וואָס שרעקן זיך פאַר אַ סכסוך, ער האָט בלויז מורא יענער זאָל ניט געווינען...

* * *

דעם הונגעריקן וואָס וויל עסן, קאָנען ניט העלפן קיין קאָמפּרעסן...

* * *

ער קומט דער לעצטער צום מנין און לויפט דער ערשטער צום עמוד...

* * *

ווען דאָס פלעשל איז פול איז זיין האַלדז טרוקן, ווערט דאָס פלעשל טרוקן, נעמט ער אויף אַ צווייטע קוקן...

* * *

אַ ליבע דערקלערונג איז ווי אַ פידל: מ׳דאַרף קענען ריכטיק אָנשטעלן דעם טאָן, אַז ניט — פּלאַצט די סטרונע...

* * *

ניט געווען, וואָס ער רעדט קרום, פאַרקרימט ער נאָך דאָס פּנים...

* * *

ער איז אַן אויסגעצייכנטער מוסטער פון אַ מענטשן, וואָס קאָן זיך מיט גאָרנישט אויסצייכענען...

* * *

ווען ער מאַכט אַ שנאַפּס, קאָן ער מער קיין צווי ניט ציילן — טרינקט ער אָן אַ צאָל...

* * *

ער קאָן מאַכן אַ מענטש צו בלאָטע, פון בלאָטע קאָן ער מאַכן גאָלד און אַזוי ליגט ער שטענדיק אין בלאָטע...

* * *

ער איז אַ דרייער אין געשעפט — דרייט זיך אַרום אין שלעכטער געזעלשאַפט — און קומט צום אמת, — דרייט ער מיט דער צונג...

* * *

ער האָט אַ שוואַכקייט פאַר געלט. ער קאָן אַ האַנט ניט עפענען צו געבן אַ סענט...

* * *

איידער דו קלעטערסט צום באַרג אַרויף, קוק זיך אַרום אויף די וועגן, וואָס פירן באַרג־אַראָפּ...

* * *

טראָגט אַ פיינע נאָז־טיכל אין בוזעם־טאַש און — אַ שמוציקן נאָז אויפן פּנים...

* * *

ער האָט שכל פון אַ פליג, קריכט אויף די גלייכע ווענט און גייט מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ...

* * *

דער ביטערער טראָפּן קאָן פאַרדרייען דעם קאָפּ, אָבער ניט פאַרזיסן דאָס לעבן...

* * *

דער שקר איז ווי אַ באַלון: ער פליט פּוסט און איז שטענדיג אויסגע־שטעלט צום פּלאַצן...

* * *

פאַר דעם ביסל יאָרן וואָס מ׳לעבט, באַצאָלט מען אַ טייערן פּרייז — דאָס לעבן...

* * *

די געזאַלצענע טרערן וואַשן אויס אַ סך מאָל דעם ביטערן פעפער פון׳ם האַרצן...

* * *

ווען איך האָב דעם צאָן־ווייטאָג ביי יענעם אין מויל, וואָלט איך ניט געשריען אויף די ציין, נאָר יענער...

* * *

ער איז שוין אַזוי געוואוינט אָנצוגעבן אַ תירוץ, אַז ער וואַרט שוין גאָרניט אויף אַ קשיה...

* * *

וויפיל איר האָלט ניט זאָלצן אַ שריץ, בלייבט ער טריף — אַזוי מיט אומריינע געדאַנקען. איר קאָנט זיי ניט וואַשן מיט זייף...

* * *

ווען ער קאָן ניט צעקייען אַ געדאַנק, זאָגט ער: ס׳איז קלאָטשע...

* * *

דער טאַטע האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ שוחט, מאַכט ער טאַקע אַ לעבן פון שוחד...

* * *

ער באַלאַנגט צו די, וואָס האָבן גרויסע מײַלער און קליינע מעלות...

* * *

דער קאַפּיטאַליזם וויל ניט קיין אָרנטלעכע מענטשן צו פירן די וועלט, ווי דער פאַלש־מינצער דאַרף ניט קיין גאָלד און זילבער צו מאַכן פאַלש געלט...

* * *

דער, וואָס האָלט זיך אין אויסבאַרימען מיט זיינע מעשים, באַווייזט, אַז זיינע מעשים רעדן ניט פאַר זיך...

* * *

מעג דער פישער זיך שווערן, אַז דער פיש איז פריש, אָבער דער שטו־מער פיש וועט „רעדן" ביים טיש...

* * *

מ'קאָן האַלטן אַ קיילעכדיגע רעדע און דאָך זאָל עס זיין שאַרף און שפּיציג...

* * *

דער וואָס זאָגט אָפּ אַ לויב און האָט באַלד חרטה, מאַכט אַ טייך פונ'ם מויל און זיינע ווערטער צו בלאָטע...

* * *

גוטע וואונטשן קאָנען ניט העלפן געגן שלעכטע צייטן, ווי „אַ שפּרוך" קאָן דעם וועטער ניט בייטן...

* * *

מ'קאָן בייטן דעם קאָליר פון די האָר, דעם ציפער פון יאָר, נאָר דעם געבורטס־שיין, קאָן מען ניט מחדש־זיין...

* * *

לויט דאַרווינ'ס אויפפאַסונג איז דער גאַנג אין לעבן שטענדיג געבויט אויף קאָנקורענץ. אָבער די צוויי קרעמער אויף מיין גאַס שניידן זיך די העלדזער און ווייסן גאָר ניט, אַז זיי זיינען דאַרוויניסטן...

* * *

ער האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן יחסן אויף דער ערד, ווי ער וואָלט זיין — אַ „ראַסאַווער פערד"...

* * *

דורכפאַל אין לעבן איז אַ גוטער רבי, נאָר — עס איז בעסער מ'זאָל צו אים ניט אָנקומען צו לערנען...

* * *

ער ליידט שטענדיג פון געלזוכט, ער זוכט נאָר שטענדיג געלע סענ־סאַציעס...

* * *

אַ נודניק האָט פיינט שטילקייט. ער האָט אָבער אויך פיינט ווען עמיצער וויל עפּעס זאָגן...

* * *

ס'איז געשמאַקער אייגענער פאַרדינטער ברויט — ווי געבעטלטער טאָרט...

* * *

צום אידעאַל איז ער אַ „אחר" און צו זיינע פריינט — אַ דבר־אחר...

* * *

ער איז ביטער ווי פעפער און זויער ווי ציטרין, נאָר זיינע ריידעלעך זיינען זיס — ווי סאַכאַרין...

* * *

ער גיט אַ האַרציגן שלום־עליכם, נאָר אַליין איז ער לאָ־עליכמ'דיג...

* * *

דאָס איז אַ שווינדלער יעדן טאָג פון דער וואָך, נאָר שבת אַרבעט ער ניט...

* * *

דער וואָס לעבט אויפן פאָלק'ס רעכענונג, רעכנט זיך ניט מיטן פאָלק...

* * *

די וועלט איז איינגעטיילט אין דריי קלאַסן: פּראָגרעסיווע, פּאַסיווע און פאַרשיווע. ער באַלאַנגט צו דעם דריטן קלאַס...

* * *

וואו ער דערגרייכט מיט זיינע עלנבויגנס וועט אַ צווייטער ניט דער־גרייכן מיט אַ לייטער...

* * *

ער איז אַ גאַנצער חכם, נאָך דעם ווי ער האָט אַזויפיל אָפּגעצאָלט פאַר נאַרישקייטן...

* * *

איינער האָט איין צאָן אין מויל צום עסן, און איינער האָט צום עסן אויף איין צאָן. נאָר ביידן איז שלעכט...

* * *

מען קאָן אַ געוויסן ניט מעסטן מיט אַן אַרשין, ווי מען קאָן קיין געפילן ניט קריגן פון אַ מאַשין...

* * *

דער, וואָס פּרוּווט זיך קילן מיט רייד, קריגט אַ פאַרפרוירענעם ענטפער...

* * *

עס איז ביי אים פּוסט אין קלייטל, די טיר אָן אַ קייטל, און ער — נייט זיך אַ בייטל...

* * *

וויפיל אַ מענטש זאָל זיך ניט פּוצן אין פעדערן, קאָן ער אַלץ קיין פויגל ניט ווערן...

* * *

שטייט ער, איז דאָס ווי אַ קוימען פאַרשוואַרצט; גייט ער, איז ער ווי אַ רויך — פאַרכמורעט און פאַרדרייט...

* * *

דאָס איז אַ פּאַרל, ווי אַ פּאָר שיך, אפילו ווען זיי גייען צוזאַמען האַלטן זיי פאַרקימט די בעזער...

* * *

אַ שקלאַף איז דער וואָס אַרבעט אָפּ אַ שווערן טאָג, אַז ער האָט ניט קיין כוח זיך אויפצוהייבן פון דער מאַשין — בלייבט ער שוין זיצן צו אַר־בעטן נאָך דער צייט...

* * *

זיי לעבן ווי צוויי אויגן אויף איין פּנים. נאָר איינס דאָס צווייטע קאָנען זיך ניט אָנקוקן...

* * *

פון שיינע פאַנטאַזיעס ביז דערווירקלעכקייט איז אַ היפּשער מהלך. מיט פאַנטאַזיעס קאָן מען פליען, אָבער פאַר ווירקלעכקייט דאַרף מען אַ באָדן אונטער די פיס...

* * *

עס איז גוט צו האָבן בטחון, נאָר מיט דעם מוז מען אויך האָבן דער־פאַרונג...

* * *

ער קאָן ניט אַרבעטן אין אַלע פאַכן, און קאָן ניט רעדן אויף אַלע שפּראַכן...

* * *

ער האָט אַ קליין לעפעלע מיט אַ גרויסן אַפּעטיט...

* * *

אים איז גוט צו זיין אַ חכם — אַז ער האָט שכל...

* * *

פון האָבן פאַרשטאַנען ביז זיין איינפאַרשטאַנען איז אַ ווייטער מהלך.

* * *

פאַרלאָז זיך ניט אויפ'ן יושר פון אַ הון אַרום אַ צעריסענעם זאַק מיט קאָרן...

* * *

אַ קאַטשערע ווי אַ מסור ווערן געניצט צו שאַרן הייסע קוילן פון אויוון. דאָך ווערט מען זיי אין קיין לייטיש הויז ניט שטעלן אויבן־אָן...

ביי געדונגענע באַוויינער זיינען די טרערן אָן זאַלץ...

* * *

דער פערד איז באַוואוסט פאַר זיין כוח און דער טכויר — פאַר זיין ריח...

* * *

אַ קאָך־לעפל איז נויטיק פאַר דער קיך, אָבער ניט פאַר אַ ביבליאָטעק...

* * *

ווי נאַריש איינער זאָל ניט זיין, קאָן ער אַמאָל מאַכן אַ סך מענטשן צום נאַר...

* * *

מ׳קאָן ניט טרייבן קייך שיף מיט לײדיקע הענט. מ׳קאָן ניט דערגרייכן דעם סופיט דורך דראַפּען זיך אויף די ווענט...

* * *

די בין גיט דעם האָניג און מאַכט ניט קיין צימעס דערפון...

* * *

אפילו צוויי שיך קומען־דורך צווישן זיך: איין מאָל גייט איינער פאַר־אויס און איין מאָל אַ צווייטער...

* * *

דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג זיינען פאַראַן אין יאָר, און אַמאָל איז איין טאָג אַ יאָר...

* * *

דער, וואָס טראַכט ניט פון מאָרגן, טראַכט נאָר וואו צו באָרגן...

* * *

ווען דער באַלעבאָס וואָלט ריכטיג געצאָלט זיין שטייער, וואָלט מען ניט געריסן אַזוי פיל פון אַרבעטער אויף אַלץ צושטייער...

* * *

אַ שטאָל קאָן זיך באַגיין אָן אַ בילד, און אַ פיש־קראָם אָן אַ שילד...

* * *

צוליב דעם אוממענטש טאָרן מיר ניט פאַרזען דאָס, וואָס עס איז נויטיג צו טאָן פאַר דער מענטשהייט...

* * *

שטומע רייד רעדן אַמאָל זייער אַ סך, ווי אַ קוועטש מיטן אַקסל, אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ וואונק מיטן אויגן, אַ קריץ מיט די ציין, אַ ווייז מיטן פינגער, און אַ זיפץ מיט אַ קרעכץ איז דאָך אַ גאַנצער דיאַלאָג...

איבער אַ טעות פון אַ דאָקטאָר ביים אָפּנעמען אַ קינד, שטעלט מען ניט אָפּ קיין געבורטן...

* * *

פון צופיל וואוילטאָג קאָן מען אויך קריגן בויך־וויטאָג...

* * *

די בלום באַפּוצט דעם גאָרטן, אַ קונסט־בילד די וואַנט, אַ ביבליאָטעק די היים און אַ פרוי דאָס לעבן...

* * *

מיטן טויט איז מען שטענדיג זיכער. נאָר צו לעבן מוז מען קעמפן צו מאַכן זיכער...

* * *

ער איז פון די קולטור־מענטשן, וואָס שעלטן אפילו ליטעראַריש: זאָל דיר פאַלן אַן ענציקלאָפּעדיע אין קאָפּ און מאַכן אַ טריאָלאָגיע...

* * *

דער וואָס בלאָנדזשעט אַליין, קאָן ניט געבן קיין עצות אַ צווייטן ווי צו גיין...

* * *

דער עגאָאיסט פּראָוווט אַלע וועגן, ער שפּאָרט קיינמאָל ניט קיין מי. הויבט־אָן מיט די עלנבויגנס — גייט ניט, איז מיט די קני...

* * *

דער וואָס לעבט פון קונקל־מונקל, זעט די גאַנצע וועלט שוין טונקל...

* * *

אַ ליידיגער טאָפּ פאַרמאָגט ניט די קראַפט, וואָס אַ קליין לעפעלע מיט זאַפט...

* * *

אַז דער בית־עולם איז אַ „גוטער אָרט",
הערט מען זאָגן דאָ און דאָרט,
אַ סימן איז אַז דאָרט הערשט גליק —
ווייל ווער עס „גייט" — קומט ניט צוריק.

* * *

דער וואָס מאָנט דעם אמת — דאַרף אויך מיינען דעם אמת...

* * *

אַז מ׳קאָן ניט אַריבער — שווימט מען דעראיבער...

* * *

ער האָט חרטה — ווען ער ליגט שוין מיט דער נאָז אין בלאָטע...

טראַכט ניט אין דער הויך — ניט אַלע דאַרפן וויסן דיינע נאַרישע פּלענער...

* * *

ניט פון ברויט מיט רעטאַך, פאַרנעמט זיך פּעמפּיק אַזאַ שטח...

* * *

מיט אַ גוטער קאַפּעליע — הויבן די פיס זיך צו דער סטעליע...

* * *

מעגסט האַקן און בראַקן — אָבער קאַנסט ניט קאַכן קיין פלאַקן...

* * *

* * *

יעדער איינער קריגט דאָס וואָס ער פאַרדינט: דער ווינטער ווערט אויפגענומען מיט אַ ווינט־פייפעריי און שניי־קוילן; דער פרילינג — מיט פויגל־געזאַנג און בלומען...

* * *

אַדאַנק דעם ווינטער, ווערט פרילינג אַזוי וואַרעם אויפגענומען...

* * *

די גראָז אין דער ערד דערשמעקן דעם פרילינג און שטעקן גלייך אַרויס זייערע גרינע ציינגלעך — און ער, אַן אַ זייגער, דערשמעקט ווען ער דאַרף אויפשטיין צו פרישטיק...

* * *

מיט'ן פרילינג קומען צוריק די פייגל אין נעסט, און די פליגן אויף קעסט...

* * *

אַ וואונדער וואָס דער פרילינג קוקט אויס אַזוי שיין? ווען איך רו זיך אָפּ אַ גאַנצן ווינטער וואָלט איך אויך געברענט אַ וועלט...

* * *

האַרבסט און פרילינג זיינען ניט קיין צווילינג. טרעטן זיי זיך אָפּ איינער דעם צווייטן דעם וועג...

* * *

אַ צעדרייטע וועלט: ווינטער זיינען די ביימער נאַקעט און קומט פרילינג — באַקליידן זיי זיך...

* * *

צו פאַרשפּרייטן אַן אידעאַל, מוז מען פאַרמאָגן די פיינסטע גייסטיגע מלבושים...

* * *

דער אונטערשייד צווישן מענטש און בהמה, איז דאָס, וואָס דער מענטש קאָן זיין אַ מענטש ווען ער וויל נאָר...

* * *

דער וואָס פאַרבאַהאַלט אַ מיינונג זעגן זאַכן אין לעבן, שאַפט אַ שלעכטע מיינונג וועגן זיך אַליין...

* * *

ליבע־דערקלערונגען, וואָס קומען בלויז פון צונג דערגייען ניט צום האַרצן...

* * *

עס זיינען פאַראַן דריי סאָרטן זינגער: אַזעלכע וועמענס שטימען דער־גרייכן די הימלען; אַזעלכע וועמענס שטימען דערגרייכן צום האַרצן פון צוהערער און אַזעלכע, וואָס נעמען אַ גוט ליד און באַגראָבן זי אין שאול־תחתיה...

* * *

מיליאָנען מענטשן האָבן ניט וואָס צו עסן און מיליאָנען — ווייסן ניט וואָס צו עסן...

* * *

מיט שרייען אַ בער גייט, קאָן מען ניט אָפשרעקן אַ הונט...

* * *

ער קאָן פאַרשווענדן געלט אָן אַ צאָל, נאָר האָט קיינמאָל ניט דאָס נוי־טיגע פאַר׳ן אָפּצאָל...

* * *

אַז מ׳לעבט מיט השבון ווייסט מען ווי אַלט מען איז — צו קריגן על־טער־פּענסיע...

* * *

אין דעם שטענדיגן קאַמף פאַר׳ן לעבן, עסט ער זיך אויף אַ לעבע־דיגער...

* * *

ער האָט נאָר ליב צו טרויערן — עס קומט אים צו אַ חיות פון לוויות...

* * *

דער מענטש קומט פון דר׳ערד, און ער גייט צוריק אין דר׳ערד, אָבער — ער ליגט אַמאָל אין דר׳ערד אויך אין צווישן־צייט...

* * *

ווען דער אמת ליגט אויפ׳ן צונג, באַהאַלט זיך דער שקר אין הינטער־גרונד...

אַ סך מענטשן לעבן זייער אָרעם — צו שטאַרבן רייך...

* * *

מזל, האָט מזל, אַלע זוכן אים אַרום...

* * *

באַווּך ניט אַ פריינט בלויז צוליב זיין כיבוד (קיבעד), נאָר אויך, ווען עס איז אפילו לאיבוד...

* * *

צו פאַרטרייבן פריינט דאַרף מען קיין סך זיך ניט אָנשטרענגען...

* * *

דער וואָס נוצט אויס פריינטשאַפט פאַר פערזענלעכע צוועקן, שניידט זיך אָפּ דעם קאַלנער — אַ לעכל צו פאַרדעקן...

* * *

ווי מיר פאַרשטייען, דאַרף די וועלט זיין קיילעכדיג, ווי מיר פילן אַמאָל — איז זי זיג־זאַגיש, שפּיציג און צעדרייט...

* * *

צווי סאָרטן מענטשן זיינען פאַראַן: אַזעלכע וואָס טוען פּרוכטבאַרע אַרבעט און אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר ליב די פּרוכט צו רייסן...

* * *

אַנטיסעמיטיזם ציט זיין יניקה פון צוויי קוואַלן: פון צאַפּן אידיש בלוט און פון אַן עלילת־דם — אַז אידן נוצן מענטשלעך בלוט...

* * *

שטעכיגע און שפּיציגע פראַגן איז גוט צו באַהאַנדלען אַרום אַ רונדן טיש...

* * *

די וואָרעמע פעל אויפן פוקס איז נאָך ניט קיין פוטער; די מילך ביי דער קו אין איטער איז נאָך ניט קיין פוטער...

* * *

דער אַרבעטער־קעמפער איז דער פאָלקס־מעצענאַט, וואָס ניט נאָר גיט ער הילף פאַר אַ יתומים־הויז, נאָר — העלפט באַשיצן דאָס לעבן פון טאַטע־מאַמע, אַז עס זאָל זיין וואָס ווייניגער יונגע יתומים...

* * *

אין קאַמף פאַר דיין מי
ניט ליג אויף די קני,
נאָר שטענדיג באַשטיי צו גיין
און קיינמאָל — ניט אַליין ...

* * *

צו געווינען פריינט, מוזטו אינוועסטירן פריינטשאַפט...

* * *

אויב דו האָסט ליב צו זיין אַ גאַסט ביי יענעם, זאָלסטו אויך ליב האָבן געסט ביי זיך אין דער היים...

* * *

פון טיילן זיך מיט פריינט דעם ביסן, האָט מען אין צווייען צו געביסן...

* * *

ער איז פון די מענטשן, וואָס ווילן ניט וויסן פון וויסן, נאָר פון — געניסן...

* * *

ווען איך וועל שטאַרבן, וועט מיר ניט אַרן, וואָס איך בין טויט, נאָר ביים לעבן פאַרדריסט מיך וואָס מ'לאָזט מיך ניט לעבן...

* * *

לעב דיין לעבן לויט דיין געהאַלט, נאָר — מיט אינהאַלט...

* * *

ווען עס פעלן ציינער, ליגט גאַנץ דער ברויט...

* * *

פון אַ שלעכטן תלמיד קאָן ניט ווערן קיין גוטער רבי...

* * *

ער איז פון די גערעטעניש, וואָס פאַר אַ קאַרליק זעט ער אויס צו גרויס, און פאַר אַ גרויסן מענטשן — גאָר קיין מענטש ניט...

* * *

אַ וויסנשאַפטסמאַן קאָן זיך אַמאָל גריבלען אין מיסט. אָבער פון אַ חזיר אין וויסן? — טראַכט ניט אומזיסט...

* * *

אויף אַ שמאַטע קאָן מען ניט לייגן קיין לאַטע. פון אַ שלעכטן מאַן קאָן ניט זיין קיין גוטער טאַטע...

* * *

ער רעדט טאַקע אַ סך, ס'איז אָבער „גאָלדענע רייד" פאַר — אַ פּסיכיאַטאָר...

* * *

אין שאַפ אַלס באַלעבאָס הרג'עט ער אַוועק די טאַטעס, און דערנאָך איז ער אַ פילאַנטראָפּ פאַר יתומים־הייזער...

* * *

פון אַלע קריגערייען איז אָפּט דער סך־הכּל, אַז — מ׳מאַכט אַ שהכּל...

* * *

ער רעדט פּאָר צווי, עסט פּאַר דריי, נאָר אַרבעטן — אפילו ניט פאַר איינעם...

* * *

אַ שטאַרקער קולאַק איז אַ שוואַכער ענטפער...

* * *

רעדן צו אים איז ווי צום אויער פון קריגל...

* * *

עס איז אַזאַ קאָמפּלימענט, ווי אַ שלום־עליכם אָן הענט...

* * *

פון אַ ליידיגן טעלער הונגערט אונטער׳ן לעפעלע...

* * *

זיין רעדן איז גראָב און מיסטיק, אָבער מיינט ניט, אַז ער איז אַ מיסטיקער...

* * *

מאַכן אַן ערלעכן לעבן קומט אָן זייער שווער. אָבער מאַכן פאַלש געלט קומט אויך ניט אָן אַזוי גרינג...

* * *

מיט להפּט־שלעסער קאָן מען ניט פאַרשליסן קיין טיר...

* * *

מאַכן אַ לעבן איז שווער, און פאַר מאַכן דעם טויט — ווערט מען באַשטראָפט...

* * *

פון פלוימען קאָן מען מאַכן אַ צימעס, עס איז אָבער ניט גוט צו מאַכן אַ צימעס פון דער אכילה...

* * *

ס׳איז ניט קיין פּאָר, איינער האָט ליב צו רעדן און דער צווייטער — באַרעדן...

* * *

קויפן פריינטשאַפט דורך חניפה־רייד, איז ווי מאַכן — פון שפּין־וועב אַ קלייד...

* * *

רייכטום און גליק איז אַ צווילינג, נאָר ניט שטענדיג געראָטן איינס אין צווייטן...

ער קומט ווי אַ גאַסט און פירט זיך אויף ווי דער באַלעבאָס...

* * *

ער איז פון די „פרייגיביגע" מענטשן, וואָס האַלט גרייט זיין אָפענע האַנט — ווען ער טרייבט זיין קאַר...

* * *

ווען איר פאַסט — גייט ניט צו גאַסט...

* * *

רעדט שטענדיג פון פאַרלירן וואָג, נאָר — אַ גאַנצע נאַכט לעבט ער אַ טאָג...

* * *

די ציין און די צונג זיינען שטענדיג „באַשטיכי" און דאָך מוזן זיי אָנהאַלטן אַ „קאָ־עקזיסטענץ"...

* * *

די זיינען פון די טאַטע־מאַמע, וואָס גיבן די קינדער פון אַלעם גוטן אַ חוץ — דערציאונג...

* * *

אין אַ סך פאַלן האָבן מענטשן דערפאַלג פון אַ צווייטנס דורכפאַלן...

* * *

געוויסע מענטשן פאַרלייקענען זייערע יאָרן און אַנדערע — פאַרדעקן זיי...

* * *

דאָס איז אַ טיפּ, וואָס ווייסט ניט וואָס ער וויל און דאָך וויל ער אַלע מאָל — יענעמס...

* * *

ער ליידט פון אַ מאָדנער שוואַכקייט: ער האָט פאַר אַלץ אַ שבח...

* * *

ער איז שטענדיג פאַרנומען מיטן באָרגן, קאָן ער ניט טראַכטן פון זאָרגן פאַרן מאָרגן...

* * *

די מאַמע ערד האַלט זיך נידעריגער פון גראָז, און פילט זיך גאַרניט הילפלאָז...

* * *

דזשעז אַפּעלירט צו די פיס, פאָלקס־לידער — צום האַרץ און דאָס ליד פון קאַמף — צום קאָפּ...

ער גייט צירלעך מאַנערלעך און — האַנדלט ניט ערלעך...

* * *

ווען אַ קליין שטיינדל פאַלט אין קאָפּ, טוט דאָס מער ווי ווי אַ באַרג שטיינער פאַלט אין טאָל אַראָפּ...

* * *

ער איז פון די, אויף וועמען מ׳וואָלט דאַרפן זאָגן ברוך דיין שקר...

* * *

ווען אַ מענטש מאַכט זיך שוין אַ „האָבי" צו זוכן „האָביס", איז אַ סימן, אַז ער ווייסט שוין ניט וואָס צו טאָן מיט זיך...

* * *

דער מענטש וואָס האַלט זיך צו זיינע מיטמענטשן שטייף, איז נאָך אַליין אַלס מענטש ניט רייף....

* * *

פון קאָפּ ביז די פיס זינדיג, און בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק...

* * *

אפילו צי פאַרשפּרייטן אַ אידייע, מוז מען אויך האָבן די מאה...

* * *

ער האַלט ניט פון אמת, אָבער שטאַרק פון — נעם עס....

* * *

אַ שיינער געדאַנק אין ריידן האָט אַ זין. גלאַט זיסע רייד — אין סאַכאַרין...

* * *

דער פּראָפיט פון אַ גוטן בוך איז אויסערגעוויינלעך: איר נעמט פון אים אַרויס אַזויפיל — און דאָך בלייבט ער ביי זיין פאַרמעגן...

* * *

נאַרישקייט קאָן קומען בירושה. אַ ביוראָקראַט — ווערט מען אַליין...

* * *

ער איז פון די מענטשן וואָס קוקט אויף אַלע זייטן, נאָר זעט זיך אַליין.

* * *

אַ גוטער וואונטש קאָן מקוים ווערן ווען ער ווערט באַגלייט מיט מעשים.

* * *

אפילו צו אַרגומענטירן איז צו זיין זאַלבעצאַנד. אַליין איז — רעדט צו דער וואַנט...

* * *

ביים שכור איז ניט קיין אונטערשייד בראָנפן צי ביר — ווי ביים גנב — אַ פענצטער צי אַ טיר.

זוך ניט ביי אַ קבצן קיין מתנות און — קיין יושר ביי אַן עושר...

* * *

גוטע באַלעבאַטעס ווייסן שטענדיק וואָס קאָסט עס...

* * *

און אַז איינער איז אַ יתום מעג ער ברעכן פענצטער אין שול?

* * *

דער גרויסער העלפאַנט וועט ניט קריכן אַ מעגטשן אויפן קאָפּ, ווי די קליינע חוצפה'דיגע זלידנע פליג...

* * *

דער וואָס פאַרמעסט זיך געגן אַ נאַר צו געווינען, איז אַליין אויך ניט קיין איבעריגער חכם...

* * *

ער איז אַזוי פאַלש, אַז אפילו אין זיין שלום־עליכם שטעקט אַ פיג...

* * *

ווען דו העלפסט אַ פריינט, העלפסטו זיך צו האָבן אַ פריינט...

* * *

דער וואָס טרינקט אַן אַ רעכענונג, באַצאָלט דעם שענקער אַן אַ חשבון...

* * *

דער פענצטער קאָן אַריינברענגען דרויסנדיקע ליכטיגקייט, אָבער היימישע ליכטיגקייט מוז זיין היימיש געמאַכט...

* * *

ווען אַ טכויר כאַפּט זיך אַריין אין הינער־שטייג, איז קלאָר, אַז ער איז ניט געקומען די הינער מבקר־חולה זיין...

* * *

מיט אַ שלאַנג פירט מען ניט קיין דיסקוסיעס וועגן יושר...

* * *

פון באַוול קאָן מען ניט מאַכן קיין יאָל, און פון וואָל — קיין שטאָל...

* * *

מיט אַ ביוראָקראַט — איז שווער צו זיין „פּאַני־בראַט"...

* * *

אויף אַ בית־עולם זיינען אַלע מוחל די ערשטע רייען צו אַ צווייטן...

* * *

לעכער אין די שיך זיינען די פענצטער פון דלות...

* * *

פיר זין זאָגן קדיש — און דער טאַטע ליגט אין דר'ערד ..

ווּיפיל אַ מענטש זאָל ניט לעבן מיט רעכענונג, מוז אַן אַנדערער אונ־טערפירן דעם סך־הכל...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרלירן די בושה, אַבי צו לאָזן אַ רייכע ירושה...

* * *

ווי קומען דורך ווי דער מאָנטאג מיט'ן דאָנערשטאָג, געפינען זיך אין איין וואָך, נאָר —ביידע קאָנען זיך ניט אָנקוקן...

* * *

די גרעסטע שטראָף פאַר אַ נחדניק, איז ווען אַ צווייטער פאַרכאַפּט דאָס וואָרט...

* * *

אין אַ פּוסטן קאָפּ וויל זיך ניט אַריינכאַפּן קיין קלוגער געדאַנק, ווייל ווער וויל דאָס לעבן אין חורבות?...

* * *

דער רעדנער וואָס האָט ניט וואָס צו זאָגן — פּרואווט רעדן אַ סך, זיך צו עפּעס דערשלאָגן...

* * *

ער האָט מיר אַזאַ טעם, ווי אַ בעטלער־בילד אין אַ גאָלדענער ראַם...

* * *

פון אַ צעריסענעם אמת בלייבט אַ — מת...

* * *

דורך אַ פּראָסטן גלאָז קאָנסטו זען, וואָס איז מיאוס און וואָס ס'איז שיין. שמירסטו אונטער דאָס גלאָז מיט זילבער — זעסטו נאָר זיך אַליין...

* * *

פון זיינע אַלע פלוגער לאָזט זיך אויס אַ טייך, פון טייך אַ בלאָטע, דערנאָך וויל ער כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער...

* * *

ער לאַכט פון שניידער, נאָדל־פאָדים — נאָר האָט ליב זיך צו פּוצן אין רייכע בגדים...

* * *

האַק דאָס און בראָק דאָס — עס בלייבט אַלץ קרויט...

* * *

ווען איינער איז געווירט פון האָס, קומט דאָס פון אַ קראַנקן מוח. ווען איינער ווערט גערירט פון ליבשאַפט — קומט דאָס פון אַ געזונט האַרץ...

* * *

ער איז אַזאַ שקלאַף צו משקה'נען, אַז ער װעט זיך לעצט העמד פאַר־משכונ'ען...

* * *

ער האָט, װײַזט אױס, אַ שװאַכקײט אין די הענט — קאָן ער ניט אײַנ־האַלטן אַ סענט...

* * *

אפילו אַ צײַטיגע פרוכט פאַלט אױך אַלײן ניט אַרײַן אין מױל...

* * *

אים װאָלט ניט אַרן, אַז ער זאָל אפילו װערן אַ קױמען־קערער, אַבי זיך אָנזען אױפ'ן שפּיץ דאַך...

* * *

װען ער האַלט בײַם ת (סוף), װערט ער אַ צ (צדיק)...

* * *

צי ער איז אַ מומחה דאָס װײסט מען ניט, נאָר אַז ער האָט אַ מום צו באַרימען זיך — דאָס הערט מען...

* * *

שכל איז געלט: װען מ'װיל דאָס ניט נוצן, האָט דאָס ניט קײן נוצן...

* * *

ער האָט קײנמאָל ניט געװאוסט, װאָס מײנט לעבן, חוץ װען ער איז געװען קראַנק — און געשטאָרבן...

* * *

קײן פילאָזאָף איז ער טאַקע ניט, אָבער װאָס ער רעדט הױב איך ניט אָן צו פאַרשטײן...

* * *

קאָנסט זיך ניט אױסהיטן פון אַ גנב אפילו מיט צען שלעסער, װײַל זײַן אײן שליסל פאַסט זיך צו אַלע פענצטער. .

* * *

זײַן שטאַרקסטער אַרגומענט איז מיט די הענט...

* * *

װער עס רעדט פון די אַמאָליקע יאָרן, און ער רעדט פון נעכטיגע טעג...

* * *

לערן זיך ניט קײן שלעכטע טאַטן, אפילו פון אַן אײגענעם טאַטן...

הענט קאָנען מאַכן קולאַקעס, הענט קאָנען אומאַרעמען. אַ האַנט קאָן פּאַטשן, אַ האַנט־דרוק — קאָן וואַרעמען...

* * *

עס איז גרינג זיך איינצורעדן אַ קרענק, אָבער שווער זיך איינצורעדן אַ געזונט...

* * *

אויך די, וועלכע שלאָפן אין גוטע בעטן, קאָנען האָבן שלעכטע חלומות...

* * *

עס איז בעסער פריער צו טראַכטן וואָס צו זאָגן, ווי צו זאָגן און דער־נאָך טראַכטן, פאַרוואָס האָב איך דאָס געזאָגט?...

* * *

דער וואָס עסט אָפּ אַ גוטן מאָלצייט, קאָן זיך דערנאָך באַנוגענען מיט קייען אַ צאָן־שטעכער...

* * *

ווען איינער וויל אָפּטאָן זיין אַרבעט אויף איין פוס, הינקט טאַקע אָפּט אונטער זיין אַרבעט...

* * *

אַ דימענט־רינג קאָן ניט פאַרדעקן אַ שמוציגע האַנט...

* * *

האָבן שיטערע פינגער איז ניט גוט, אָבער האַלטן די האַנט מיט אַ פאַרשטייפטן פייג אין קעשענע, איז נאָך ערגער...

* * *

ווען ער גיט דירה־געלט, בענטשט ער ראש־חודש...

* * *

פון אָקערן מיט דער נאָז די ערד, וועט ניט וואַקסן קיין בולבעס...

* * *

דעם נאַקעטן אמת קאָן מען ניט פאַרדעקן מיט אַן אויסגעפּלאַכטענעם ליגן...

* * *

אַ קעלבל איז טאַקע ניט קיין בהמה, — אָבער קיין חכמה אויך ניט...

* * *

ווען ער שטעלט זיך אַוועק קרייען ווי דער האָן, מיינט ער, אַז מיט אים הויבט דער טאָג זיך אָן...

* * *

ער לעבט ווי אַ וואָרעם אין כריין, די פיש עסן אַנדערע...

* * *

אַן אָפּגעגעבענער ברויט: די עלטערן שיקן די קינדער אין קאָלעדזש. און די קינדער שיקן די עלטערן — אין מושב זקנים...

* * *

ער איז נישט קיין שכור, ער האָט בלויז אָפּט ליב צו ווינטשן מענטשן לחיים...

* * *

אומעטום טראַכט מען ווי צו פאַרלענגערן דאָס לעבן. נאָר נישט אומעטום טראַכט מען — צו האָבן מיט וואָס צו לעבן...

* * *

ער באַקט אָפּ אַ ליגן מאָנטאָג — איז דאָס גוט פאַר אַ גאַנצער וואָך...

* * *

אויב קיינער קומט נישט פון די הויכע ספערן צו באַזוכן די ערדישע מענטשן איז דאָס פּשוט דערפאַר — ווער וויל דאָס אַזוי זיך „דערנידערריגן״?...

* * *

ווען איינער שטרעקט אויס זיין האַנט פאַר ברויט,
דאַרף זיין דיין הילף גרייט אין נויט.
נאָר ווען איינער וויל זיך שלאָגן מיט די הענט —
באַצאָל אים מיט פּראָצענט...

* * *

ווען איר קריכט אויף אַ לייטער, היט דעם לעצטן טרעפּל, ווי אין אַ בגד — דאָס לעצטע קנעפּל...

* * *

אַ מויל האָט ער איז דאָס נישט צום רעדן און נישט צום זינגען. אָבער אַן אַפּעטיט — אפילו מיט די אויגן קאָן ער שלינגען...

* * *

דער מענטש דאַרף שטענדיק זוכן אַן אויסוועג, אָבער נישט שרייען — אוים וועג...

* * *

ווען איר נעמט וועגן און מעסטן דעם ווערט פון דער טובה, וואָס איר האָט איינעם געטאָן, פאַרלירט דאָס די ווערט...

* * *

טראָגט אַ קלייד העקאָלטירט, אָפּנהאַרציג, נאָר דעם אמת אונטער אַ נעפּל פון פראַגע־צייכנס...

דער אמת איז פאַראַן איינער, אָבער אַ ליגן איז פאַראַן אַ געראָטענער און אַ געבראָטענער...

* * *

ווען מען פאַרגרייט זיך אויף דער עלטער, איז גרינגער צו וואַרטן אויף משיח׳ן...

* * *

דער וואָס זוכט פרייד און גליק אין געטראַנקען, געפינט גיך אויס, אַז זיין „שמחה" איז צערונען געוואָרן...

* * *

האַלט איר באַהיט ווערן צו זיין פון אַ גזלן „געאָרעמט" און פון אַ פרעמד קלייד געוואָרעמט...

* * *

די פרוי, וואָס דאַרף געפעלן איר מאַן דורך די צוגעגרייטע געריכטן, דאַרף שטענדיק שטיין פאַר׳ן געריכט פון איר מאַן...

* * *

אין די הענט גאָפּל און מעסער, — און מיטן מויל אַ פרעסער...

* * *

דער וואָס מאַכט אַ לעבן פון זיינע אייגענע הענט, וועט ניט אויסנוצן פרעמדע הענט...

* * *

פון גיין אין שותפות מיט שקר, קאָן מען קיין אַנשטענדיקן לעבן ניט מאַכן...

* * *

ווען מ׳איז איינזאַם אַליין, איז ניט גוט, נאָך ערגער איז ווען מ׳איז איינזאַם אין צווייען...

* * *

ווען אַלע זאָלן דינען דעם פאָלק, וואָלט מער ניט געווען קיין באַדינער, נאָר — אַלע באַלעבאַטים...

* * *

די וויסנשאַפט זוכט שטענדיק אַ וועג ווי צו באַזוכן דעם שטערן מאַרס, אָבער קיינער וואָלט ניט וועלן, אַז מאַרס זאָל אונדז באַזוכן...

* * *

העלפן אַ קראַנקן, ווייזן דעם וועג אַ בלינדן און באַשיצן אַ קינד, איז אייערער אַ חוב, איר האָט עס טאַקע ניט געליען און דאָך זייט איר שטענדיג שולדיג...

דער וואָס פאַלט אויף אַ שטיין, וועט זיך שוין היטן ביים גיין...

* * *

צו בויען דאַרף מען כוח און מוח, צו צעשטערן איז גענוג כוח...

* * *

ער האָט אַזויפיל שאַנדע ווי דער רויבער וואָס טוט אָן אַ מאַסקע אויפן פנים, מ'זאָל אים ניט זען ווי ער שעמט זיך...

* * *

פאַר אַ טרונק בראָנפן וועט ער גיין אין פייער און וואַסער, נאָר טרינקט ער זיך אָן, קאָן ער אפילו אַהיים ניט גיין...

* * *

זיי לעבן ווי צוויי קלינגלעך פון אַ שער, ווי גיך זיי באַגעגענען זיך — שניידן זיי שטיקער...

* * *

אַ פאַנטאַזיע קען זיך ווייער פיין צעשפּילן, נאָר עס איז זייער שווער דאָס שפּילן צו וועלן נאָכטאַנצן...

* * *

דאָס לעבן ברענגט שוועריגקייטן
דער טויט גיט אייביגע רו.
דאָך קעמפט מען פאַרן לעבן —
דער טויט זאָל לאָזן צורו...

* * *

דער וואָס ליגט אין שפּיטאָל מיט אַ קאַנסער, טראַכט ניט פון קיין בראָ־דעוואָקע אויפן פנים...

* * *

איבער אַ צעוואָרימטן עפּל, זעגט מען ניט אונטער קיין בוים...

* * *

ווען אַ שיכור ווייסט שוין ניט דעם אונטערשייד פון איינס ביז צוויי, טרינקט ער שוין פאַר דריי...

* * *

ווען אַ לייטער שטייט קרום, שטייט ער ערשט דאַן גלייך...

* * *

דעם בלוט־זויגער קימערט ניט אַ צווייטנס יאָרן, אַבי אַליין צו לעבן אַ טאָג...

* * *

דער וואָס קומט באַצייטן — זיצט ניט פון ווייטן...

* * *

מאַזאַליעס אויף די הענט זיינען צייכנס פון אַרבעט. „מזל" איז אַ צייכן פון איינעם, וואָס בויט זיין גליק אויף יענעמס מאַזאַליעס...

* * *

ווען עס פאַרדרייט זיך דער קאָפּ פון ביטערן טראָפּן, אים פאַרדרייט זיך דער קאָפּ פון אַ זיסן שמייכל...

* * *

שווער צו זיין אַ נביא ביי זיך אין שטאָט און אַ בעל־עצה אין אַ פרעמ־דער שטאָט...

* * *

טו אָפּ דיין אַרבעט פריער וועסטו פאַרשפּאָרן צו פוילן זיך שפּעטער...

* * *

פויגל וואָס פליען צו באַשיצן זיך פון קעלט און ווינטן, וואַרטן אויף די שוואַכערע וואָס בלייבן פון הינטן. .

* * *

עס זיינען פאַראַן אַ שטאָט־משוגענער, אַ גאַס־משוגענער און אַ הויז־משוגענער, נאָר — יעדער איינער איז משוגע פאַר זיך...

* * *

די וועלט שטייט ביי אים אויף לעפל און גאָפּל, און דער ערד־קיילעך דרייט זיך אַרום זיין נאָפּל...

* * *

דער אָפּטימיסט דערזעט אַלץ, דער פּעסימיסט פאַרשלאָפט אַלץ...

* * *

מענטשן געדענקען גוט די טעות׳ן, וואָס זיי מאַכן, נאָר געדענקען ניט, אַז זיי האָבן צוגעזאָגט ניט צו מאַכן קיין נייע טעות׳ן...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס שלאָגן זיך אויס גאָלד פון וואַרפן בלאָטע...

* * *

אָפענע שפּאַרונעס אין אַ הויז פאַרפינצטערן דאָס לעבן; אָפענע שפּאַ־רונעס אין אַ טורמע ברענגען אַריין אַביסל ליכט...

* * *

דער רעגן דערמאָנט פון צעלעכטערטע שיך, דער טויט — צו היטן זיך...

* * *

דער וואָס טראַכט היינט פון מאָרגן, וועט האָבן מאָרגן אַ רואיגן היינט...

פאַר דעם אָרעמאַן אַ הונדערטער — מיינט זיין רייך, פאַרן מילב אַ טראָפּן — מיינט אַ טייך...

* * *

עס העלפט ניט מקנא זיין אַ צווייטן, אויב מ'וויל זיך אַליין ניט פאַר־גרייטן...

* * *

דער אָרעמאַן איז ווי אַ קרימען: וואו ער זאָל זיך ניט געפינען ווערט ער פאַרסאַזשעט און פאַר'חושכ'ט...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב צו שטופּן די נאָז ביי יענעם אין טעפּל און דערשמעקן ניט ווי מענטשן האָבן דאָס פיינט...

* * *

אַן אָרעמאַן לעבט געמיין, אַ רייכער — האַנדלט געמיין...

* * *

ער היט זיך אָפּ ווי אַ בלינדער דעם שטעקן...

* * *

די הון לייגט אַזויפיל אייער און ווייכט ניט וויפיל איז אַ טוץ...

* * *

עס איז זייער מענטשלעך צו האָבן געפילן, אָבער ניט שטענדיג דאַרף מען זיך פון די געפילן לאָזן פירן...

* * *

שמינקע קאָן ניט פאַרדעקן די פוסטקייט פון מוח און שיינע טאַוו־לען — די פוסטקייט פון אַ שונד־בוך...

* * *

וואָס פאַר אַ פייערדיגע צוזאָגן געוויסע פּאָליטישנס זאָלן ניט מאַכן, האָט עס אַלץ די ווערט ווי פאַרשרייבן אויפן וואַסער...

* * *

וואָס מער אַ מענטש איז איבערגעפּילט מיט'ן ביטערן טראָפּן, אַלץ פוסטער איז זיין פּלאַפּלעריי.

* * *

גרויס זיך ניט מיט דעם, וואָס דו האָסט אַ קאָפּ אויף זיך, אַ הערינג האָט דאָס אויך. די פראַגע איז, ווי טראַכט דיין קאָפּ?...

* * *

דער וואָס איז פריי מיט'ן סענט — האָט אָפענע הענט, אָבער ביי וועמען וואַרפן געלט ווערט אַן עיקר, איז פשוט שכור...

דאַרפסטו וואָס טאָן היינט, לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן, ווייל דער מאָרגן, וועט מיט נייע אַרבעטן באַזאָרגן...

* * *

קוקסטו דורך די פענצטער אין טראַמוואַי, לויפט דיר אַלץ פאַרביי. נאָר בלייבסטו שטיין — ליגט אַלץ ווי אַ שטיין...

* * *

ער האָט אַ קאָפּ ווי אַ פּויק: קלאַפּ היינט, קלאַפּ מאָרגן — עס בלייבט אַלץ פּוסט...

* * *

זאָל דאָס מיר זיין וואָס איך ווינטש אים — שכל, געזונט און פּרנסה...

* * *

עס דרייט מיר די הענט, די פיס, דער קאָפּ — און איך אַליין קאָן זיך ניט אַ דריי טאָן....

* * *

צו קאָנען פאַרשטיין צווישן די שורות מוז מען זיין באַהאַוונט אין די שורות.

* * *

זיין הצלחה, איז ווי פון אַ הערינג אין דער פיש־משפחה...

* * *

ער האָט ליב צו נוצן די צונג, אַריינשטופּן די נאָז, אונטערדרוקן אַן אויער און וואַרפן אַן אויג; אָבער פון נוצן דעם קאָפּ — דאָס ווייסט ער ניט...

* * *

ציילן שטערן געהערט צו אַריפמעטיקע, נאָר דער בעסטער בוכהאַלטער קאָן קיין סך הכל ניט מאַכן...

* * *

מיט טונקעלע אויגן־גלעזער קאָן מען זיך פאַרשטעלן די אויגן. מ׳קאָן אָבער ניט פאַרטונקלען די וועלט...

* * *

דער מענטש קאָן פון אַלץ אַנטלויפן, נאָר — ניט פון זיך...

* * *

באַרימעריי, איז ווי אַ פייער־ווערק, עס גיט אַ בליאַסק און — עס פאַר־לעשט זיך...

* * *

מיט אַ רייכן טייסטער, קאָן מען זיין אַ דרייסטער...

* * *

עס איז אַזוי קלאָר ווי א־ב־ג, אַז וואו עס פעלט לופט — פעלט ניט קיין שימל...

* * *

זיי זיינען ווי די כוואַליעס: צעשלאָגן זיך און — שווימען אַוועק צו־זאַמען...

* * *

דאָס איז אַזאַ יאַדע, אַז ער האָט שוין באַזאָרגט אַלע זיינע פריינט מיט אַלסערס...

* * *

דאָס איז אַ בראָדעווקע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם צענטער פון פנים...

* * *

פון עבודת פרך, קאָן מען ניט ווערן רייך ווי קורח...

* * *

דאָס היטל, שרייט ער, טראָגט ער ריכטיג, נאָר דער היטל־מאַכער האָט ניט ריכטיג אַריינגעשטעלט דעם קאָזירעק, דערפאַר איז דאָס היטל פאַר־דרייט...

* * *

ער האָט זיך אַזוי אָפּגעשטעמפּלט, אַז דער טריוואַקס ליגט אים אויף דער נאָז...

* * *

מיט שטאַרקע עלנבויגנס קאָן מען זיך מאַכן אַ וועג, אָבער מ׳קאָן אויף דעם וועג ווייט ניט פאָרן...

* * *

לערנט שטענדיג פון יענעמ׳ס טעות׳ן, נאָר — פּרובירט זיי נישט נאָכ־מאַכן...

* * *

דער מענטש וואָס סטראַשעט אַלעמען, אַז ער וועט זיך „אָפּרעכענען" — לעבט אָן אַ רעכענונג...

* * *

דער וואָס לעבט שטענדיג אויפן שוועלד, פאַרגעסט פון אַ מעסער פאַר ברויט...

* * *

רייד פון אַן „אָפּגעריסענעם נאַר" זיינען ווי אַ בלעטל פונעם קאַלענ־דאַר: זיין יעדער זאַג, איז אַ נעכטיגער טאָג...

קלוגשאַפט קאָן מען ניט קויפן, נאָר גוט איז דעם וואָס האַנדלט קלוג...

* * *

קוק אין דעם מענטשנ׳ס אויגן צו דערקענען זיין האַרץ, ווייל — אין דעם מענטשנ׳ס האַרץ איז שווער זיך צו דערגרונטעווען...

* * *

דער מענטש איז ווי אַ פעלד: ווען ער טרינקט זיך צופיל אָן ליגט ער אין — בלאָטע...

* * *

דער וואָס טראַכט היינט פאַר׳ן מאָרגן, וועט האָבן מאָרגן ווייניגער זאָרגן...

* * *

בוי ניט קיין הויז אויף מצבה־שטיינער, און בוי ניט קיין שטאַרקייט אויף אַ צווייטנס ביינער...

* * *

ער האָט ליב צו מאַכן אַ פייער, כדי מ׳זאָל אים אָנזען אַלס פייער־לעשער...

* * *

דער בעל־גאווה׳ניק, ווי דער רויך, האָט ליב זיך צו דרייען העכער פון קוימען, אָבער זיי באַרימערײַ פאַרשווינדט, ווי דער רויך פון ווינט...

* * *

ער קלייבט זיך אויס אַ גרינגן שליט־וועג, — פאָרן אין שליטן און זיצן אין מיטן...

* * *

קעגן פלאַכע געדאַנקען, וועט ניט העלפן דאָס פאַרשפּיצן דעם בלייפעדער...

* * *

וואו ער מאַכט אָן הלוואה — מעג מען נאָכ׳ן געלט גלייך פּראַווען אַ לוויה...

* * *

דער רייכער זוכט פערל פאַר פוץ, דער אָרעמאַן פערל־גרויפּן — פאַר אַ נוץ...

* * *

שלעכט איז מיט דעם מענטשן, וואָס מאַכט זיין אייגענע חרטה — צו בלאָטע.

* * *

ביטן אַ מיינונג איז ניט שלעכט, מ׳דאַרף אָבער פאַרשטיין ווער ס׳איז גערעכט.

* * *

ער האָט אַן אָפענע האַנט — אַ פּאַטש צו געבן...

* * *

אויף שפּראָצנדיקע גראָזן טרעט ניט קיין וועגן, און פון מענטשלעכן בלוט ניט שאַץ קיין פאַרמעגן.

* * *

דער וואָס האַלט ניט ריין זיין וואָרט, איז ווי ער וואָלט געטרונקען פון אַ שמוציגער קוואַרט...

* * *

אַ משל, אַ גליק־ווערטל האָט נאָר אַ באַדייט, ווען ס׳איז אין פּלאַץ און אין צייט...

* * *

דער קלאַנג פון געלט איז גאָרניט מוזיקאַליש, דאָך — האָבן מענטשן ליב צו „שפּילן" אויף דעם...

* * *

אַמאָל האָבן מיר דאָ אין אַמעריקע שטאַרק געליטן פון „טי־בי", איצט ליידן מיר פון „טי־ווי"...

* * *

זיין גאַנץ לעבן האָט ער געקאַרגט צו שפּאָרן פאַר אַ רעגנדיקן טאָג, נאָר מאַכט זיך אַז עס רעגנט, נעמט ער אַ צווייטנס רעגן־שירעם...

* * *

צו אַ מנין דאַרף מען טאַקע צען אידן, אָבער אַ בעל־תפילה קאָן זיין נאָר איינער...

* * *

זייער אַ פיינע מצבה, נאָר אויף אַ פרעמדן קבר...

* * *

פון אַרבעטן און ווערן פאַרגעלט ווערט מען ניט רייך אין געלט...

* * *

אַ טאַטע־מאַמע קען קיינער דעם יתום ניט געבן — אַ היים, אָבער, דאָס מוז מען געבן.

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס קאָנען ניט פאַרשטיין, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס פאַרשטייען, אַז זיי פאַרשטייען ניט...

* * *

פאַראַן גוט באַלעבאַטים, וואָס ווילן ניט, אַז עס זאָל זייערע אַרבעטער גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ, זעען זיי שוין, אַז דער אַרבעטער זאָל ניט האָבן קיין פּוטער...

* * *

פאַרשטעל דיין אויער געגן קעלט, נאָר ניט געגן דער בייז אויף דער וועלט...

* * *

דער וואָס האָט טאָרט, דעם פעלט ניט קיין ברויט, דער וואָס האָט לעבן, דעם שרעקט ניט דער טויט...

* * *

אַ גוטן פריינט קאָן מען ניט געפינען, דורך גוטער פריינטשאַפט קאָן מען אים פאַרדינען...

* * *

פרעג ניט ביי יענעם קיין עצה, ווען ער טראָגט אַ זאַק אויף דער פלייצע...

* * *

אין לאָטעריי, ווי אין דער מלחמה, האָט מען אַלע געלעגנהייטן צו פאַר־לירן און — גאָרניט צו געווינען...

* * *

דער גרעסטער חכם קאָן זיך אַמאָל מאַכן צום נאַר, אָבער דער נאַר מאַכט זיך ניט...

* * *

ער איז פון די צור־להכעיס׳ניקעס, וואָס אויב די וועלט איז קיילעכדיג — מוז ער אַליין זיין קרום...

* * *

ער איז אַ טיפּ, נאָר אַז איר ווילט פאַרציען, קאָנט איר זאָגן טיפּוש׳ל...

* * *

רחמנות האָט יעדער יתום פון אַ סך מאַמעס — ליבע פון איינער אויך ניט.

* * *

זאָג מיר דעם אמת — און גיב מיר ניט קיין קאָמפּעין־רעדע פון אַ פּאָליטישן...

* * *

בוי ניט קיין האָפענונג אויפ׳ן שיקזאַל, טו אַליין אויך עפּעס.

כאָטש דער חוצפה׳ניק און דעמאַגאָג טוען אַנדערע טאָטן, דאָך שטאַמען זיי פון איין טאַטן...

* * *

מענטשן קאָנען לערנען אַ סך פון טעאָריע ווי פון פּראַקטיק ווען — זיי לייגן צו אויך אַביסל דעם אייגענעם שכל...

* * *

ניטאָ ביי פּאָליטישנס קיין רחמנות,
פרעמד איז פאַר זיי סענטימענט.
ווי נאָר איינער ווערט הענטלאָז —
רייבט גלייך אַ צווייטער די הענט...

* * *

פון די גאָלדענע בערג, וואָס פּאָליטישנס זאָגן־צו פאַר די וואַלן, לאָזט זיך אויס אַלעמאָל אַ טייך, וואו זיי כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער, און די פאָלקס־מאַסן האָבן זיך צו באָדן אין הובות...

* * *

פּאָליטקשנס לעבן שטענדיג אַ טאָג — ביינאַכט, און מאַכן פון טאָג נאַכט — צו לעבן אַ טאָג...

* * *

די גוטע רעדעס, וואָס ווערן געהאַלטן פון די פּאָליטישנס, ווערן געשריבן פון „גהאָוסט ראַיטערס״ („גייסט״־שרייבער).
היינט גיי נאָך די וואַלן און זוך דעם גייסט...

* * *

* * *

אין צייט פון די וואַלן וואַרפט מען זיך מיט בלאָטע, וואָס דער זיגרייכער פּאָליטישן פאַרוואַנדלט שפּעטער אין גאָלד...

* * *

שאַץ ניט דעם קאַנדידאַט אין די וואַלן בלויז לויט דעם, וואָס ער זאָגט צו צו טאָן, נאָר אויך פון דעם, וואָס ער האָט געטאָן...

* * *

דאָס בילן פון אַ הונט אויף דער לבנה, שרעקט קיינעם ניט איבער, אָבער — דעם שלאָף שטערט ער...

* * *

די ערגסטע קרענק ביי מענטשן איז, ווען זיי זיינען געזונט און האָבן הנאה פון קרעכצן...

ווי די ווינטן זאָלן ניט ברענגען שרעק און פאַרניכטונג, ווילן דאָך מענטשן שטענדיק זען ווי „עס בלאָזן נייע ווינטן"...

* * *

אומזיסט קריגט מען ניט אפילו אַ פייג, סיידן — מ'פאַרדינט זיך דאָס ..

* * *

דער וואָס פאַרנעמט זיך צו בויען אַ צו־גרויסע נחלה, פאַרענדיקט זי אָפט מיט אַ מחלה...

* * *

דער וואָס גייט באַוואוסטזיניק אויף שלעכטע וועגן, קאָן ניט זיין קיין פירער אויף אַ גלייכן וועג...

* * *

מיט אַ ליגן קאָן מען אַזוי דרייען, אַז מ'זאָל אפילו דעם אמת פאַר־דרייען...

* * *

עס איז שייך און מענטשלעך צו לערנען פון אַ צווייטנס מוח. אָבער ס'איז גאַרנישט מענטשלעך צו עקספּלואַטירן פרעמדן כוח...

* * *

יעדער איינער שרייט, ער איז גערעכט, אפילו — ווען ער האַנדלט שלעכט...

* * *

די אויבער־וועלט האַלט זיך אויף פריידיגער, די אונטערוועלט — אויף פאַרטיידיגער...

* * *

די רעלסן ווייזן די ליניע פאַר דער באַן; דער מאַרקסיזם — דעם אַר־בעטסמאַן...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן זייער ליב — פיינט צו האָבן מענטשן...

* * *

מ'קאָן האָבן צוויי געזונטע אויערן און קיין זאַך ניט הערן און — בלויז איין מויל וואָס זאָל רעדן און עס זאָל ניט זיין וואָס צו הערן...

* * *

ווען אַ קינד שטאַרבט, איז אַ בראָך — ווען אַ מאַמע, איז אַ קלאָג.

* * *

אויף אַ געשריי אין וואַלד רופט זיך אָפּ דער עכאָ, אָבער העלפן — קאָן ער ניט...

ווען ער גייט איז מיט שטילע טריט; ווען ער רעדט — קאַכט און זידט...

* * *

צו זיין אַ גוטער דיריגענט איז ניט גענוג אַ זילבערן שטעקעלע, נאָר — גאָלדענע הענט...

* * *

אויף אַ ליגנער'ס שבועה קאָן מען אַזוי בויען, ווי אַ שווינדלער גע־טרויען...

* * *

די מערסטע פּאָליטישנס האַלטן פון דעם: ווילסטו פריידיגן אין די וואַלן דעם אמת, טאָ גיי אויפן עולם האמת...

* * *

מיט אַ מענטשן וואָס רעדט נאָר פון עסן, ווערט די פריינטשאַפט דער־עסן...

* * *

ס'איז בעסער צו האָבן ציבעלעס אין גאָרטן, ווי בלומען אויפ'ן בית־עולם...

* * *

מ'מעג פאַרברענגען, זיך אונטערהאַלטן, נאָר — ווי אַ מענטש זיך האַלטן...

* * *

אַ נאַר קאָן מען איינרעדן, אַ שוואַכלינג — איבעררעדן, און מיט אַ קלוגן — פאַרשטייט מען זיך אויפן וואונק...

* * *

אין דער פרעמד איז ער אַ גאַנצער מאַכער, אין דער היים — אַ דבר־אחר...

* * *

וואָס דער יהום איז קלענער — אַלץ גרעסער דער קלאָג.

* * *

דער אַרבעטער האָט אומריינע הענט פון זיין אַרבעט און ריין געלט. דער אויסבייטער גייט אַרום מיט ריינע הענט און זיין געלט איז אומריין...

* * *

דער וואָס הינקט אויף אַ פוס, קאָן אַמאָל ווערן געהאָלפן פון אַ שטעקן; און דער וואָס הינקט אויף עבֿרי, קאָן אפילו פון אַ בייטש ניט געהאָלפן ווערן...

די באַן פּיפּט — ניט צו שרעקן, און דער האָן קרייט — ניט צו וועקן...

* * *

קליידט זיך לויטן פּאַסאָן, שטאָלץ ווי אַ האָן, נאָר פּויל ווי אַ קאַץ — עפּעס צו טאָן...

* * *

ער עסט מיט התמדה, נאָר לערנען — אינגאַנצן אָן אַפּעטיט...

* * *

פאַר דעם רייכן איז קיין זאַך ניט צו טייער, ווען דאָס פאָלק צאָלט דעם שטייער...

* * *

דער וואָס זוכט אַ שיינעם וועג צו דערפאָלג, זאָל ניט גיין דורך פינצטע־רע אַלייען...

* * *

דאָרט וואו אַ פאָלק ווערט צעטיילט אויף קנאה און שנאה, איז אַ בראָך צו דער מדינה...

* * *

אויב טרערן זיינען אַ צייכן פון חרטה, איז אַ ציבעלע דער בעסטער מוסר־זאָגער...

* * *

ער איז פון די באַלעבאַטים, וואָס איז ניט קיין מענטש און ניט קיין גאָט, נאָר וואָס ער זאָגט, איז אַ געבאָט!...

* * *

אַנשטאָט ענטפערן מיט פאַקטן באַווייזט ער אַ ליגן אַ פריש־געבאַקטן...

* * *

דער זיג־זאַג גאַנג, איז אַ גלייכער וועג פאַר דער שלאַנג...

* * *

מיט רייכע הלומות, ווי מיט זיסע רייד פון בעל־טובות, קאָן מען ניט צאָלן קיין חובות...

* * *

אויפן קרומען וועג פון דורכפאַל טרעפט מען אָפט אָן דעם וועגווייזער צו אַ גלייכן וועג פאַר דערפאָלג...

* * *

אין קאַמף צווישן שקר און אמת, האָט דער שרייבער טעמעס...

* * *

צו זאָגן אַ גוטע זאַך איז פאַרן רשע, שטענדיג קשה...

די וואָגיגקייט פון אַ גוטן בוך קאָן מען אויף קיין וואָג ניט וועגן. אַ זאַך קאָן זיין שווער מיט שטיינער, און ניט זיין קיין פאַרמעגן...

* * *

לייענען אַ בוך און ניט לערנען פון אים, איז ווי קייען־גומי און ניט עסן...

* * *

דער טיפסטער ים האָט אַ דעק, דער לענגסטער שטעקן האָט אַן עק, אָבער חוצפה — האָט ניט קיין ברעג...

* * *

דעם פישער׳ס האָפענונג, ליגט אין וואַסער און דעם פויער׳ס — אין דר׳ערד...

* * *

דער וואָס שווימט געגן שטראָם, מוז אָפט שלינגען דעם שוים...

* * *

פון קריכן אויף גלייכע ווענט, קאָן מען אויך פאַלן...

* * *

דער וואָס ליידט פון עגאָמאַניע איז גרייט זיך אַליין אַ קניפּ צו טאָן — אַבי ער זאָל פילן דעם „איך"...

* * *

ער פאַרגינט ניט אַן אָרעמאַן אַ גרינגן פאַסטן און אַ טויטן אַ שיינעם קאַסטן...

* * *

ער איז אַזוי רייך, אַז ערווישט זיך די אויגן־גלעזער מיט אַ צוואַנציג דאָלאַר־ביל...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס ווענדן אָן אומערלעכע מעטאָדן זיך צו שאַפן אַן ערלעכן נאָמען. דערפאַר פאַרדינען זיי אָבער ערלעך די שטראָף ווען מ׳דעקט זיי אויף...

* * *

דער נאַר זעט ניט קיין געפאַר...

* * *

ער האָט אַ לויזע צונג און — אַ שטייפע האַנט...

* * *

דער שטן האַלט זיך אַזוי נאָענט מיט דעם מענטשן און דאָך — ווייזט ער שטענדיג נאָר די שטנ׳דיגע זייט...

אַ קינד ביי עלטערן איז אַן אויג אין קאָפּ — עלטערן פאַר קינדער זיינען ביידע אויגן.

* * *

דער וואָס רוט זיך ניט אָפּ פון צייט צו צייט, זוכט פאַר זיך אייביגע רו...

* * *

ער איז פון די, וואָס האָבן ליב געלט ווי דאָס לעבן, נאָר ווי צו לעבן ווייסן זיי ניט...

* * *

מ׳קאָן האָבן פעלדער, וועלדער, בערג און היילן, און דאָך פאַרנוצן נאָר — פיר איילן...

* * *

אָדם האָט ניט געקאָנט זיך קיין איבערקלייבער, ער האָט געמוזט נע־מען דאָס וואָס איז געווען צו דער האַנט...

* * *

דער פויגל פון דרויסן איז מקנא דעם פויגל אין שטייג, און דער פויגל פון שטייג וויל זיין אין דרויסן אויפן צווייג.

* * *

דער אָרעמאַן עסט שטענדיג פרישע שפייז, ווייל עס בלייבט גאָרניט פון נעכטן.

* * *

דער קאָפּ איז אים אַזוי פאַרדרייט, אַז ער ווייסט שוין ניט וואו דער דאַשעק געפינט זיך.

* * *

די מייז זוכן ריח, און די קעץ — די מייז...

* * *

ווען ער איז גוט, רעדט ער ווי אַ קינד, ווערט ער בייז — קאָן ער בייסן הינט.

* * *

טאָן עפּעס איז ער פויל, אָבער טאָן צולהכעיס — אַ גרויל.

* * *

ווען איך האָב דעם צאָן־ווייטאָג ביי יענעם אין מויל, וואָלט איך אויך ניט געשריען.

* * *

ווער עס האָלט פון יד־אחת, ער — פון ביד חזקה.

ס'איז ניט געגאנגען צו זיין צופרידן מיט דעם וואָס דו האָסט, דו מוזט פאַדערן אויך דאָס וואָס דו דאַרפסט האָבן...

* * *

איינער ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיין רייכקייט, און אַ צווייטער ווייס ניט וואָס ער זאָל טאָן, ווייל — ער האָט ניט וואָס צו טאָן...

* * *

ס'איז גאָרניט אַזוי פיין צו פרייען זיך מיט דעם, וואָס יענער איז אַ גרעסערער קאַליקע פון דיר. ס'איז מענטשלעכער צו ווינטשן יענעם דאָס וואָס דו ווינטשט זיך...

* * *

איינעמס לייד קען זיין אַ צווייטנס פרייד, — ווי, צום ביישפּיל, ווען אַ באָס מוז נאָכגעבן זיינע אַרבעטער...

* * *

עס איז גוט צו האָבן געלט, ווען מ'דאַרף דאָס האָבן. נאָר שלעכט איז מיט געלט — ווען מ'האַלט דאָס באַגראָבן...

* * *

גייסטו אין גאַס, קוק זיך אַרום; האַנדלט זיך וועגן כבוד, קוק אַראָפּ. נאָר צו דיין אידעאַל — קוק אַרויף!

* * *

ניט פון לויפן און יאָגן קען מען זיך צו עפּעס דערשלאָגן...

* * *

ער איז פון די מענטשן וואָס ווילן אַלץ איבערמאַכן, נאָר — ניט זיך.

* * *

דער וואָס אַרבעט איבערן כוח, קען ניט באַנוצן זיין מוח...

* * *

יעדע זאַך האָט אַ באַדייטונג אין זיין פּלאַץ און אָרט. אין טינטער איז טינט — טינט אויף פּאַפּיר איז דאָס — וואָרט...

* * *

אויף אַ באַרג מוז מען קלעטערן, אין טאָל קען מען פאַלן פון זיך אַליין...

* * *

דער שרייבער, וואָס קען ניט פאַרנעמען קיין קריטיק אויף זיין שאַפן, וועט שוין בלייבן שטיין אויף אַן אָרט, ווי אַ פאַרזשאַווערטע שיף אין האַפן...

* * *

דער וואָס איז אַ מבין אויף דימענטן, ווייסט ווי זיי צו שאַצן. ער קען זיך אויף די פינטעלעך, אויף די פלעקן, און אויף די קראַצן...

ליבּ־געזאָגנגען אין אַ קריטיק אויף אַ בוך, העלפֿן טאַקע דעם מחבר אין פֿאַרקויף, אָבער אַ געזונטע קריטיק, וואָס ווייזט אָן חסרונות העלפֿט דעם שרייבער אין שרייבן.

* * *

אויך דער דאָרן אין פֿעלד, איז אַמאָל געווען אַ גאַנצער העלד...

* * *

אויב דו ווילסט, אַז דיין וואָרט זאָל זיך צו יענעמס אויער דערטראָגן, מוזטו אויך הערן וואָס דער צווייטער האָט צו זאָגן...

* * *

ער איז פֿון די וואָס היטן אָפּ פּינקטלעכקייט. ער קומט שטענדיק פּינקט־לעך — אַ האַלבע שעה שפּעט...

* * *

דער וואָס ווערט אַרויפֿגעשטופּט אויפֿן לייטער פֿון דערפֿאָלג, האַלט זיך צו זיכערער ווי דער וואָס איז אַליין אַרויפֿגעקראָכן...

* * *

ער קאָן קיין צוויי ניט ציילן און גיט באַפֿעלן...

* * *

אַ פּראַקטישער מענטש איז דער, וואָס פֿאַרבייט די פֿליגלען פֿון זיין פֿאַנטאַזיע אויף שטייענדיגע פֿיס...

* * *

ער איז אַזוי ווייט פֿון אמת, ווי דער אמת פֿון ליגן...

* * *

די קראָפּיווע וועט מיר ניט פֿאַר׳מיאוס׳ן אין גאָרטן די בלומען...

* * *

ער אַרבעט אַלע יאָרן, פֿאַר דער עלטער צו שפּאָרן, נאָר ווייסט ניט ווי צו שפּאָרן, פֿאַר די עלטער די יאָרן...

* * *

זיי ניט קיין „שוואַרץ־קינצלער" און לייג זיך ניט קיין פֿייגעלעך אין בוזעם...

* * *

נאָר אַ מאַמע זעט די מעלות פֿון איר קינד — דערפֿאַר ווערן אַ סך יתומים „פֿאַרזען"...

* * *

ער איז פֿון יענע רעדנער וואָס האַלטן אָפּ אַ קיילעכדיקע רעדע — ס'הייסט, אַ רעדע וואָס פֿאַרמאָגט ניט קיין איין שפּיץ אין זיך...

האָט שכל פון אַ קינד, און פּאַשעט זיך ווי אַ רינד...

* * *

אַט אין אַזאַ פאַרקערטער וועלט לעבן מיר: ווינטער שטייט דער בוים נאַקעט און זומער, אין די גרויסע היצן, איז ער באַקליידט...

* * *

שווער צו רעדן וועגן דערציאונג, ווען ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו דער־ציען ביז מאָרגן...

* * *

צייל ריכטיג, וועט מען דיר ניט קוקן אויף די פינגער...

* * *

דער לענדלאָרד וועט ניט אויפהערן צו פאַרכאַפּן לאַנד, ביז ער קריגט ניט די לעצטע פיר איילן ערד...

* * *

ער קוקט אויף אַלע זייטן — און זעט זיך...

* * *

דאָס איז אַ פּאַר — ווי אַ גוט שבת מיט אַ שוואַרץ יאָר...

* * *

ער איז אַזוי שיכור, אַז ער ווייסט שוין ניט וואָס ער רעדט. דאַכט זיך, אים איז ביטער אין מויל, נאָר — ער שרייט אַלץ לחיים...

* * *

ער מיט זיין ערליכקייט, קאָן זיך שפּיגלען אין בלאָטע...

* * *

ער איז אַזוי העפלעך, אַז ער זאָגט אפילו אַ דאַנק פאַר אַ פּאַטש...

* * *

דער וואָס וויל ניט לעבן אין ערדישע תהום'ען — זאָל ניט צובאַמקען אויף פאַלשקייטן — אָמן...

* * *

אַ סענט איז אַ גליק פאַר דעם נויט־באַדערפטיגן — אַ דאָלאַר איז אַ קוש.

* * *

דו ביזט שטענדיג זיכער מיט דער צאָל פאַטעלקעס אין דיין מאַנטל, אָבער ניט מיט די קנעפּלעך...

* * *

דער שפּיגל קאָן ווייזן פון איין מענטשן צוויי, אָבער קאָן ניט ווייזן פון אַן אוממענטש — אַ מענטשן...

דער, וואָס לאָזט זיך חנפ'ענען, איז אליין אַ גוטער חונף...

* * *

דורך אַ צופאַל קאָן קומען אַן איינפאַל און — אַן אומגליקספאַל...

* * *

אַ גאַסט איז זייער ליב, נאָר ווען ער קומט צו אָפט איז ער שוין ניט קיין גאַסט...

* * *

אַ שאַרפער געדאַנק שניידט ניט, נאָר ער — פאַרבינדט...

* * *

דאָס אידיש לעבן איז ווי אַקציעס אויף דער בירזשע, אַ סימן: די אידישע אַקציעס זיינען שטענדיג אין אַ צושטאַנד פון שטייגן און פאַלן...

* * *

ער טרינקט ווי אַ פיש, נאָר קומט צו עפּעס — קאָן ער ניט גיין און ניט שווימען...

* * *

דער מענטש באַקלאָגט זיך אָפט, אַז ער האָט ניט קיין מזל, נאָר וועגן שכל טראַכט ער גאָרניט...

* * *

איצט, אַז ער קאָן שוין לעבן אַ טאָג, האַלט ער ביים זאָגן אַ גוטע נאַכט...

* * *

ער איז פון די, וואָס האָבן ליב אין וואַשינגטאָן זיך קהל'ן און אין מיאַמי זיך קילן...

* * *

ער איז אַזאַ אידעלער מענטש, אַז אפילו עמיצן אַ קראַץ צו טאָן פוצט ער אָפּ די נעגל...

* * *

דער הונט שפּילט זיך אַלע מאָל מיטן ביין, ווייל מיט'ן פליש שפּילט ער זיך ניט...

* * *

אויף אַ וויסטן פעלד פילט זיך יעדער גראָז ווי ביי זיך אין דער היים.

* * *

ווען די באָן פאָרט, פייפט זי און שרייט ווי אַ גרויסער בעל-גאווה, וואָס וויל זיך לאָזן הערן; און איבער איר פליט אַ פויגל הויך, שרייט ניט, פייפט ניט און לאָזט ניט קיין רויך...

וואָס טיפער דער טאָל, אַלץ העכער דער באַרג: וואָס פּוסטער דער קאָפּ — אַלץ שמאַלציגער דער קאַרק...

* * *

די נאַטור האָט אַנגעוואָרפן אַזוי פיל שיינקייט אין די בערג און טאָלן, ווי זי וואָלט וועלן באַזאָרגן טעמעס פאַר אַלע מאָלער צו מאָלן.

* * *

פאַלש איז די פּריינטשאַפט דורך שנאַפּס אין אַ קערטל, אָבער מ'קאָן ווערן אמת'ע שונאים דורך אַ נאַריש ווערטל.

* * *

ווען אַ ליגנער זאָגט אַמאָל אַן אמת אַנטשולדיגט ער זיך באַלד, אַז ניט דאָס האָט ער געמיינט...

* * *

דער ערלעכער דיכטער איז דער, צו וועמענס פעדער די פאָלקס־מאַסן ליגן צו אַן אויער — כדי צו הערן דאָס קלאַפּן פון אַ מענטשלעכע האַרץ...

* * *

ווען דעם קינסטלער־מאָלער געלינגט אָפּצומאָלן די ריכטיגע קאָלירן פון אַ זון־אונטערגאַנג — שיינט אויף פאַרן מאָלער די זון...

* * *

בעסער צוויי מאָל פרעגן איידער איין מאָל ניט טרעפן...

* * *

דער וואָס שפּיגלט זיך אין בלאָטע, בלייבט מיט אַ בלאָטיגן פּנים...

* * *

דער וואָס לעבט אין פינצטערניש, שרעקט זיך אָפּט פאַר ליכט...

* * *

דער מענטש קאָן זיך זען אין שפּיגל, אַנדערע קאָנען אים זען — פון זיינע האַנדלונגען...

* * *

ער איז פון די פּוסטע פּראָנטן, וואָס טראָגט אַ שטעקן, ווייל — אין צוויקען איז פריילעכער...

* * *

ער באַלאַנגט צו די, אויף וועמען מ'וועט אפשר נאָכן טויט קאָנען געפינען אַ זכות...

* * *

דאַכט זיך, קיינער האָט ניט קיין גוט וואָרט פאַרן טויט, און דאָך — צאָלן מענטשן מיטן לעבן פאַר דעם...

מ׳קאָן אַ קלוגן אָפּנאַרן, אָבער אַ נאַר — נאַרט זיך אַליין...

* * *

דער מענטש, וואָס בלאָזט זיך ווי אַ באַלאָן, קאָן ווייט אַליין ניט פליען, און אויך ניט פירן אַנדערע...

* * *

אפילו אַן אײַזערנע טיר, ווען ס׳ווערט איר עפּעס שווער, סקריפּעט זי...

* * *

ניט געבויג, וואָס עס פעלט אין טעלער גרויפּן, ליגט דאָרט נאָך צופיל זאַלץ...

* * *

ווי צערטלעך איר זאָלט ניט האַלטן קראָפּיווע אין האַנט, וועט דאָס אייך אַלץ בײַסן...

* * *

די טורמע איז ניט אַזוי שרעקלעך, ווי דער שלאָס...

* * *

גוט־מאָרגן גייט שטענדיג מיט אַ גוט־יאָר, און אַ זעץ אין זייט — מיט אַן אַנטשולדיגונג...

* * *

דאָס בעסטע, וואָס מ׳קאָן זאָגן וועגן אַ שונא, איז — אין אַ נעקראָ־לאָג...

* * *

ער האָט זיך קיין עין־הרע ניט אַזוי אויסגעפּאַשעט, ווי ער וואָלט זיין אַ „מאָדעל" פאַר אַ וואורשט־פאַבריק...

* * *

דער, וואָס קאָן אַ גוטן געדאַנק „צעקייען", וועט אים אויך קאָנען „פאַר־דייען"...

* * *

ער לעבט, ווי אַ טשוואָק אין וואַנט: אײַנזאַם, שטייט אויף איין אָרט און זשאַווערט...

* * *

דער, וואָס גייט ניט מיט זייטיגע וועגן, וועט ניט בלאָנדזשען; דער, וואָס רעדט קלאָרע דיבורים, דאַרף ניט איבערזאָגן וואָס ער האָט געזאָגט...

* * *

פאַר גוטע פערד דאַרף מען ניט קיין בייטשן, קלאָרע געדאַנקען דאַרף מען ניט טייטשן...

דער שאָף פאַלט ניט אַזוי שווער — ווי דער באָס...

* * *

צו געווינען מענטשן פריינט, מוז מען האַנדלען מענטשלעך־פריינטלעך.

* * *

געפּאַלנקייט פון אַ מענטשן קאָן מען ניט מעסטן מיט אַן אַרשין און צוריקכאַפּן אַ וואָרט קאָן מען ניט מיט אַ מאַשין...

* * *

פאַראַן דיכטער וואָס וועגן און מעסטן יעדער וואָרט, דאָך איז פאַלש זייער וואָג און מאָס פאַרן פאָלק...

* * *

פּוסטע צוזאָגן, מיין פריינט, האָבן פאַר מיר אַזאַ ווערט, ווי מ'זאָגט דעם מת צו דעם הימל און ער ליגט טיף אין דר'ערד...

* * *

האַנדלען מיט אַ שווינדלער, אַ דרייער, איז ווי טראָגן אין קעשענע אייער...

* * *

ווען איינער איז צו באַרעדעוודיג, טאָ וואָרט אויף דער געלעגנהייט, ווען ער וועט זיך שניידן מאַנדלען („טאונסלס")...

* * *

מ'זאָגט, אַז פון אַ סך מלאכות איז ווייניג ברכות, אָבער פון אַ סך פרעמדע קרעפּטן, מאַכט מען גוטע געשעפטן...

* * *

ווען אַ טאַטע פעלט, איז ווי אָן אַ האַנט; אָן אַ מאַמע — איז ווי אָן אַ האַרץ...

* * *

קראָפּיווע קאָן וואַקסן אָן דעם גאָרטן צו יעטן,<br>און חיות קאָנען שלאָפן אויף שטיינערנע בעטן.

* * *

אין האַרמאָנישן שאַפן פון גאָלדענער פען, ווייסן פּאַפּיר און שוואַרצן טינט, ווערט געבוירן אַ ווערק.

* * *

אויל אין אַ לאַנד קאָן ברענגען ליכטיגקייט און — קאָן האַלטן דאָס פאָלק שטענדיג אויף דער סקאָוואָראָדע...

* * *

דער וואָס וויל שלאָפן אין רו — מוז אַלץ לאָזן צורו...

ביי דעם אָרעמאַן פאַלט שטענדיג מיט דער פּוטער אַראָפּ. דער רייכער שמירט אויף ביידע זייטן און — ביי אים פאַלט ניט...

* * *

דער אידעאַליסט איז גרייט צו טאָן זיין אַרבעט מיט מסירת־נפש, און דער פאַרדעטער איז אַ נפש, וואָס איז גרייט צו טאָן זיין אַרבעט מיט מסירה...

* * *

אַן אַפאָריזם, אַ גליידך־וואָרט, שפּאָרט אָפּט רייד אַ קוואָרט...

* * *

ער איז ווי דעם רבי'ס טייטל: ווייזט יענעם וואָס צו לערנען, און קאָן אַליין ניט אפילו דעם אלף־בית...

* * *

אַז ער איז אַ יתום, מעג ער שוין ברעכן שויבן, כאַפּן טויבן, און מען מוז אים נאָך לויבן?...

* * *

דער וואָס קעמפט מיט אומרעכט פאַר זיין רעכט, מאַכט זיין רעכט — שלעכט...

* * *

האָט שכל פון אַ הון, אָנשטעל פון אַ האָן, בלאָזט זיך ווי אַ אינדיק, עסט ווי אַ גאַנז, און — כפּרות שלאָגן מיט אים קאָן מען ניט...

* * *

* * *

אין אַ הייז, וואו עס פעלט צום העמד אַ קנעפּל, און אַ דעקל צום טעפּל, פעלט אויך אַ באַלעבאָסטע...

* * *

דער וואָס האַלט זיך אין איין שרעקן פאַרן מאָרגן, איז שוין קיינמאָל ניט פריי פון זאָרגן...

* * *

פון צוויי קאָן מען ניט מאַכן קיין מזומן, און פון קראַפּיווע קיין בלו־מען...

* * *

ביי דער געליבטער בעט די האַנט, אַ פריינט — גיב די האַנט, נאָר אויף אַ פּאָליטישן האַלט אָן אויג אויף זיינע ביידע הענט...

* * *

יעדער פייגל וועט פאַרבייטן אַ גאָלדענע שטייג — אויף אַ הילצערנעם צווייג...

לויפן מיילן — מיינט ניט זיך פאַרווילן...

* * *

ביים אָרעמאַן איז די טאָרבע טייערער, ווי ביים רייכן דער טייסטער...

* * *

דער, וואָס טיילט זיך מיטן ביסן, האָט אַ ריינעם געוויסן...

* * *

אויך רייכע לעבן פון האַנט אין מויל, נאָר — מיט אַ זילבערנעם לעפל...

* * *

* * *

עלטערן, וואָס ווילן „לערנען" זייערע קינדער דורך שלאָגן זיי, וועלן אויסלערנען די קינדער ווי צוריקצושלאָגן...

* * *

דערפאָלג איז אַ געשמאַקער ביסן, נאָר ווען מ'כאַפּט־אַריין אַ צו־גרויסן ביסן, קריגט מען אַנשטאָט בויך־ווייטאָג — אַ געשוואָלענעם קאָפּ...

* * *

ווען אַן אומגליקלעכער מענטש דערגרייכט עפּעס, פילט ער דעם אמת'ן טעם פון גליק...

* * *

מיט דעם אַליין, וואָס אַ מענטש וויל וויסן האָט ער שוין וויסן...

* * *

אַ קוועטש מיט דער פּלייצע, אַ קוק מיט'ן אויג, אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ שקאַל מיט'ן קאָפּ — רעדט אַמאָל זייער אַ סך פון האַרצן אַראָפּ...

* * *

ווען איר מאַכט אַ קאַטשערע גלייך, איז דאָס קרום געמאַכט...

* * *

יעדע הויז בויטיגט זיך אין אַ בעזים, נאָר פונדעסטוועגן וועט מען אים ניט שטעלן אויבן אָן...

* * *

אפילו דער העכסטער לייטער האָט אַ לעצטן שטאַפּל...

* * *

ווען דו ביזט אויף אַ באַרג, געדענק, אַז ס'איז פאַראַן אַ טאָל, און ווען דו געפינסט זיך אין טאָל — שרעק זיך ניט אָפּ צו קלעטערן אויפ'ן באַרג...

* * *

באַדאַרפט וואָלט ער זיין אַ פיר־פיסיגער, נאָר ער פאַרדעקט דאָס מיט אַ פּאָר שיך און אַ פּאָר הענטשקעס...

ער טרינקט קיינמאָל ניט אויפ׳ן ניכטערן האַרצן, אויב איר װעט אים שיכור — איז דאָס — פון נעכטן...

* * *

ער איז פון די געשעפטסלייט, וואָס אויף אַן אָרענטלעכן אופן, קאָן ער גאָר ניט פאַרקריכן...

* * *

אין וואַלד געפינען זיך טאַקע חיות, נאָר צוליב דעם וועט מען ניט אויסהאַקן די ביימער...

* * *

עס ווינען פאַראַן שוואַרצע זשוקעס, גרינע זשוקעס, יאַפּאַנעזישע זשור־קעס און — בור־זשוקעס...

* * *

ער האָט פיינט צו קומען שפּעט, ער האַלט פון פסוק: רעגן צי שניי — איך גיי!...

* * *

די פירן זיך אויף ווי די כוואַליעס פון ים — איינע די צווייטע איז גרייט צו הערטרינקען...

* * *

דער, וואָס דאַרף אַ שטעקן אונטערצושפּאַרן אַ טיר. וועט ניט טראַכטן פון אַ שטעקן פאַר שפּאַציר...

* * *

דער מענטש, וואָס גייט אַרום מיט פליגן אין נאָז, טראָגט גיפט פון אַ שפּין אויף די ליפּן...

* * *

יעדער מענטש וועט גיכער דערפילן אַ נאָדל־שטאָך אין אייגענעם פינ־גער, ווי אַ צאָן־ווייטאָג ביי יענעם...

* * *

ווען איר גיט אַ גאַנצן בוקעט פון די „פאַרגעס מיך ניט״ בלומען — פאַרגעסט טאַקע ניט אויך צו געבן אייער אַדרעס...

* * *

שלעכט איז מיט יענע הערצער, וואו עס ראַנגלען זיך קאָץ־און־מויז; אָבער — נאָך ערגער איז מיט אַ מוח, וואו עס געפינט זיך אַ משוגעים־הויז...

* * *

דער וואָס וויל פון לעבן געניסן — דאַרף ווי אַזוי צו לעבן וויסן...

בײַ אַן אָפּגעלאָזענער באַלעבאָסטע איז שמוציק דאָס טעפּל, דאָס קלייד אַן אַ קנעפּל, און בײַם קינד ניט געוואַשן דאָס קעפּל...

* * *

היט זיך פאַר אַ מכשפה אַ קרובה, פון אַ באַרימער אַ בעל־טובה און פון אַ גאַסט אַ וואָל־וסובא...

* * *

אויף זיינס אַ וואָרט קאָן מען בויען אַ קאָרטן־שטיבל...

* * *

פון אַ חזיר מוז מען אפילו דאָס ביסל חזיר־האָר, וואָס מ׳קריגט בײַם לעבן, אַרויסרייסן מיט געוואַלד...

* * *

וועגן אים איז פאַראַן אַ מיינונגס־פאַרשיידנקייט: דאָקטוירים זאָגן, אַז ער האָט צופיל וואַג און מענטשן זאָגן, אַז ער איז אַ פוסטע כלי...

* * *

דרייצן — איז ניט קיין טויץ, און צופיל צאַצקעס — איז ניט קיין פוץ...

* * *

פּרוּוו ניט קלינגען מיט דיין קלייגעלט, ווען יענער האַלט קנאַקענדיקע צענערלעך...

* * *

דער מענטש, וואָס קאָן אין קאָרטן־שפּיל פאַרלירן זיינע שכירות, האָט שוין אויך פאַרלאָרן זיין חרפּה...

* * *

אַ קינד טאָר מען ניט צופיל רימען און — אויך ניט שלאָגן מיט קיין רימען...

* * *

אַ יוניאָן, וואָס ציט איר יניקה פון געוויסנלאָזע פירער, איז ווי אַ בוים צווישן אַ באַרג מיט שטיינער...

* * *

ניט צו האָבן קיין טעות, מוז מען אַלץ און אַלעמען ריכטיג ציילן און — זיך אויך...

* * *

דער שיקזאַל פון מענטשן איז אַמאָל בלינד, ווי דער קוק אויף אַ ווייס־פּאַפּיר, אויף וועלכן עמיצער קאָן צו יעדער צייט אָנשרייבן פרייד און לייד...

אין קאַמף די מענטשהייט צו באַפרייען — איז גלויבן אין פאָלק, דער שטאַרקסטער בלי־זיין!

* * *

דער מענטש, וואָס פאַרפעלט צו טאָן אַ צווייטן אַ טובה, טוט אויך זיך ניט קיין טובה...

* * *

אפילו כרייק, ווען איר פּוצט דאָס צו מיט אַ רויטן בוראַק, ווערט עס שיין...

* * *

מ'קאָן טראָגן אַ זיידענע קאַפּאָטע און האָבן אַ כאַראַקטער פון בלאָטע ..

* * *

אויף די וועלכע קוקן כלומרשט מיט פאַרגלאָצטע אויגן צו גאָט, קוקן אָפט מענטשן מיט קלאָרע אויגן פון שפּאָט...

* * *

ער איז פון די מענטשן, וואָס זייער רעדן איז וואָרטלאָז, און דאָך — רייסן זיי זיך שטענדיג צום וואָרט...

* * *

אַ ווינט קאָן פאַרקילן, אַ ווינט קאָן אָפּקילן, אַ ווינט קאָן דרייען מילן, נאָר — ווי איז צו דעם וואָס האָט ווינטיגע צילן...

* * *

צו פליען מיט אַן עראָפּלאַן, מוזט איר האָבן אַ מאַפּע, אָבער איר דאַרפט אויך וויסן דעם וועג, אפילו ווען איר פאָרט מיט אַ שקאַפּע...

* * *

אַ מענטש מעג זיך אַמאָל אין זיינע רייד צעהיצן, אָבער ניט צעהיצ־לעווען...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען פּאַסיוו צו אַלץ וואָס מ'דאַרף טאָן, און — פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען ניט פּאַסיוו, נאָר — פאַרשיוו אין אַלץ וואָס זיי טוען...

* * *

פאַראַן אַזעלכע שלעכטע מענטשן, וועלכע האָבן פון אַלעם־גוטן און דאָך — זיינען זיי גרייט צו ווערן קברנים אַבי לייגן יענעם אין דר'ערד...

* * *

פאַר דעם קולטור־מענטש זיינען גוטע ווערק, אַ גייסטרייכע פּאַטראָנע, פונקט ווי פאַר דעם הונגעריגן — ברויט, פּוטער און קאַווע.

אַ סך מענטשן ליידן פאַר זייער גלויבן: זיי גלויבן אַז זיי וועלן קאָנען אָפּנאַרן אַ צווייטן, צום סוף בלייבן זיי אַליין צום נאַר...

* * *

דער מענטש וואָס ווייסט, אַז ניט אַלץ קאָן מען וויסן, קאָן נאָך פון לערנען אַ סך געניסן.

* * *

דער באַנקיר האָט ליב אָרעם און רייך: דער אָרעמאַן זאָל ביי אים באָרגן און דער רייכער זאָל גוט זאָגן...

* * *

פון שוואַרצע טינט אויף פּאַפּיר, קאָן זיך שאַפן בייז בלוט ביי מענטשן...

* * *

בעסער אַן אייגן העמד — ווי אַ געבאָרגענער פראַק. .

* * *

דער וואָס נוצט די הענט צום וואַשן זיך — פאַרשפּאָרט זיי נוצן צום קראַצן זיך...

* * *

זיי זיינען ווי דער צדיק מיט'ן לאַנגן צדיק, וואוינען איינער לעבן צווייטן — נאָר רעדן ניט צווישן זיך אַ וואָרט...

* * *

ווען איינער בעט ביי דיר אַ רידל — גיב אים ניט קיין פידל. .

* * *

צו דערגרייכן הויכע געדאַנקען דאַרף מען גוטע קעפּ — ניט קיין טרעפּ ..

* * *

ער איז ווי אַן אָפּגעלעבט פערד: ער האָט ניט קיין שטעל, און עס ציטערט די פעל...

* * *

ער איז אַזוי בלינד, אַז ער זעט ניט זיינע אייגענע פאַרשטאָכענע אויגן...

* * *

זיי זיינען צוויי שותפים, ווי אַ טעאַטער־פאַרוואַלטער און אַן אַקטיאָר: איינער טראַכט פון אייננאַמע, דער צווייטער פון א ו י ס נאַמע...

* * *

דאָס גוטע אין עלטער־פּענסיע איז וואָס מ'דערוויסט זיך, אַז מ'האָט זיך אָפּגעשפּאָרט אַן עלטער...

* * *

גאָט ליגט ביי אים אויף די ליפּן, נאָר גאָט׳ס־געבאָט — אפילו ניט אין די פּיאַטעס...

* * *

איז איינער אַ שרעקנזיגער האָז, מאַכט מען אים אַוועק מיט אַ בלאָז, איז איינער אַ דרייסטער, זאָגט מען — זיין חוצפּה באַווייזט ער...

* * *

עסן אַלע טאָג צימעס, ווערט אויך נמאס, סיידן — בייטן די מעניו און דאָס רופן „וואַרעניע״...

* * *

זיינס אַ וואָרט דאַרפסטו איר אַלע מאָל נעמען מיט אַביסל זאַלץ, און דער־נאָך — אויסשפּייען...

* * *

דער קאָמיקער אויף דער בינע איז דער שטענדיגער לץ. דער סטאָר — איז זייער אָפט דער פאַד־לץ...

* * *

מ׳קאָן זיין צוויי פּנים׳דיג און צוויי גאָמבעדיג און דאָך — ניט האָבן קיין פּנים ביי מענטשן...

* * *

ער איז פון די חלב׳ענע ליכטלעך וואָס גיט ווייניג ליכט, נאָר — לאָזט זיך אַ סך הערן...

* * *

ער עסט זיך אויף אַ לעבעדיגער, אָן אַ ברכה...

* * *

פּרוּוו ניט צופּיל רייסן אָדער לויבן — אויב די ווילסט מ׳זאָל דיר גלויבן...

* * *

דער טרינקער איז אַלע מאָל גרייט מקריב צו זיין דעם „לחיים״ פאַר יענעמס געזונט...

* * *

רייס זיך ניט צו פליען אין די הימלען, ווערסטו ניט פאַלן אין בלאָטע...

* * *

ווען איינער ליידט פון געוויסנביסן, ווערט קיין קאָם אים גאַרניט העלפן...

* * *

איינער קריגט פּריזן פאַר זיינע פלינקע פינגער איבער דער פּיאַנאָ, און איינער קריגט „פּריזאָן״ פאַר זיינע פלינקע פינגער איבער קעשענעס...

ער גייט אַרום אַ מת און ווייסט ניט אַז ער דאַרף ליגן...

* * *

* * *

דער וואָס פליט ווילד מיט'ן אויטאָמאָביל, ווייל ניט זען די געפאַר, ווען די געפאַר טרעפט אים אין פּנים, קאָן ער איר שוין ניט זען...

* * *

ער באַקט איך אַפּ אַ ליגן פריש פון אויוון, נאָר עס איז ניט צום צע־קייען און ניט צו פאַרדייען...

* * *

ביי אים איז איין פרייז, ווי פינף, זעקס און זיבן סענט אַ בייגל...

* * *

ער האָט אַ כעמישע פאַבריק אין זיך: אייזערנע הענט, אַ שטיינערנע האַרץ, אַ קופּערנעם שטערן, אַ וואַסערדיגן מוח און אַ גומענע צונג...

* * *

פונקט ווי אַ פייער אַזוי איז אַ לשון: איר גיט ניט קיין הייץ־שטאָף — ווערט עס פאַרלאָשן...

* * *

אַ מענטש איז ווי אַ זייגער: ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיין גאַנג איז פאַלש ווייל מען אים שוין ניט אָנקוקן. .

* * *

עס זיינען פאַראַן בעלנים אויפן פוטער פון טכויר, אָבער קיינער וואָלט ניט זיין קיין בעלן זיך צו געפינען אין אַ טכוירישער אַטמאָספערע...

* * *

דער שני פאַרלירט זיין שיינעם אויסזען ווען ער „פאַרשפילט" זיך מיט אַ זאָווערוכע...

* * *

אַן אבן נגף (אַ שטרויכל־שטיין) קאָן זיין געפערלעך ווען ער ליגט אין וועג. ער קאָן אָבער ווערן אַן אבן־טוב ווען מ'לייגט אים אַרויף פאַר אַ פונ־דאַמענט...

* * *

אַ פאַנטאַזיע קאָן זיין אַזוי לאַנג שיין ביז זי ווערט אַ ווירקלעכקייט. און אין דער ווירקלעכקייט קאָן דאָס ווערן גאָרניט אַזוי שיין...

* * *

מ'ווערט אַלט און גרוי, ביז מ'שאַצט אָפּ דעם ווערט פון יוגנט.

* * *

איך וואָלט אים געטרויט אַ גאָלדענע קייט אויף די הענט... אָבער ניט קיין סענט...

* * *

ער מיט'ן אַפּעטיט פֿאַרשטייען זיך ניט: דער מאָגן וויל עסן, און ער מאַכט זיך פֿאַרגעסן...

* * *

מ'קאָן פֿון אַ סך זאַכן מאַכן אַ גוטן צימעס צום עסן. עס איז אָבער ניט שיין צו מאַכן פֿון עסן אַ צימעס...

* * *

וואַרף זיך ניט ניט הײַנט מיט'ן ביסן, מאָרגן קאָנסטו דאָס וועלן געניסן...

* * *

דער בוים שרעקט זיך ניט צו וואוינען אין וואַלד, און דעם פֿיש אין וואַסער איז ניט קאַלט...

* * *

אפֿילו מיט אַ גאָלדענער נאָדל און זײַדענעם פֿאָדעם קאָן מען ניט מאַכן פֿון סמרמיגע — קיין זײַדענע בגדים...

* * *

ער איז אַזאַ דרייער, אַז ער קאָן אײַך פֿאַרקויפֿן אַ נאָדל אָן אַן אויער, אַ שייער אָן אַ טויער און ער שרײַט נאָך: פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך הייס מאיר...

* * *

ווי מיר פֿאַרשטייען, דאַרף די וועלט זײַן קיילעכדיק, ווי מיר פֿילן אַמאָל — איז זי זיג־זאַגיש, שפּיציק און צעדרייט...

* * *

צוויי סאָרטן מענטשן זײַנען פֿאַראַן, אַזעלכע וואָס טוען פּרוכטבאַרע אַרבעט און אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר ליב די פּרוכט צו רײַסן...

* * *

אַנטיסעמיטיזם ציט זײַן יניקה פֿון צוויי קוואַלן — פֿון צאַפּן אידיש בלוט און פֿון אַן עלילת־דם — אַז אידן נוצן מענטשלעך בלוט...

* * *

שטעכיגע און שפּיציגע פֿראַגן איז גוט צו באַהאַנדלען אַרום אַ רונדן טיש...

* * *

די וואַרעמע פעל אויפֿן פֿוקס איז נאָך ניט קיין פוטער, די מילך בײַ דער קו אין אײַטער איז נאָך ניט קיין פּוטער...

דער וואָס האָט פּיינט מענטשן, האָט ניט קיין מזומן צום בענטשן. .

* * *

אַמאָל, ווען איינער האָט געטריבן פערד־און־וואָגן, איז ער געווען אַ בעל־עגלה, איצט איז דער גרעסטער טייל, וואָס טרייבט אַ קאַר — אַ בעל־חוב...

* * *

פון בייסן זיך די נעגל גייט ניט קיין בלוט; קרעכצן און אויקען גיט ניט קיין מוט...

* * *

מ'מוז אַכטונג געבן אויף אַן אידעאַל ווי אַ פרומער איד אויף די תפילין — מ'מוז דאָס „איבערקוקן" פון צייט צו צייט...

* * *

דאָס פּנים פון אַ מענטשן איז אָפט אַ „מסור", וואָס זאָגט אויס ווי דער מענטש פילט. דער אָבער, וואָס איז אַ מסור אין האַרצן, איז צוויי־פּנימדיג און האָט אינגאַנצן ניט קיין געפילן...

* * *

ניט אַלע מענטשן, וואָס וואַשן אָפּ זייערע הענט זאָלן זיין ריין צוביזנעס, גיבן אַכטונג, אַז זייער בדויט זאָל זיין אַ ריין פאַרדינסטער...

* * *

דער פּעסימיסט זעט שוין פאַרטאָג ווי די זון גייט אונטער...

* * *

פון שיינע רייד קאָן מען ניט מאַכן קיין קלייד...

* * *

וואו עס הויבט אָן ברענען אַ גרויסער פייער, מוז זיך עס ענדיגן מיט אַ סך רויך...

* * *

מיט וואַרעמקייט קאָן מען ווייך מאַכן אייזן — אָבער ניט קיין שטיין...

* * *

ער איז פון די מאַכערס, וואָס קאָן פון אַ שוך־בענדל מאַכן אַ שניפּס...

* * *

דעם וואָס פעלט פאַרן הייגט, איז שווער צו טראַכטן פאַרן מאָרגן...

* * *

לויטן פאַרנוך קאָן מען אורטיילן די באַלעבאָסטע...

* * *

איין שלעכטער גאַנג, קאָן דעם גאַנצן לעבן טאָן באַנג...

אַ בלינדן פיר אַריבער דעם וועג, אַ זעענדיגן — ווייז דעם וועג, אויב דער וועג איז דיר גוט באַקאַנט...

* * *

ער האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן יחסן, ווי אין קאָפּ דאָס אויגל און — ווי וואָס לעכל פון בייגל. .

* * *

גייט אַרום מיט אַ גלאַנץ אויפן פליק, אַ גלאַנץ אויף די שיך, נאָר דאָס פּנים? — אויף מיינע שונאים...

* * *

פּרואוו ניט פריער פאַרדרייען וועסטו שפּעטער ניט דאַרפן אויסגלייכן...

* * *

אַ טויבער קאָן ניט הערן דיין געשריי — און אַ שלעכטער -- דיין וויי...

* * *

דער, וואָס גייט מיט אַ פאַררייסענער נאָז צום הימל, איז ניט קיין שטערן־זעער, נאָר אַ מענטש, וואָס זעט בלויז זיך...

* * *

פאַררייסענע קעפּ דינען קיינמאָל ניט זיכער מיט זייער טראָט...

* * *

דער וואָס דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל, דאַרף זיך שטאַרק צוהאַלטן...

* * *

בעסער אַ הייסן קוש אין אַ קאַלטער באַק, ווי אַ הייסע האַנט מיט אַ קאַלטן שלום־עליכם...

* * *

ניט אַלע מאָל קאָן מען דעם פערד אַנטרייבן מיט פייף און וויאָ, ער מוז אויך האָבן די טאַרבע האָבער...

* * *

אַ צונג איז ניט קיין סמיק, מ׳זאָל מיט דעם דאַרפן פירן אַ הין־און־צוריק...

* * *

ער איז טאַקע אַ פאַלשער מענטש, אָבער — אַן אמת׳ער דבר־אחר...

* * *

מיט אַ נאַר זיך אַנצוהייבן, איז ווי מיט׳ן מלאך־המות צו פאַרענ־דיגן...

* * *

מ׳קאָן ניט קריגן קיין באַציאונג, וואו מ׳גיט ניט קיין דערציאונג...

האַלט זיך דער בוים מיט די וואָרצלען,
האָט ער בליענדיגע יאָרן.
נאָר ווי גיך ער רייסט זיך אָפּ פון שטאַם,
בלייבט ער נאַקעט, פּוסט, — אַ דאָרן!...

* * *

דער וואָס טראָגט כעס אויף מענטשן און וויל ניט פאַרגעסן, ווערט סוף־כל־סוף אַליין פון פיינטשאַפט צעפרעסן...

* * *

טראַכט פון היינט, טראַכט פון מאָרגן, אָבער פאַרוואַנדל ניט דיין טראַכטן אין שטענדיגע זאָרגן...

* * *

ביז דער בריליאַנט און דער פּערל באַווייזן זיך אויף דער ליכטיגער וועלט, גייען זיי דורך געגוג פינצטערניש...

* * *

דער וואָס האַלט זיך אין אין באָרימעז מיטן אַמאָל, האָט גאָרניט, ווייזט אויס, מיט וואָס זיך צו באָרימען פון נעכטן און היינט...

* * *

דער וואָס היט אָפּ דעם ביסן פאַר זיך, איז פאָרזיכטיג מיטן געזונט. דער וואָס היט דעם ביסן פאַר געסט, איז פאָרזיכטיג מיטן געלט...

* * *

היינטיגע באַלעבאָסטעס האָבן אין הויז עלעקטריק־קנעפּלעך פאַר אַלץ וואָס אַ הויז דאַרף, חוץ — אַ קנעפּל פאַרן העמד...

* * *

זיי ניט קיין מאַסקיטאָ און קריך ניט אויפן קאָפּ,
זיי ניט קיין נאַשער און קריך ניט אין טאָפּ...

* * *

מענטשן געדענקען גוט די טעות'ן, וואָס זיי מאַכן, נאָר געדענקען ניט, אַז זיי האָבן צוגעזאָגט ניט צו מאַכן קיין נייע טעות'ן...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס שלאָגן זיך אויס גאָלד פון וואָרפן בלאָטע...

* * *

אָפּטנע שפּאַרונגעס אין אַ הויז פאַרפינצטערן דאָס לעבן. אָפּטנע שפּאַרונגעס אין אַ טורמע ברענגען אַריין אַביסל ליכט...

* * *

בעסער אַ נאַקעטער אמת, ווי אַ באַקליידטער ליגן...

דער רעגן דערמאַנט פון צעלעכערטע שיך, דאָס קראַנק זיין — צו היטן זיך...

* * *

פאַר דעם אָרעמאַן אַ הונדערטער — מיינט זיין רייך. פאַרן מילב אַ טראָפּן — מיינט אַ טייך. .

* * *

עס העלפט ניט מקנא זיין אַ צווייטן, אויב מ׳וויל זיך אַליין ניט פאַר־גרייטן...

* * *

ווען געלט רעדט, ווערט פון נאַרישע רייד אַ חכמה...

* * *

די מאַמע־ערד פאַרמאָגט אַזוי פיל אויל, און דאָך לעבן מיר אין אַ סקריפּענדיגער וועלט...

* * *

מיט פרעמדע ציין איז שווער צו לאַכן, און מיט פרעמדן געלט אַ יום־טוב מאַכן...

* * *

די מערסטע אַרבעטער קומט אויס דאָס גאַנצע לעבן צו דינען, און זיי קאָנען ניט פאַרדינען אויף צו לעבן...

* * *

רייכע מענטשן טוען אָפּט ניט אַריין קיין פינגער אין וואַסער, און דאָך שווימען זיי שטענדיג אָרום...

* * *

ביי דעם אָרעמאַן איז די טאָרבע אַזוי טייער, ווי ביי רייכן דער קאַסע־קאַסטן...

* * *

אויב איינער פאַרמאָגט נאָר די „באַנקנאָטן״, שאַדט אים ניט זיין „רע־קאָרד״ פון באַנקראָטן...

* * *

קריגן עלטער־פּענסיע קומט־אָן אַביסל שווערלעך, אָבער די עלטער שטייגט יערלעך...

* * *

עס איז גוט צו זינגען בציבור, בעטשן אין מזומן, נאָר טראַכטן ביחידות...

* * *

אַ מענטש קאָן זיין רייך, פאַרמאָגן פון אַלץ, נאָר אין שכל זאָל אים פעלן זאַלץ...

* * *

וואו עס איז פאַראַן דער ביטערער טראָפּן, געפינט זיך שוין אויך דער זיסער צובייסן...

* * *

דער ערלעכער פירער פון די פאָלקס־מאַסן, מוז צוגלייך זיין זייער דינער. ווייל — אויב ער דינט ניט מיט זיין אַרבעט, איז ער ניט קיין פירער.

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס קאָנען גרינג נאָכמאַכן אַ הונט אין זיין בילן און בייסן, אָבער — ניט אין זיין געטריישאַפט...

* * *

אַ דרייסטער מענטש איז ניט דער וואָס וואַגט זיך צו שלאָגן מיט אַ שוואַכערן, נאָר דער וואָס וואַגט זיך צו פאַרטיידיגן געגן אַ שטאַרקערן...

* * *

דער שטיק און ציגל אויף די העכסטע ווענט, איז ניט מער יחסן — ווי דער שטיין אין פונדאַמענט...

* * *

אפילו דער בעסטער חזן קאָן ניט טאָן צוויי זאַכן מיט אַמאָל, שלינגען און זינגען...

* * *

ווען די ציינער אַרבעטן, קריכט ניט דער צונג אין דערמיט, ער היט זיך פאַר אַן אָפּשניט...

* * *

אַ קורצע צייט איז מען יונג און אַ גאַנץ לעבן האָט מען צו דערמאָנען די יוגנט־זינד...

* * *

די וועלכע אַרבעטן פאַר אַ דאָלאַר אַ יאָר, האָבן שוין גענוג אַרבעטער וואָס האָלן אַרבעטן פאַר זיי...

* * *

אַלטע זיידעס האָב איך ליב,
אויך אַלטן ווײַן באַזיצן.
נאָר אַלטע חובות — גאָט באַהיט, —
ווי פון אַלטע וויצן...

* * *

איינער זוכט אַלע וועגן צו פרידן, און אַ צווייטער — איז גאָר פון קריג צופרידן ..

שכל איז געלט: ווען מ׳וויל דאָס ניט נוצן, האָט דאָס ניט קיין נוצן...

* * *

ער האָט גענומען אויף קעסט אַן איידעם, ליגט ער אַליין אויפ׳ן בוי־דעם...

* * *

ער לײַדט נעבעך פון זכרון: ער קאָן ניט פאַרגעסן אַן עוולה וואָס איי־נער האָט אים געטאָן מיט יאָרן צוריק...

* * *

ער האָט אַ שיינע האַנטשריפט און שרייבט אַזעלכע מיאוסע בריוו...

* * *

דער גרעסטער שונא פון גערעכטיגקייט — איז נידערטרעכטיגקייט...

* * *

אין דער קאַטעגאָריע פון קינדער גייען אַרײַן אײַנגלעך, מיידלעך און — די מיט קינדערשן שכל...

* * *

דער אויטאָמאָביל לאָזט וויסן דעם פוס־גייער: אָדער פאַר אין מיר אָדער — איך פאָר אויף דיר...

* * *

פערזאָנען־קולט איז אפשר ניט אַזוי געפערלעך ווען דאָס פאָלק אַפּלאָ־דירט פאַר גוטע מעשים. געפערלעך איז ווען איינער אַפּלאָדירט זיך אַליין פאַר שלעכטע מעשים...

* * *

גוטע זאַכן צו פאַרגעסן איז פונקט אַזוי שלעכט, ווי שלעכטע זאַכן שטענ־דיק צו געדענקען...

* * *

דער וואָס טרינקט אַ לעבן־לאַנג, קאָן זאָגן, אַז דער „לחיים" האַלט אים לעבעדיק...

* * *

אַ פיש קאָן זײַן צוויי מאָל געפערלעך: ווען דער פיש שלינגט אײַן דעם מענטשן, און ווען דער מענטש שלינגט צו־גיך דעם פיש...

* * *

וואָס איר זאָלט ניט דערציילן אויף אַ ליגנער קלינגט אַלץ אמת...

* * *

דער גוטער מענטש לערנט פון גוטס און פון שלעכטס, בשעת דער שלעכטער מענטש לערנט — בכלל ניט...

* * *

זיי זיינען אַזוי פאַראייניגט, ווי אַ קרעכץ מיט אַ זיפץ...

* * *

נאָכדעם ווי מ'טראַכט זיך איבער צוויי מאָל, איז ערשט גוט דערנאָך זיך מיישב זיין מיט אַ קליגערן...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרבן־צו זייערע כאַראַקטער־שטריכן, ווי מען פאַרבט האָר. אָבער אין די וואָרצלען זעט מען פאָרט דעם אמתן קאָליר...

* * *

ער איז פון די רעדנער, וואָס וואַרפן זיך מיט ווערטער, ווי מיט שניי־גאָמעלקעס. דער סוף איז — אַ וואַסערדיגע רעדע.

* * *

דער ליגנער פּרוּווט פאַרדרייען דעם אמת און פאַרדרייט זיך...

* * *

אויף דער מאַפּע איז גרינג צו דערגרייכן אַלע עקן וועלט.

* * *

דערוואַרט ניט צו קריגן אַ חשבון פון איינעם, וואָס לעבט אַליין אָן אַ רעכענונג...

* * *

דער וואָס וויל איינשלינגען צוויי בולקעס מיטאַמאָל, מוז זיך מיט איינער דערוואָרגן. .

* * *

בלויז אַ דאָקטאָר־ספּעציאַליסט קאָן דערקענען אַ מענטשן מיט אַ קראַנק האַרץ, אָבער אַ מענטשן מיט אַ גוט האַרץ קאָן יעדער איינער דערקענען...

* * *

פאַר דעם וואָס שלעפּט זיך שלינג־שלאַנג, ווייזט די מאַפּע ניט דעם גאַנג...

* * *

ער הוכט צו האָבן אַ שם ביי מענטשן און טוט־אָפּ זאַכן, וואָס ער מעג זיך שעמען...

* * *

צו דערציילן וועגן אַ ליגנער
איז גאַרנישט אַזוי שווערלעך.
זעט איר, דעם אמת דערציילן,
דאָס איז געפערלעך...

ווען אַ חניפה׳ניק פּרובירט זיך איינקויפן ביי איינעם מיט פאַלשע רייד, ווייסן ביידע, אַז ס׳איז פאַלשע סחורה און פאַלשע געלט...

* * *

מ׳קאָן דערקענען אַ מענטשן לויט זיין האַס, לויט זיין כעס, און — לויט זיין שפּאַס...

* * *

מיינע שונאים האָלן גיין נאָך הלוואות און לוויות...

* * *

דער דאָקטאָר קאָן איך פאַרשרייבן אַ מעדיצין, אָבער ניט קרענקען פאַר איך....

* * *

גוט איז דעם, וואָס האָט אַ גרויסן לעפל און אַ פולע שיסל...

* * *

גליקלעך איז דער מענטש, וואָס האָט ניט קיין פוסטן קאָפּ און ניט קיין פאַרשטאָפּטן קאָפּ, נאָר — אַ קאָפּ!...

* * *

דער אַרבעטלאָזער מעסט די גאַסן, קוקט אויף די הימלען און — קייט די ערד...

* * *

יעדער מענטש פאַרמאָגט שטענדיג צווישן זיינע פינגער אַ פייג, אָבער ניט אַלעמאָל דאַרף ער דאָס אַרויסשטעקן...

* * *

ער איז פון די מענטשן־פריינט, וואָס ווינטשט שטענדיג, אַז זיינע פריינט זאָלן ניט דאַרפן איבערלעבן די ערגערניש פון גיין צו זיין לוויה. ער וויל בעסער ליידן...

* * *

אַזוי איז ער קיין עין־הרע ניט אַ געפאַקטער, פוסט איז ער בלויז, ווען ער רעדט...

* * *

ער איז פון יענע מענטשן, וואָס פילן זיך אומעטום היימיש, חוץ — אין דער היים.

* * *

מיט שיינע רייד קאָן מען זיך דערקלערן אין ליבע, אָבער מ׳קאָן ניט צאָלן מיט דעם די כלי־זמר...

* * *

די הון קאָן זיך אַרויפדראַפּן אויפ׳ן פּאַרקאַן, אָבער קומט צום קרייען פּאַטשט די פליגל דער האָן.

* * *

דער פיש אין וואַסער שרעקט זיך ניט פאַר אַ שלאַקס־רעגן...

* * *

פאַר דעם מענטשן, וואָס לעבט אין דער פינצטער איז אפילו די זון אויך שטענדיג גרוי...

* * *

טראַכט פריער וואָס דו ווילסט זאָגן, אפשר וועסטו זיך דערטראַכטן — צו שווייגן...

* * *

פון זיין אָפנהאַרציג אין רייד, ווערט מען ניט פאַרקילט, און פון שפּילן זיך מיט קינדערלעך איז מען ניט פאַרשפּילט.

* * *

דער וואָס ליידט פון עגאָ־מאַניע, איז גרייט זיך אַליין אַ קניפּ צו טאָן אין באַק, אַבי ער זאָל פילן דעם „איך״.

* * *

יעדער מענטש פאַרמאָגט אַביסל נאַרישקייט, נאָר ביים נאַר קומט דאָס צום וואָרט...

* * *

צוויי סאָרטן קלאָגן: איינעם פעלט אַ קנעפּל צום בגד און אַ צווייטן — דער בגד מיט די קנעפּלעך.

* * *

אַ זינג־פויגל גייט ניט אין מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע, לייענט ניט קיין נאָטן, און — זינגט געראָטן.

* * *

דער מענטש האַנדלט אָפט אַזוי נאַריש ווי דער פיש אין זיין געיעג פאַרשפּייז. ער מיינט צו כאַפּן דאָס ווערימל פון האָקן, נאָר — דער האָקן כאַפּט גאָר אים.

* * *

ער איז פון די געשעפטסלייט, וואָס קאָנען אויך פאַרקויפן אַ גאַרניטער פאַר אַ מת מיט צוויי פאָר הויזן...

* * *

דער בוים לאָזט אַלע מאָל וואַקסן העכער פון זיך אַליין זיינע צווייגן. פּרוביר ניט עמיצן צו דערנידעריגן, כדי דו זאָלסט העכער שטייגן...

בוי ניט קיין שטאַלענע בריקן אויף הילצערנע סלופּעס...

* * *

דער מענטש וואָס אָנערקענט ניט זיינעם אַ חסרון, האָט שוין מיט דעם בלייבן אַלע יאָרן...

* * *

ווער עס האָט אַ קאַרק אָנגעדראָלן און ווער — פון הונגער געשוואָלן...

* * *

ער מאַכט זיך פאַר אַ גאַנצן גאָט: האָט אַ וועלט מיט געלט און פאָדערט צדקה...

* * *

דער פוילענצער האָט קריכן אויף די גלייכע ווענט און ניט צוטראָגן זיך דעם לייטער, עפּעס צו דערגרייכן...

* * *

זוך ניט קיין טיפע געדאַנקען אין דער טיפקייט פון אַ בלאָטע.

* * *

אַ שלאָפלאָזע נאַכט מאַכט ניט גרעסער דעם טאָג...

* * *

ווען עס געפעלט דיר ניט אַ צווייטנס קאַפּריזן, פאַרגעס ניט צו טראַכטן, אַז דיינע קאַפּריזן געפעלן ניט אַ צווייטן...

* * *

מ׳קאָן אַלץ וועלן, אָבער מ׳קאָן ניט אַלץ האָבן...

* * *

מענטשן זאָגן, אַז זיבן איז אַ ליגן. ביי אים איז אַ ליגן גלייך פון איינס...

* * *

דער ניט באַרעכנטער מענטש האַנדלט ווי דער ווינט: ער פליט אָן אַ ציל און ווייסט ניט וואָס ער וויל...

* * *

אַ קלוגער מענטש קאָן זיך אַמאָל מאַכן נאַריש, שווער איז אָבער פאַר אַ נאַר זיך צו מאַכן קלוג...

* * *

עס איז פונקט אַזוי ניט שיין פאַרן באַרימער צו קלינגען מיט׳ן געלט אין קעשענע, ווי פאַרן קמצן צו האַלטן דאָס געלט אין קניפּל ..

* * *

פון אַ קאַלטער אויפנאַמע ווערט מען ניט פאַרקילט, און פון אַ היציגער דעבאַטע ווערט ניט קיין פייער...

וואַסער קאָן אײַנשטײן אין אַ גרוב, אָבער אַ מענטש דאַרף אַ שטוב...

* * *

די צורה פונם מענטשן קאָן מען זען אָפן, אָבער דאָס פּנים פונם מענטשן קאָן מען זען אין די האַנדלונגען...

* * *

פאַראַן מענטשן וועמענס רייד עס זײַנען ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק — עס איז ניט צום ניסן און ניט צום גענִיסן...

* * *

אַ שיכור טרינקט איבערן בּרעג, אַ ניט־פאַרזיכטיגער — גייט אינמיטן וועג...

* * *

דער וואָס לאַכט פון אַ קאַליקע, איז אַ קאַליקע אין זײַן כאַראַקטער...

* * *

אַ צווייטנס שׂכל קאָן מען דינגען, אָבער — ניט קויפן...

* * *

טו ניט קיין טובות, און צייל ניט די בעל־חובות...

* * *

פון שפּילן זיך מיט געלט אין די הענט, וואַקסט ניט קיין פּראָצענט...

* * *

ניטאָ דער וואַרעמער פוטער אויף דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען וואַרעמען אַ קאַלטן לונג־און־לעבער...

* * *

אויף אַ פּיעסע, ווי אויף אַ מכּה, קוקט מען אויס די אויגן עס זאָל וואָס גיכער אַנטרײַסן...

* * *

דער וואָס בויט שלעסער אין דער לופטן, קריכט צום סוף אויף גלײַכע ווענט...

* * *

דער וואָס זוכט פאַר אַלץ אַ שבח — ווערט אָפט ביי אים די אַרבעט שוואַך...

* * *

אויב דו ביזט הײַנט אין גאַנץ לייענענדיג אַ בײזן ברוגז, וואָס דו האָסט געקראַגן, שרײַב ניט קיין ענטפער הײַנט, נאָר מאָרגן, און עס וועט קיין בייז ניט זײַן...

* * *

אויף אַ בילד פֿון דער עלטער־באָבע,
וואָס האָט אַריינגעלעבט הויכע יאָרן,
זיינען קנייטשן אויפֿן פּנים אַ צירונג,
און — ניט קיין חסרון!

* * *

פּרוּוו ניט מאַטערן אַ צווייטן צופֿיל מיט דיינע פּראָבלעמען, ווייל אויך ער האָט פּראָבלעמען צו ליזן...

* * *

ווען איינער פֿאַרלירט דעם קאָנטראָל אויף זיין וואָרט, איז ווי דער מאַשין־טרייבער — אויפֿן רעדל. ער קאָן איבערפֿאָרן אַ צווייטן און — אויך שעדיגן זיך אַליין...

* * *

בעסער אַ ברויטל ביים טיש, ווי אַ טאָרט אין חלום...

* * *

דער וואָס האָט ליב צו נאַשן, מעג אַמאָל אויך כלים וואַשן...

* * *

ער איז אַ ליימענע כלי, און דערצו נאָך ניט דערבאַקן...

* * *

בעסער זיך שלאָגן מיט ווערטלעך ווי מיט קווערטלעך...

* * *

דער אָרנטלעכער מענטש האָט זיין פֿאַרמעגן אין געדאַנק, דער געלט־גייציגער — אין באַנק...

* * *

אויך מיט אַ געשליפֿענעם צונג קאָן מען זיין אַ גראָבער יונג...

* * *

ניט מיט אַלעמען וואָס גייען אויף צוויי פֿיס קאָנסטו זיך זעצן צום טיש — אַ הון האָט אויך צוויי פֿיס...

* * *

איבער אַ כמאַרנעם טאָג און אַ פֿינצטערער נאַכט ווערט מען אויף דער זון און לבֿנה ניט אויפֿגעבראַכט...

* * *

ווען דער אַרבעטער ווערט אַרבעטסלאָז, קאָן ער דאָן טאַקע זען די גאַס און דעם הימל — איז אָבער ווידער שלעכט: ער גייט אַרום פֿאַרפֿינצטערט...

* * *

דער וואָס כאַפּט דעם ביסן, קאָן דעם טעם ניט וויסן...

דער וואָס לעבט ווי אין אַ גן־עדן אויף דער וועלט, שרעקט זיך ניט פאַר קיין גיהנום אויף יענער וועלט...

* * *

ווען עס זאָל זיין אַ רענדל אַ וואָרט, וואָלט אַ נודניק אַלץ ניט געשפּאָרט...

* * *

אַ מענטש קאָן זיך קאָכן אָן אַ טאָפּ, רעדן מיט באַק־ציינער און — צעקייען מיט קאָפּ...

* * *

מענטשן, וואָס האָבן ניט באַוויזן מיט עפּעס זיך צו פאַרדינען, ליידן אַלע מאָל פון ניט פאַרגינען...

* * *

ס׳איז אַ פּאָר פון יענעם צווילינג — ווי האַרבסט מיט פרילינג...

* * *

פון עסן מיט די אויגן ווערט מען ניט זאַט — צוזאָגן און ניט טאָן איז ניט קיין טאַט...

* * *

זיי ניט ברוגז אויף איינעם וואָס שרייט: אפילו אַ סקריפּ פון אַ טיר האָט אַ באַדייט...

* * *

מ׳קאָן ציילן די ווערטער ביים עפּעס זאָגן, אָבער ניט די טרערן ביים באַקלאָגן...

* * *

ווען דער מענטש וואָלט אַזוי פּראָגרעסירט ווי דער פּראָגרעס איבער דער וועלט, וואָלט דער מענטש געשפּילט די ראָל און ניט דאָס געלט...

* * *

דער גייסטרייכער מענטש לעבט שטענדיג אין ליוב — דער אוממענטש לעבן און שטאַרבט אין שטויב...

* * *

פאַראַן אַזוינע מענטשן, וואָס, דאַכט זיך, אַז זיי זיינען מיט אַלץ פאַרזאָרגט, און דאָך זיינען זיי שטענדיג באַזאָרגט — איבער דעם וואָס אַנדערע האָבן אויך...

* * *

צו קריגן די שטימען „לויפט״ דער קאַנדידאַט, — דורכצופירן זיינע צוזאָגונגען — קריכט ער...

* * *

אַ פאַרריסענע נאָז מאַכט קיינעם ניט גרעסער, ווי פעפער אַ סך מאַכט דעם מאכל ניט בעסער...

* * *

דער ביליגער פּאָליטישן לעבט אויף דעם שוואַכן זכרון פון מענטשן. ער פאַרגעסט וואָס ער האָט צוגעזאָגט, און דער בירגער פאַרגעסט וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט...

* * *

אין טאָג פון די וואַלן ווערט דער „צלם״ (X) אַ גאָט, פאַר וואָס יעדער פּאָליטישן איז גרייט זיך צו בוקן...

* * *

אין טאָג פון די וואַלן, גנב׳עט דער פּאָליטישן שטימען וויפיל עס לאָזט זיך, אָבער נאָך די וואַלן „רעכנט״ ער זיך אָפּ מיט די בירגער...

* * *

אַ מאַמע׳ס כעס איז ווי דער שניט פון אַ שיף אין וואַסער, — עס גייט גיך פאַרביי...

* * *

איך האָב פיינט אַ „מאַכער״, אָן אחר און — אַ דבר־אחר...

* * *

דער וואָס שרעקט אַ שוואַכערן, גרויסט זיך קעגן אַ קלענערן, און דער וואָס באַריימט זיך מיט זיין פאַרמעגן פאַן אַן אָרעמאַן, איז אַ גוטער „מזומן״, נאָר ניט צום בענטשן...

* * *

אַ פויגל לערנט מען ניט זינגען, און אַ ברעט ווי אַזוי צו שווימען...

* * *

די נאַטור איז אַזאַ וואונדער־גרויסע מאָלערין, אַז בלויז אַ וועלט־רוים האָט פאַר איר אַ ראַם...

* * *

פאַר די וואַלן זאָגן צו פּאָליטישנס אַ גאָלדענעם בריק, נאָך די וואַלן גיבן זיי — אַ שטריק...

* * *

ווען בירגער לאָזן זיך פירן פון אַ פּאָליטישן פאַר דער נאָז, פאַרלירן זיי דאָס פּנים...

דער וואָס וואוינט אויפן באַרג זעט ניט זיין הויך...

* * *

זייט ניט ווי יענער, וואָס פאַרנדיג אויף דער באַן לייענט ער אַליין ניט און שטערט אויך אַ צווייטן, וואָס לייענט און פרעגט נאָך אַ פראַגע: וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? וואָס שרייבן די צייטונגען?...

* * *

פאַראַן אַ טיפּ מענטש, וואָס קאָן פאַרמאַטערן אַ צווייטן דערציילנדיג ווי ער מאַטערט זיך...

* * *

דער מענטש דאַרף נוצן תוך זיין מויל צום רעדן אויך די אויערן צו הערן — וואָס אַ צווייטער זאָגט ..

* * *

דער קוימען גרויסט זיך, ער שטייט העכער פון דעכער, בלאָזט זיך דער רויך: ער שטייגט נאָך העכער...

* * *

די וועלכע לעבן אַ טאָג, האָבן גאַנץ אָפט — שלאָפלאָזע נעכט...

* * *

אַ קרוין אויפן קאָפּ היינטיגע צייטן איז אַ קרעזק, וואָס קיין אספּירין קאָן ניט העלפן...

* * *

דער וואָס קאָן וויינען מיט פאַלשע טרערן, קאָן אויך לאַכן ווי אַ פּאַיאַץ...

* * *

אַ קלוגער מענטש איז דער וואָס ווייסט אַליין וואָס ער רעדט און וויל, אַז די צוהערער זאָלן אים פאַרשטיין. אַ דיפּלאָמאַט, ווייסט אַליין וואָס ער רעדט, נאָר ער זעט, אַז אַנדערע זאָלן אים ניט פאַרשטיין. אָבער אַ נאַר, ווייסט אַליין ניט וואָס ער רעדט, און דאָך — פאַרשטייען אים אַלע — נעבעך...

* * *

מיט דעם בעסטן קאָמפּאַס אין האַנט מוז מען אויך האָבן אַן אַדרעס...

* * *

פון צײלן שטערן — קאָן מען קיין גביר ניט ווערן.

* * *

דער מענטש קומט פון שטויב און גייט צוריק אין שטויב, נאָר — אין צווישן קריכט ער דורך אַביסל בלאָטעס...

דער דאָקטאָר האָט דעם דיאַגנאָז, נאָר דער קראַנקער — די וויטאַגן...

* * *

די זון דאַרף ניט קיין קאָמפּאַס, וואו זי זאָל ניט דערשיינען — שיינט זי אויפן ריכטיגן וועג...

* * *

פּרואוו ניט זיין קיין לבנה צווישן די שטערן...

* * *

דער אונטערשייד פון לעבן און טויט איז, וואָס דער לעבעדיגער ווייסט, אַז ער וועט שטאַרבן, אָבער דער געשטאָרבענער ווייסט ניט, אַז ער איז טויט...

* * *

כאָטש ווייט איז דער מהלך
פון אַ שפּילקע ביז אַ נאָדל,
דאָך קאָן זיך קיינער ניט גרויסן,
אַז ער איז דער גדול...

* * *

אין גאַס ווינקט ער מיט די אויגן, אין שול גלאָצט ער מיט די אויגן צו גאָט...

* * *

פריער שלאָגט ער די ווייב, דערנאָך שלאָגט ער זיך על חטא...

* * *

דער וואָס האָט ניט קיין שפּיז איך וועטשערע וועט אויך זיין אַ הונ־געריגער צו פרישטיג...

* * *

די גרעסטע נאַרישקייטן ווערן אָפּגעטאָן דווקא דאַן, ווען מענטשן קומען צום שכל...

* * *

ווען ער שוויגט, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ ניי־געבוירן קינד אָבער ווען ער רעדט, זעט מען שוין אַ דערוואַקסן קינד...

* * *

ווען איינער קאָן גרינג פאַנאַנדערפירן די הענט מיט אַ מטבע, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז ער קאָן שווימען מיט זיי...

* * *

אַלע קוקן־אַרויף צו דער הימלישער וועלט, ווייל די ערדישע וועלט ליגט נאָך אַלץ אין דר׳ערד...

טויטע קאָנען ניט העלפן און לעבעדיקע, גאַנץ אָפט, ווילן ניט העלפן...

* * *

איך בעט ניט קיין פּאַלאַצן, איך בעט ניט קיין עשירות,
נאָר אויף ברויט פאַר אַלעמען און מיט ברויט אויך דירות!
איך וויל ניט קיין גרויסע זאַכן, איך וויל ניט קיין בייזוואונדער
און וואָס איך וויל איז פאַר אַלעמען, ניט פאַר איינצעלנע באַזונדער...

* * *

פאַר׳ן קאָפּ אַ גוטער בוך, איז ווי פאַר׳ן פוס אַ גוטער שוך.

* * *

אויף אַ געשריי אין וואַלד רופט זיך אָפּ דער עכאָ, אָבער העלפן — קאָן ער ניט...

* * *

היינטיקע צייטן אַריינלעבן אין אַ הויכע עלטער איז שוין מער ניט קיין וואונדער. אַ וואונדער איז נאָר, וואו נעמט מען מיט וואָס צו לעבן...

* * *

צו זיין אַ גוטער דיריגענט איז ניט גענוג אַ זילבערן שטעקעלע, נאָר — גאָלדענע הענט...

* * *

אויף אַ ליגנער׳ס שבועה קאָן מען אַזוי בויען, ווי אַ שווינדלער גע־טרויען...

* * *

די רעלסן ווייזן די ליניע פאַר דער באַן; דער מאַרקסיזם — דעם אַ־בעטסמאַן...

* * *

דער מעצענאַט, וואָס העלפט אַרויסגעבן אַ בוך, פילט זיך אָפט גליק־לעכער ווי דער מחבר. ער קריגט שטענדיק לויב אפילו ווען דער מחבר ווערט קריטיקירט.

* * *

ער טרינקט פאַר אַלעמענס געזונט, נאָר פאַר זיין אייגענעם מעג ער ניט טרינקען...

* * *

מ׳קאָן האָבן צוויי געזונטע אויערן און קיין זאַך ניט הערן און — בלויז איין מויל, וואָס זאָל רעדן און עס זאָל ניט זיין וואָס צו הערן...

* * *

אַ סך מענטשן ווערן היינטיקע צייטן באַרימט און רייך דורך אַ „גייסט־שרייבער״, אָבער זיי ווערן ניט אַלע מאָל גייסטרייך...

פֿאַר די וואָלן האָט מען צוגעזאָגט
אַלץ, וואָס פּאַסט צום רומל;
אַפֿילו צו דערלאַנגען אונז
דאָס טעלערל פֿון הימל.

איצט ביים שיסל דער זיגער זיצט,
גאַנץ רואיג קאָן ער עסן,
און דאָס טעלערל פֿון הימל —
האָט ער אינגאַנצן שוין פֿאַרגעסן...

* * *

די באַן פֿייפֿט — ניט צו שרעקן, און דער האָן קרייט — ניט צו וועקן...

* * *

מ'קאָן דאָ ווערן אַ פּרעזידענט און אַ פּראָפֿעסאָר ניט האָבנדיג איבער־געלייענט איין גוטן בוך, נאָר בלויז — מיט דער הילף פֿון באַנק־בוך...

* * *

אין מיטלען פֿאַר'ן טויט איז ניט קיין נויט, אָבער פֿאַר מיטלען צו לעבן מוז מען קעמפֿן און שטרעבן...

* * *

דער וואָס קאָן די שוואַרצע פּינטעלעך קאָן אויך לייענען צווישן די שורות...

* * *

אַז דאָס איז אַ בהמה איז קלאָר. נאָר ס'איז שווער צו וויסן צי אַ כשר'ע, ווייל ער טראָגט שיך אויף די פֿיס...

* * *

אַ מאַן קאָן זיך אויסקלייבן אַ דאַמע, אָבער אַ קינד קאָן זיך ניט אויס־קלייבן קיין טאַטע־מאַמע.

* * *

טראָגט פּעטע גוידערס, רעדט גראָבע רייד און פֿאַרפּוצט זיך אין איידל־שטיינער...

* * *

קאָן קיין צוויי ניט ציילן און פֿירט זיך אַרום מיט אַ דריידלינג...

* * *

ער ווערט געשוואָלן פֿון גאווה און אַלץ נאָר דערפֿאַר, וואָס ער וויל זיך אָנזען...

ער האַלט פון פסוק: „על דאטפת אטפוך” — פּראָסט פּשוט, אַ פלוך פאַר אַ פלוך...

* * *

דער וואָס טראַכט צופיל פון טויט, פאַרזעט דאָס לעבן...

* * *

בעסער אַ נאַטירלעכע נאַרישקייט, ווי אַ געמאַכטע חכמה...

* * *

עושר און יושר קאָנען זיך גוט גראַמען, אָבער זיי לעבן ניט צוזאַמען...

* * *

דער גרעסטער שונא פונם „ריינעם אמת” איז ניט קיין אַנדערער ווי דער „אומריינער אמת”, וואָס שעמט זיך מיט זיין ריכטיגן נאָמען — ליגן...

* * *

אַלע מענטשן ווינטשן זיך גליק, נאָר ווייסן ניט וואָס דאָס איז, ביז מ'האָט דאָס גליק זיך צו ראַטעווען פון אַן אומגליק...

## צוקונפטיגע ווערטלעך

ער פליט אַרום ווי אַ לבנה'לע, און פאַלט ווי אַ שטערן.

* * *

איך קאָן זיך שווערן ביי וועלכע לבנה'לע דו ווילסט...

* * *

די אידן פאַרגעסן צו ביסלעך ווי צו מחדש־זיין די לבנה און די וויסנשאַפטסלייט האָבן זיך ערשט אַ נעם געטאָן נייע לבנה'לעך צו מחדש־זיין.

* * *

דאָס נייע לבנה'לע איז עפּעס אַ מין „מנחם מענדל” — דרייט זיך אַ גאַנצע וואָך אַרום און פאַלט אַראָפּ אויף שבת...

* * *

ער האַלט זיך אויפן „דזשאָב” ווי די נייע לבנה אין דער לופטן. קיינמאָל ניט זיכער מיטן מאָרגן...

* * *

מ'וועט מער ניט זאָגן: דריי מיר ניט קיין הימל, נאָר — דריי מיר ניט קיין לבנה'לע...

* * *

שטערן דרייען זיך אַרום אין די טויזנטער, לבנות אין די הונדערטער, נאָר די „זון” בלייבט נאָך אַלץ דערווייל אַ בת יחידה.

# קורצע אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער און שרייבער זאָגן וועגן סעם ליפּצינ'ס שאַפן:

**מ. אָלגין** (אין זער „מאָרגן־פרייהייט"):

„סעם ליפּצין יאַנקל סעם) האָט זיך גענומען אויספילן די פונקציע פון באַאיינפלוסן די מאַסן אינעם קלאַסן־גייסט דורך די מיטלען פון פעליעטאָנען, בילדלעך, שטיפעריייען, לייכטע לידלעך, מאָנאָלאָגן, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט ערלעכן און גערעכטן האַס צו די אונטערדריקער און מיט נאַטירלעכער ליבשאַפט צו די אונטערדריקטע. סעם ליפּצין האָט אַריינגעטראָגן זיין אייגענעם זשאַנר אין זיין שרייבן. ער איז ניט קיין אימיטאַטאָר. ער איז עכט".

**נ. בוכוואַלד** (מיט אן אָפּשאַצונג, 22טן מאַי, 1954):

„. . מיר איי אַנומלטן אויסגעקומען דורכצושטודירן סעם ליפּצינ'ס בוך ,אַמאָל איז געווען' און כ'האָב פון דאָרטן געגאַשט עטלעכע פראַכטפולע אַנעקדאָטן וועגן דעם אַמאָליגן סוועט־שאַפּ און זיי איינגעגלידערט אין דעם טעקסט פון ,קאָלומבוס'עס מדינה'. נאָר דערביי האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך באַגיי אַ גרויסע עוולה קעגן סעם ליפּצינ'ען, ווייל באַדאַרפט וואָלט מען ציטירן נישט צוויי אָדער דריי אַנעקדאָטן זיינע, נאָר דאָס גאַנצע בוך. און צו יאָס טאַקע זיך ברעכן דעם קאָפּ וועגן שאַפן אַ בילד פון יענער עפּאָכע, אַז ביי ליפּצינ'ען קריגן מיר עס פאַרטיגערהייט — סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָלקישער פאָרם".

**י. ב. ביילין** („מאָרגן־פרייהייט"):

„די מעלה פון ליפּצינ'ס הומאָר, וואָס ער איז מערסטנס אַזוי פאָלקיש, אַז ער ווערט גערן אויפגעכאַפּט פון יעדן פאָלקס־מענטשן.

„יאָ, אונזער אויטאָר האָט אין דעם בוך אַז עפּיגראַם נישט בלויז פאַר יעדער דריטעמע, נאָר אויך פאַר יעדער טעמע. לאָמיר אויך טשיקאַוועס אַ בלעטער טאָן און דורכפליען די הונדערטער שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך, אַפאָריזמען, אַקסיאָמאַטישע באַהויפּטונגען, הומאָריסטישע פערזן, נישט אָפּצושטעלן זיך אויף זיי — ,פאָלג מיך אַ גאַנג', זיי פאַרנעמען דאָך אַ בוך, אָנגעפּאַקטע 175 זייטן!"

**בער גרין** („אידישע קולטור", דעצ. 1955):

„פאַראַן אין ליפּצינ'ס בוך (,אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט') לידער פון שלום, קאַמף פאַר מענטשן־רעכט, און אַלץ אין אַ לייכטן, געמיטלעכן טאָן. פאַראַן אַ סך פיינע שטיפעריייען און שפּילעריי אין די ווייניגער־ערנסטע לידער. איינינע פון זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ מילדן, שטילן הומאָר. ווי, למשל, דאָס ליד ,אַ רעקלאַמע — פאַר דער מאַמע', אין ענלעכע פון דעם מין.

„די אַפאָריזמען זיינען פיין־געשליפן, און זיינען אַזוי בליציג און געראָטן, אַז זיי קענען מיט דער צייט ווערן פאָלקס־ווערטלעך, שפּריכווערטער, דאָס הייסט, אַריין אין דעם געברויך פון אונזער טאָג־טעגלעכן לשון.

**מ. גאָלדין** (אין „נייע פרעסע", פּאַריז, 7טן יוני, 1952):

„סעם ליפּצין איז אַן אמת'ער פאָלקס־שרייבער, אַ דערציילער, וואָס קען אויף אַ שפּאַנענדיג־הומאָריסטישן אופן באַשרייבן און כאַראַקטעריזירן... דעריבער לייענען זיך די קאַפּיטלען (אין ,אַמאָל איז געווען') אַזוי פאַרכאַפּנדיג, ווייל מען שפּירט דעם לעבעדיגן אָטעם פון מענטשן, פון אַן אַרבעטער, וואָס פאַרשטייט די ראָל פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס און וועלכער איז אַדורכגעדרונגען מיט טיפע ערלעכקייט, מיט שטרעבונגען פון אַ גערעכטע געזעלשאַפט".

**באַווער־פּאַיזער** (אין דער „מאָרגן־פרייהייט״):

„... איך האָב שטאַרק הנאה פון סעם ליפּצינ׳ס מעשה׳לעך. זיי זיינען אַזוי פּשוט, פאַרכאַפּנדיג... זיי האָבן אַ גרויסן ווערט, ווייל דאָס זיינען שאַפּ־מעשיות, וואָס קיינער האָט זיי נאָך ניט געאַרירט אויף אַזאַ אופן ווי ליפּצין טוט דאָס.

„... סעם ליפּצין איז דער עילעכער האָראָפּאָשניק מיט דעם טאַלענט פון אַ פאָלקס־זאָגער, אַ פרייליכער פאָלקס־זאָגער. און כדי צו זיין אַ פאָלקס־זאָגער, מוז מען פאַרמאָגן אַ חן, וואַרעמשאַפט און ליבשאַפט פאַר׳ן פאָלק, און ליפּצין פאַרמאָגט דאָס״.

**ז. ווייספּער** (אין „יידישע קולטור״, אָקטאָבער, 1951):

„פאַראַן אַ היבשע מאָס גוטמוטיגער קאָמיזם אין דעם אופן, ווי סעם ליפּצין (אין אַמאָל איז געווען) ווייזט אונז אָט־דעם פעריאָד. און עס איז אָט דער גוטמוטיגער קאָמיזם, וואָס דערוואַרעמט שטאַרק אייער האַרץ צו דעם מענטש סעם ליפּצין, וואָס איז אַליין געווען אַ טייל פון אָט דעם שווערלעכן פעריאָד. אַלייז געווען נישט איין מאָל איינער פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן מאַרק און געוואַרט, אַז עמעצער זאָל קומען קויפן זיינע יונגע הענט, און דאָך אַזאַ גוטסקייט און אַזאַ אויג פאַר׳ן קאָמישן און דעם גאַנצן שווערער פון יענעם פעריאָד״.

**ו. יוקלסאָן** („זאַמלונגען״, 1955):

„אין דעם פרט קאָן מען ליפּצינ׳ס „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט״ באַצייכענען ווי אַ פּאָפּולערער מוסר־בוך און גלייכצייטיג — אַ לערע וועגן עטיק, אַ מין פּרקי־אבות. אָט־די געדאַנקען זאָגט דער מחבר אַרויס מיט וואַריאירטע אופנים, דורך אַלערליי פאַרמען און מיטלען, איז אַ שפּראַך אַ פּשוטער. אַ פאַרשטענדלעכער פאַר יעדן בן־אדם — פאַר דעם אַרבעטער און דער הויז־פרוי, פאַר דעם פּשוט׳ן פאָלקס־מענטש ווי פאַר דעם אינטעליגענט, אָבער מיט אַ באַזונדער־וואַרעמער באַציאונג צו דעם באַעוולה׳טן דעם געקריוודעטן״.

**משה כץ** („מאָרגן־פרייהייט״, דעם 2טן מאַי, 1942):

„מיר איז שוין נישט איינמאָל ביי אַנדערע געלעגנהייטן אויסגעקומען אָנצואווייזן, אַז סעם ליפּצין האָט אַ שאַרף אויג און קאָן באַמערקן אמת־קאָמישע סיטואַציעס אין געוויינטלעכסטע אומשטענדן, וואו אַן אַנדערן וואָלט גאָרניט איינגעפאַלן זיי צו זוכן.

„... סעמ׳ס איינאַקטערס זיינען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר קלובן: זיי זיינען לעבעדיג, פאַרשפּיצט, סאַטיריש און צייטמעסיג... אָקל סעמ׳ס לידער אויף פּאָפּולערע מאָטיוון האָבן אַלע מעלות פון זיינע שרייבן. זיי זיינען פּשוט, לעבעדיג, זינגעוודיג, לאָזן זיך לייכט איבער־חזר׳ן און זיינען צוגעפּאַסט פאַר אַ גרויסן עולם״.

**מ. לוב** (דייטשע צייטונג „או פבוי״, ניו יאָרק, 13טן דעצ., 1946):

„... דער נאָמען פון דעם ענגלישן בוך אין ספּאָיט אָוו טיערס׳ פון סעם ליפּצין איז זייער צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער פון זיין הימאָר און פון אידישן הומאָר בכלל. דורך דער קאָמעדיע פילט זיך די טראַגעדיע, וועלכע איז ערגעץ אין הינטערגרונט. די קורצע דערציילונגען, הומאָרעסקן, סקיצן, מאָנאָלאָגן און אַפאָריזמען זיינען זייער פאַרשיידנאַרטיג אויסגעשטעלט — אַן אידעאַלער לייען־שטאָף פאַר רייזעס אויף קורצע און לאַנגע שטרעקעס.

„עס זעט זיך אָן, אַז דער פעליעטאָניסט סעם ליפּצין איז שטענדיג גרייט אַרויסצוברענגען אַ שטאַנדפּונקט, האָט אַלעמאָל איינציגע אָנצוהאַלטן דעם אינטערעס פון דעם לייענער. אָבער אין שטענדיג און אומבאַדינגט באַזאָרגטזיניג וועגן זיין מיסיע אַלס אַ איד אין אַמעריקע. גלייכצייטיג קלינגט אַלץ, וואָס ער דענקט, פאַרמולירט און ברענגט אַרויס אַזוי פריש, כאָטש עס איז איינגעפּאַסט אין אַ לייכטן הומאָריסטישן טאָן״.

**קלמן מרמר** („מאָרגן פרייהייט״, ניו־יאָרק, 1952):

„איך האָב דאָס בוך „פאַר פרייד און פרידן״ פון סעם ליפּצין דורכגעלייענט „פון טאָוול ביז טאָוול״, אַזוי ווי דעם צוואַנציגסטן בוך, אַמאָל איז געווען.

„אַמאָל איז געווען פֿאַרצייכנט הומאָריסטיש און סאַטיריש אַ האַלבן יאָרהונדערט גערעאַנגלעניש פֿונ׳ם אַמעריקאַנעם אידישן אַרבעטער פֿאַר יושר און פֿרייהייט. דאָס בוך ,פֿאַר פֿרייד און פֿרידן׳ באַגלייט מיט געזאַנג צום קאַמף די נייע שטריכן פֿון איד און מענטש פֿאַר גלייכהייט און שלום. די ,רעציטאַציעס, משלים, סאַטירישע און דראַמאַטישע פֿערזן׳ האָבן נאָך דערצו די גרויסע מעלה, וואָס זייער מענטשן־ליבע און קאַמף פֿאַר יושר איז אַזוי אויפֿריכטיג ווי די אַרבעטער־געזאַנגען פֿון דוד עדעלשטאַט און די אַנדערע ערלעכע פּיאָנערישע אַרבעטער־דיכטער".

**יעקב מעסטל** אין „יידישע קולטור", מערץ, 1949):

„סעם ליפּצינ׳ס פֿאַך איז הומאָר. אָבער דער עכטער קאָמיקער, האַלטן טעאַטער־מענטשן, איז אויך צוגלייך אַ טראַגיקער. טרעפֿט איר צווישן זיינע לייכטע שפּילערייען פֿיגורלעך און סיטואַציעס, וואָס רירן אייך מיט זיין טראַגיקאָמיק ביז ווייטיג. אין זיין שרייבן, ווי אין זיין נאַטור, ליגט אַ ניצוץ פֿון אַ סאַטיר — האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיג ליפּצין איז שטענדיג אַ שמייכלדייער; אָבער אין זיין שמייכל טליעט ערגעץ־וואו אַ פֿאַר־באָרגענער צער. אין זיין הומאָר איז שטענדיג אַדורכגעזאַפּט מיט עפּעס אַ טיפֿן ערנסט, ווי ער וואָלט וואָרענען: נישט שטענדיג קאָן מען לאַכן!"...

**פּ. נאָוויק** (פֿון זיין רעדע, 22טן מאַי, 1954):

„....סעם ליפּצין איז ניט קיין לייכטער יונג און לעבער. אים ארן זאַכן: עס הערט אים ניט אויף צו אין; און ווען ער ווערט אָנגעלאָדן מיט אומרו — און ווען פּאַסירט עס דען ניט? נעמט ער זיך ווידער צום משל מיטן נמשל, ווי מיט העכער פֿערציג יאָר צוריק אויף די סאָציאַליסטישע מיטינגען. אָדער צו די וויצן, צו די גראַמען. און אַלץ מיט אַ מיין, מיט אַ שטאָך, מיט אַ פֿליעסקע פֿון פֿרייד — און אַלץ מיט אַ ציל.

„ליפּצין איז, לויט מיין מיינונג, איבער אַלץ — אַן אינסטיטוציע. און דאָס איז אפשר די בעסטע באַצייכענונג פֿאַר אים. אַ קעמפֿער, אַ בויער, אַ שרייבער, אַ שנײַדער, אַ קאַמ־פֿעינער, אַ רעדנער, אַ געלט־זאַמלער (פֿאַר דער באַוועגונג), אַ פּאַרל־יענער, אַ פֿריילעך־מאַכער. און דאָס איז ווייט ניט אַלץ. ליפּצין איז אויך געשיכטע. זיין בוך ,אַמאָל איז געווען׳ איז איינער פֿון זיינע וויכטיקסטע ביכער. און אַ גרויסער ביישטייער צו דער געשיכטע, צו דער אינטימער, מענטש־מענטשלעכער געשיכטע פֿון שאַפּ־אַרבעטער, זיינע ליידן און פֿריידן".

**ד. קאַרפּינאָוויטש** („פֿאָלקס שטימע", פּוילן, 25טן פֿעב., 1956).

„...סעם ליפּצין שרייבט ניט גלאַט־אַזוי. זיין שרייבן איז ציל־געווענדעט און ציל־באַוואוסטזיניג.

„אין איינעם פֿון זיינע אַפֿאָריזמען זאָגט סעם ליפּצין: ,אַ שרייבער וואָס איז רייך אין געדאַנקען, דאַרף זיך ניט וואַרפֿן מיט קיין ווערטער׳. די דאָזיגע מעקסימע ווענדעט דער אויטאָר אָן קודם־כל לגבי זיך אַליין. זיינע ווערטלעך זיינען קאָנסטרואירט לאַקאָניש און ,קאָמפּאַקט׳, אין רעזולטאַט פֿון וואָס זיי זיינען זייער שלאָג־פֿערטיג. זייער שטאָך טרעפֿט אין פּינטל אַריין.

„הגם סעם ליפּצין איז קודם־כל סאַטיריקער און פֿעליטאָניסט פֿאַרגעסט ער נישט אונז צו זאָגן, אַז אויך ביים שרייבן הומאָר ,מוז דער שרייבער זיין ערנסט׳. די דאָזיגע ערנסטקייט פֿון ליפּצינ׳ס סאַטירע שטאַמט פֿון זיין קלאָרן קלאַסן־באַוואוסטזיין".

**פּ. קאַטאָווסקי** („היינט" אַרגענטינע, 11טן דעצעמבער, 1949):

„סעם ליפּצינ׳ס בוך איז אַ קוואַל פֿון מאַטעריאַל פֿאַר ווישפּילער און דראַמקרייזן. ער איז אַ מזל־ברכה פֿאַר רעציטאַטאָרס און קולטור־אונטערנעמונגען. עס איז פּאַרטיגער מאַטעריאַל, וואָס בעט זיך ממש: נעם און רעציטיר מיך! ס׳איז לעבעדיג און שפּילעוודיג. ס׳איז קרומער שפּיגל. דער עולם ווערט לאַכן — אָפּטמאָל פֿון זיך אַליין און — נישט קשה — אויך עפּעס לערנען".

# אַ דאַנק אייך!

אין די שווערע טעג פונם גרויסן געראַנגל פאַר אַ בעסערן מאָרגן צו לעבן אין פרייד און פרידן, נ״ל איך זיך געגליקלעך, וואָס איך קאָן ביישטייערן מיין שרייבן אַרויסצורופן אַ שמייכל ביי די אידישע פאָלקס־מאַסן.

דאָס איז פאַר מיר די בעסטע באלוינונג און דערמוטיגט מיר צו שאַפן.

ביי דער געלעגנהייט דריק איך אויס מיין האַרציגן דאַנק צום בוך־קאָמיטעט, צו די ספּאָנסאָרס, צו אַלע אַבאָנענטן, לייענער און פריינט פאַר זייער אינטערעס און דערמעגלעכן די דערשיינונג פון מיין זעקס־און־צוואַנציגסטן בוך „ווי זאָגט דער פעטער״.

דער מחבר

## בוך־קאָמיטעט און ספּאָנסאָרס איבערן לאַנד

### קענזעס סיטי

לזכרון די קולטור־טוער
ישראל דזשעיקאָבס
(קענזעס סיטי)
סעם מאַנעוויטש
(סט. לואיס)
מאַקס און פרוי אַלטמאַן
סעם און פרידא ברעגער
איזי און אסתר בעקער
די פריינט בעקער
דזשעק און סילוויא קאָהן
גאָס און פרוי
איגלשטיין
רחל פאָזנער
ס. ראפעפּאָרט און פרוי
דזש. פאָזנער און פרוי

•

### סט. לואיס

לזכרון סעם מאַנעוויטש
פעני און קינדער מאַנעוויטש
לואי און אידיט גערשנזאָן

•

### עלסינאָר, קאַליפ.

לזכרון דער קולטור־טוערין
איזוואַ שוואַרץ
שמואל שוואַרץ
מ. בלום

### דאַלעס, טעקסעס

לזכרון די קולטור־טוער:
אב לאַנדסבערג
(דאַלעס)
טעם און גרישא סאָנשיין
(סאַן אַנטאָניא)
פרענק און לילי מעלניק
הערי און פרוי אנדער
פ. און פרוי באקמאַן
דוד פריד
סעם אלטערפריינט
בעקי לעווין

•

### יוסטאָן, טעקסעס

דר. ליאָ און טילי
מייזאַוו און קינדער
לכבוד זייער פאַמיליע אין
ישראל
לואי און דאָרע ווערסלער

•

### ל. א., קאַליפאָרניע

יעקב און דאָרע ראַבינאָוו
סעם און בעטי ראַבינאָוו
מאַקס און טאַניאַ שטיינבערג
מישא און פעני גאָלאָס
מערי און נייטאָן גאַרפילד

הערשל און סאָניא קאָהן
יוסף און סאָניא קאַראַבעלא
נייטאָן און פרוי קאַרפּילאָה
יודל פאַרבער
סעם גראָס
נייטאן און סיליע אַפּעל
ביטריס גרייבער
אייב קענדזער
סעם און פעני העלין
פאולין און ד. רובין
ראוז וואַנעטיק
חיים און חנה בוקרינסקי
באַרנעט און פעני קופער
דזש. און סאָפי גודמאַן
סעם און פרוי קלעמפּנער

•

### פּאַטאַלומא, קאַליפ.

פּאַטאַלומער אידישער
קולטור־קלוב
יוסף און ראוז גרינשפאַן
לואי און חוה אַלבערט
באָריס און יעטא גורשטיין
א. בינעמאַן (ס. פ. קאַליפ.)
י. דזשעיקאָבסאָן
שאול און פרוי האָפמאַן
טש. און חנה פרידמאַן
(אָקלאַנד, קאַליפ.)
וועלוול און איידע קאַפּלאַן
(ריטשמאָנד, קאַליפ.)

## טוסאָן, אריז.

לזכרון די קולטור־טוער
**בערטאַ עפשטיין**
**משה רעזניקאָוו**
חיים עפשטיין און פאַמיליע
חנה בוגין
גאָלדע גייל (פיניקס)
לזכרון איר מאַן ה. גייל

•

יעקב און יהודית מייסטער
(מילוואָקי)

•

לייב בן יצחק סטאַלאָוויטש
(שיקאַגאָ, איל.)
ס. ריסמאַן און פריינט
(דענווער)

•

## קאַנאַדאַ

יוסף בעקער
דזש. שטיין

## פלאָרידאַ

**לזכרון משה האַלטמאַן**
רוט האַלטמאַן
אסתר און דזשעק פעלדמאַן
הערשל און כאַסיע קאַרט
מ. און מארטא לענשיטץ
העלען ראָזענאָף
משה דאהינסקי
ס. מאַלעקאָף
זעליג און כאַסיע בוש
נייטאַן און נעטי גאָלוב

•

## דעטראָיט

לזכרון
משה און חיה אַקרענט
אהרן און סאַשע דיסטעל
מענדל און חיה גאָלדין
עסטרין
אייזיק און פלאָרא קעסלער
אייב און נעלי בערניקער

מאָריס סיטרין
וועלוול מאַגיד און פרוי
(קליוולאַנד)

•

## ניו דזשוירזי

אייב און מערי ראָזען
מאַרקוס און אידיט
זעלצמאַן
חוה און ישראל שורעק
אברהם עפשטיין
איידע און בערל געקער

•

חיים אברך (ראָק איילאַנד)
סעם בלייוויס
(רייסין, וויס.)
דניאל און מרים בעקער
(האַרטפאָרד)
סאָל רעכטמאַן (אַלאַבאַמאַ)
א. ה. לעווענסאָן
(פענסילוועניע)
לואיס סילווערמאַן (מאַס.)

# בוד־קאַמיטעט און ספּאָנסאָרס פון ניו־יאָרק

הערשל און פעני קעסלער
ראובן האָך
גאָלדע דוביצקי
לזכרון איר מאַן
אברהם דוביצקי
שמואל און דבורה בעקער
סאָפי באַבריק
ראָשע און יוסף שאַפּיראָ
דר. מאַקס סילווער
מרים באומעל
אסתר און דזשעק טון
אַרטשי און אַנאַ קאָרן
יעקב און פייגל אַדלער
יוסף און ביילע טשאַרנאָווער
שמואל און חנה קויפמאַן
פיליפ גאָלדבערג
אָסקאַר לאַנדיס
דוד און פרוי קעס
יוסף ווין
אברהם ראַמבאַם
לואיס סיב
לזכרון זיין פרוי

א. שיינוק
ב. וועלער
וועלוול ראָזענבלאַט
דוד און זאַשע טויכנער
דזש. קאָבלענץ

•

שניהער קולטור סאָסייעטי
לייבל האָפמאַן
אברהם קאָלב
סעם לייבאָוויטש
סאָל פאסיקאָוו
מאָריס שניהערמאַן
סעם און אסתר סטוירן
סערע אַדעסער
לזכרון אורווינג אַדעסער

•

אַראָן האַליטשין
עליאָס מאַרקס
אסתר און סעם קעלערמאַן
ראובן בודאַ
אַנאַ קוואַסניק
י. לעווין
היימאַן סילווער

יאַנקל דאָראָשקין
רוט קעניגסבערג
חיים און ראוז אייזענבערג
דוד און סאָפי ראָזען
עמאַ און דזשעק בורלאַנט
סאָניאַ טשייקין
אייב קליין
מילי האַלפּערן
לזכרון איר מאַן
אב. האַלפּערן
דוד פלוגער
היימאַן הענדלמאַן
מאַקס און סיליע
לינדענבאום
יאַשאַ אייזענבערג
לזכרון דר. מאַניאַ
אייזענבערג
יעקב (פּאָפּ) און אניוטאַ
ראָטמאַן
ישראל און סילוויאַ גאַרעליק
אַנאַ ווייסמאַן
לזכרון לאַזאַר ווייסמאַן